STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00155

DER OYTSER FUN ALE MEDROSHIM

Y. Y. Zevin

Permanent preservation of this book was made possible by
David, Jon, Carmen, Judy, Abe, & Alex
in honor of
the 50th anniversary of Melvin & Cynia Shimm, August 15, 1998

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אוצר
פון אלע מדרשים

אלע אגדות, ערצעהלונגען און משלים, ארויסגענומען
פון מדרש רבה, מדרש תנחומא, מדרש חמש מגילות,
מדרש שוחר טוב, זוהר, מדרש אגדה, ילקוט שמעוני,
ספר הישר, און פון אלע אנדערע מדרשים

איבערזעצט
—פון—

ישראל י. זעווין (תשר״ק)

אין פיער טייל

ערשטער טייל

ניו יארק
Tashrak Publishing Co., 185-187 East Broadway, N. Y.
תרפ״ן

Legends from the Midrash

Copyright 1926 by
ISRAEL J. ZEVIN

(Printed in the United States of America).

Presswork and Binding by
Montauk Bookbinding Corp., 194 Greene St., New York
U. S. A.

צום אנדענקען פון אַ נאָבעלען פריינד

פראָפ. אליעזר (גאָטהאַרד) דייטש ז"ל

וועלכער האָט מיך פיעל ערמוטהיגט אין מיין אַרבייט.

די קוועלען פון די אגדות וואס קומען אריין
אין דיעזער זאמלונג
„דער אוצר פון אלע מדרשים“

מדרש אבכיר
מדרש אגדה
מדרש איכה רבתי
אוצר מדרשים
אלפא ביתא דבן סירא
ברייתות און פסיקתות
דברי הימים למשה רבינו
זוהר
זוהר החדש
חכמת שלמה
יוסיפון
ילקוט ראובני
ילקוט שמעוני
כל אגדות ישראל
כתובים אחרונים
מדרש מגילת אסתר
מכילתא
מדרש משלי
מנורת המאור
ספרא
ספרי

סדר הדורות
ספר הישר
ספר חסידים
ספורי מעשיות
לר' נסים גאון
מדרש עשרת הדברות
פרקי דר' אליעזר
מדרש קהלת
מדרש רבה
על חמשה חומשי תורה
מדרש רבותינו
מדרש רות
מדרש שוחר טוב
מדרש שיר השירים
מדרש שמואל
מדרש תנחומא
תנחומא הקדום
תנא דבי אליהו רבה וזוטא
תרגום שני למגילות

אינהאלט - פערצייכנים

פון

ערשטען טהייל

איינלייטונג 15

1. ווער האט די וועלט בעשאפען? 15
(מדרש תנחומא, בראשית)

2. געוואלט ווערען א גאט 18
(תנחומא, בראשית)

3. דער פונדאמענט פון דער וועלט 20
(פרקי דר׳ אליעזר, ג׳)

4. זאמד און ערד 21
(מדרש שוחר טוב, מזמור צ״ג)

5. דער שרעק פון די בוימער 22
(בראשית רבה, ה׳)

6. אמת קומט פון דער ערד 22
(בראשית רבה, ה׳)

7. ערד און מענש 23
(פרקי דרבי אליעזר, י״ב)

8. די בעשאפונג פון חוה 24
(בראשית רבה, י״ח)

9. דער בעסטער שדכן 26
(בראשית רבה, ס״ח)

10. די טייערסטע זאך אויף דער וועלט 27
(שיר השירים רבה, א׳)

11. געפונען א גוטע פרוי 28
(שוחר טוב, נ״ט)

12. אלץ ווענדעט זיך אין דער פרוי 29
(בראשית רבה, י״ז)

13. א פרוי'ם ליעבע 29
(בראשית רבה, כ׳)

14. די אייבינע שנאה 30
(מבוא תנחומא הקדום)

15. די זיבען וועלטען 32
(תנחומא, פקודי ; קהלת רבה, א׳)

16. אלץ צוליעב דעם מענשען 34
(תנא דבי אליהו רבה, א׳)

17. דער ערשטער טרעהר 35
(כל אגדות ישראל)

18. פאר וועמעם זינד? 36
(זוהר, פרשת בראשית)

19. קין און הבל 37
(מדרש רבה און תנחומא, פרשת בראשית)

20. די וואראנעם לוין 40
(פרקי דר״א, כ״א)

21. קין'ס סוף 41
(תנחומא, בראשית)

22. די געפאלענע מלאכים 43
(ילקוט, בראשית)

23. דער וועג צום הימעל 45
(ספר הישר, בראשית)

24. דער דור המבול 51
(בראשית רבה, י״א, און אנדערע קוועלען

25. ווען די חיות האבען געוויינט 54
(ספר הישר, נח)

26. דעם שקר'ס שותף 55
(מדרש שוחר טוב, מזמור ז׳)

27. עוג מלך הבשן 56
(פרקי דר״א, כ״ג)

28. דער שטן העלפט פלאנצען א וויינגארטען 57
(תנחומא, נח)

29. ער בעקומט זיין טרונק 58
(ויקרא רבה, י״ב)

30. דעם שכור'ס גן־עדן 59
(תנחומא, שמיני)

31. אויסגעפּעהלט די מאַס 61
(ויקרא רבה, י"ב)

32. דער גרויסער שטערן 62
(ספר הישר, נח)

33. אברהם און נמרד 67
(ספר הישר, תנא דבי אליהו זוטא)

34. אברהם אין קאַליך אויווען 71
(ספר הישר)

35. נמרד'ס חלום 74
(ספר הישר און אנדערע קוועלען)

36. אברהם און שרה לערנען זייערע מיטמענשען 76
(ספר הישר)

37. אויף אברהם'ס וואַנדער־וועג 78
(בראשית רבה, ל"ט)

38. דער מלאך און זיין שטעקען 79
(תנחומא, לך־לך)

39. אברהם'ס גרויסקייט און עניוות 80
(פדר"א, כ"ז; בר"ר און תנחומא, לך־לך)

40. שרה און הגר 83
(בראשית רבה, מ"ה)

41. דאָס געבעט פון דעם „יוד" 84
(בראשית רבה, מ"ז)

42. שרה'ס שעהנקייט 85
(בראשית רבה, מ׳)

43. לוט און זיין ווייב 85
(בר"ר און תנחומא, וירא; פדר"א, כ"ה)

44. ביים שיין פון זון און לבנה 88
(בראשית רבה, ג׳)

45. דעם שטן'ס העצע 89
(ספר הישר; זוהר, חלק בראשית)

46. ישמעאל און יצחק 90
(פרקי דר"א, ל׳, און אנדערע קוועלען)

47. אברהם פערטרייבט הגר'ן 92
(פרקי דר"א, ל׳)

48. א קלוגע עצה 93
(ספר הישר; פדר"א, ל׳)

49. די גוטע מעשים פון אברהם און שרה 96
(בר"ר, נ"ד; זוהר, בראשית)

50. ווען אברהם איז געוואָרען אין כעס 99
(כל אגדות ישראל)

51. דער גרויסער נסיון 102
(בר"ר, נ"ג—נ"ה; תנחומא, וירא; ספר הישר און אנד.)

52. דעם שטן׳ס פּלענער 106
(תנחומא, וירא)

53. דער גרויסער אָבהאַלט 109
(תנחומא, וירא, און אנד. קוועלען)

54. ווען די מלאכים האָבען געוויינט 110
(פּדר"א, ל"א, און אנד.)

55. די אָדערען פון באַראַן 114
(פּדר"א, ל"א)

56. שרעק, פרייד און טויט 115
(ספר הישר)

57. יצחק און אברהם אין טרויער 116
(ספר הישר און אנדערע קוועלען)

58. שרה׳ס לויה 118
(כל אגדות ישראל לויט פערשידענע קוועלען)

59. א רויז צווישען דערנער 121
(בר"ר, ס"ג; מדרש שה"ש, ב׳)

60. אליעזר זוכט א ווייב פאר יצחק׳ן 122
(ספר הישר און אנד).

61 לבן און בתואל זוכען אליעזר׳ס פריינדשאַפט 125
(בר"ר, ס׳; כא"י)

62. רבקה און יצחק 128
(כל אגדות ישראל לויט פערשידענע קוועלען)

63. דער געבורט פון יעקב און עשו 130
(ספר הישר און אנדערע קוועלען)

64. די וועגען פון יעקב און עשו 132
(בר"ר, ס"ג—ס"ה; תנחומא, תולדות)

65. נמרד, עשו און דער טאָפּ לינזען 134
(ספר הישר, בר"ר, ס"ג, און אנד.)

66. עשו און דער שטן 137
(רבה און תנחומא, תולדות; פּדר"א, ל"ב)

67. רבקה און יעקב 139
(רבה און תנחומא, תולדות)

68. עשו׳ס געוויין און יצחק׳ס רחמנות 141
(רבה און תנחומא, תולדות)

69. א שרעקליכער פלאן 143
בר"ר, ס"ז; [זעה סוטה דף י"ג])

70. לבן און יעקב 144
(פדר"א, ל"ו; בר"ר, ע', און אנד.)

71. יעקב'ס אבמאך מיט לבנ'ן 147
(רבה און תנחומא, ויצא)

72. לבן נארט אב יעקב'ן 148
(בראשית רבה, ע'—ע"א)

73. די ערשטע מטבעות 151
(בראשית רבה, ע"ט, און אנד. קוועלען)

74. רבקה'ס טויט 153
(כל אגדות ישראל לויט פערשידענע קוועלען)

75. דער ערשטער פרעה 154
(ספר הישר)

76. מכירת יוסף 158
(ספר הישר)

77. די הארץ פון א וואלף 163
(ספר הישר)

78. דער ווארנדערליכער כוס 164
(רבה און תנחומא, וישב)

79. זליכה'ס ליעבע 166
(ספר הישר)

80. די חכמה פון יוסף הצדיק 169
(ספר הישר און אנדערע קוועלען)

81. אויסגעזוננגען די גוטע בשורה 175
(ספר הישר)

82. פרעה'ס חלום 176
(ספר הישר)

83. משה און פרעה'ס קרוין 180
(שמות רבה, א')

84. משה זעהט די ליידען פון זיין פאלק 181
(שמות רבה, א')

85. א פאמיליען טראגעדיע 183
(ספר הישר און אנדערע קוועלען)

86. שבת אין מצרים 184
(שמות רבה, א')

87. צוגעאיילט די גאולה 185
(פרקי דר"א, מ"ח)

88. משה און יתרו'ס טעכטער 187
(שמות רבה, א', און אגד.)

89. פרעה'ס צרעת 189
(שמות רבה, א')

90. קינדער אנשטאט ציגעל 191
(ספר הישר)

91. משה און די ציגעלע 193
(שמות רבה, ב')

92. די גרויסע זעהונג 194
(שמות רבה, ב')

93. אידישע טרייהייט 195
(במדבר רבה, ט"ו)

94. די גרעניצען פון מצרים 196
(שמות רבה, ה')

95. די שטראף פון שוועכלינגע 197
(שמות רבה, ה')

96. אין פרעה'ס פאלאץ 198
(שמו"ר, ה'; ילקוט שמעוני, וארא, און אגד.)

97. ים און ערד 202
(פון פערשידענע קוועלען)

98. עוזא און מיכאל 202
(פון פערשידענע קוועלען)

99. דער שטן איז מקטרג 505
(פון פערשידענע קוועלען)

100. די טעמים פון מן 206
(ילקוט שמעוני, בשלח, און אגד.)

101. דער טעם ליעגט אין דעם זעהן 207
(קהלת רבה, ה')

102. איידער די תורה איז געגעבען געווארען 208
(מדרש שה"ש; ילקוט שמעוני)

103. גאט און זיין משפט איז גערעכט 210
(כל אגדות ישראל)

104. די טויערען פון חסד 204
(תנחומא, תשא)

105. קרח דער ליץ 215
(ילקוט שמעוני, קרח; שוחר טוב, א')

106. גוטע קינדער פון א שלעכטען טאטען 217
(תנחומא, קרח; כל אגדות ישראל)

107. העבער און העבער 218
(רבה און תנחומא, פנחס; כל א"י)

איינלייטונג

מיט איבער פיער יאהר צוריק, ווען איך האָב פערענדיגט מיין ווערק „אַלע אגדות פון תלמוד" (דער עין יעקב אויף אידיש) האָב איך צום סוף פון דער איינלייטונג געגעבען א פערשפּרעכען אַרויסצוגעבען אויך די אגדות פון אַלע גרויסע און קליינע מדרשים.

מיט די יעצטיגע פיער בענדער „ד ע ר א ו צ ר פ ו ן א ל ע מ ד ר ש י ם" האָב איך מיין פערשפּרעכען ערפילט.

די דריי בענדער אגדות פון תלמוד, וועלכע זיינען בעקאַנט געוואָרען אַלס „דער עין יעקב אויף אידיש", און דיזע נייע פיער בענדער, „דער אוצר פון אַלע מדרשים", שטעלען צוזאַמען די גרעסטע זאַמלונג פון אגדות, ערצעהלונגען, משלים און פילאָזאָפישע פּערל פון אונזער אַלטע ליטעראַטור, איבערזעצט אין אונזער מאַמע לשון.

אין דיזער נייער ווערק קומען אריין די אגדות, ערצעהלונגען, משלים, אנעקדאָטען, פּאָעטישע און פילאָזאָפישע פּערל פון אַלע גרויסע און קליינע מדרשים, ווי: מדרש רבה, מדרש תנחומא, תנחומא הקדום, מדרש אגדה, זוהר, זוהר החדש, מדרש חמש מגילות, מדרש שוחר טוב, ילקוט שמעוני, תנא דבי אליהו, פרקי דר׳ אליעזר, אלפא ביתא דבן סירא, ספר הישר, יוסיפון, כתובים אחרונים און פיעלע אַנדערע מדרשים און מאספים פון מדרשים, אַזוי ווי אייזענשטיינ׳ס „אוצר מדרשים". אויך זיינען דאָ אריין אַ היבשע ביסעל ערצעהלונגען פון „ספר המעשיות" לר׳ נסים גאון.

עס זיינען דאָ ערצעהלונגען און אגדות וואָס געפינען זיך אי אין תלמוד און אי אין מדרש, אָבער איך האָב אין דיזער זאַמלונג אריינגענומען נאָר אַזעלכע וואָס געפינען זיך ניט אין מיין פריהערדיגע ווערק „אַלע אגדות פון תלמוד", אָדער „דער עין יעקב אויף אידיש", ווייל איך רעכען דיביידע ווערק אַלס איין ווערק.

אויב די זעלבע מעשה ווערט אין מדרש אַנדערש דערצעהלט ווי אין תלמוד, האָב איך די מעשה אריינגעגעבען אַזוי ווי זי שטעהט אין מדרש, אום די לעזער זאָלען עס

קענען פערגלייכען מיט דעם וואריאנט אין תלמוד. צו דיעזע וואריאנטען געהערען די אגדות פון „עקידת יצחק", „יציאת מצרים", די מעשה'לעך וועגען אסתר, מרדכי, איוב און די אלמנות, די מעשה'לעך וועגען בר קפרא, די טראגעדיע פון ר' חנינא בן תרדיון און נאך אייניגע.

די מעשיות „גאט און זיין משפט איז גערעכט" און „דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען", דענק איך אז זיי שטאמען פון אראבישען. די ערשטע האב איך געפונען אין לעווגער'ס „כל אגדות ישראל", די צווייטע איז א פאלקס־לעגענדע, וועלכע איך האב געהערט מיט יאהרען צוריק. איך האב דיעזע ביידע מעשיות אריינגענומען אין דער זאמלונג צוליעב זייער גרויסען מאראלישען ווערטה.

די איבערזעצונג פון די „משלים פון מדרש", וועלכע געפינען זיך אין דעם פיערטען באנד איז א גאנץ נייע ארבייט וועלכע קיינער האט נאך ניט געטאהן. דאס איז אן אוים־וואהל פון די בעסטע משלים פון מדרש רבה און חמש מגילות און אויך אן אויסוואהל פון די שעהנסטע משלים פון אנ־דערע מדרשים.

די זיבען בענדער „אגדות" פון תלמוד און פון מדרשים, איז דער רעזולטאט פון אכט יאהר שווערע ארבייט, פון א סך ניט־דערשלאפענע נעכט און כמעט איבערנאטירליכע אנ־שטרענגונג. איך האב נאך בדעה צו מאכען אן איבערזעצונג פון די שפריכווערטער פון תלמוד און מדרש, און אזוי גיך ווי איך וועל זיך אברוהען פון דיעזער ארבייט, וועל איך זיך נעהמען צו איבערזעצען די שפריכווערטער, אום צו מאכען דעם גרויסען אוצר פון תלמוד און מדרש, אין א אידישער איבערזעצונג, פאלקאמען.

איך דריק אוים א הערצליכען דאנק צו מיין חבר און פריינד מר. דוד איידעלסבערג פאר זיין הילפע וואס ער האט מיר געלייסטעט צו פערפערטיגען דיזע ארבייט צו דער בע־שטימטער צייט.

ישראל יוסף זעווין
(תשר"ק).

ניו יארק, מנחם אב, תרפ"ו.

1

ווער האָט די וועלט בעשאַפען?

אַן אַפּיקורס איז איינמאָל געקומען צו רבי עקיבא און האָט געפרעגט:

„ווער האָט בעשאַפען די וועלט?"

„דער אייבערשטער", האָט רבי עקיבא געענטפערט.

„גיב מיר אַ קלאָרען בעווייז!" האָט דער אַפּיקורס געפאָדערט.

„קום מאָרגען".

אויף מאָרגען אַז דער אַפּיקורס איז געקומען, האָט רבי עקיבא איהם געפרעגט: „זאָג מיר, וואָס טראָגסטו אויף זיך?"

„אַ בגד".

„און ווער האָט איהם געמאַכט?"

„אַ וועבער.

„איך גלויב דיר ניט", האָט רבי עקיבא געזאָגט. „גיב מיר אַ קלאָרען בעווייז!"

„און וואָס קען איך דיר בעווייזען? דו ווייסט דען ניט אַז אַ וועבער האָט דאָס בגד געמאַכט?"

„און דו ווייסט דען ניט אַז דער אייבערשטער האָט בעשאַפען די וועלט?"

איז דער אַפּיקורס אוועק אַ בעזאָרגטער.

„רבי!" האָבען די תּלמידים געפרעגט ביי רבי עקיבא. וואו איז דאָ דער קלאָרער בעווייז?"

האָט רבי עקיבא געענטפערט: „ מיינע קינדער! אַזוי ווי די הויז צייגט אַז עס איז דאָ איינער וואָס האָט זי געבויט, און דער בגד צייגט אַז איינער האָט איהם געוועבט,

און די טהיר צייגט אז עס איז דא א טישלער וואס האט זי געמאכט, אזוי צייגט די וועלט אויף דעם אייבערשטען וואס האט זי בעשאפען.״

2

געוואָלט ווערען אַ גאָט

אז אדריינוס דער מלך פון אדום האט איינגענומען די גאנצע וועלט איז ער געקומען אין רוים און האט געזאגט צו זיינע האפהערען: „איך פערלאנג פון אייך אז איהר זאלט מיך מאכען פאר א גאט, ווייל איך האב איינגענומען די גאנצע וועלט״. האבען זיי איהם געענטפערט: „דו האסט נאך ניט בעהערשט זיין (גאט׳ס) שטאדט און זיין הויז״. איז אדריינוס אוועק און האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש און פערטריבען די אידען אין גלות. נאכדעם איז ער צוריקגעקומען אין רוים און האט געזאגט: „איך האב שוין חרוב געמאכט זיין הויז און האב פערברענט זיין פאַלאסט און האב פערטריבען זיין פאלק. יעצט מאכט מיך פאר א גאט״.

ר׳ ברכיה דערצעהלט: דריי פילאזאפען האט אדריינוס געהאט. האט איהם איינער געענטפערט: „קיינער קען זיך ניט אויפשטעלען נעגען א מלך אין זיין פאלאסט, נאר אויסען דעם. געה ארויס פון זיין פאלאסט ועסטו קענען ווערען א גאט. ערד און הימעל האט ער בעשאפען, געה ארויס פון זיי וועט מען דיך מאכען פאר א גאט״.

דער צווייטער פילאזאף האט געענטפערט: „דו קענסט קיין גאט ווערען, ווייל ער האט שוין לאנג געזאגט צו זיינע

נביאים (ירמיהו, י): „אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו זיי, די וואָס דיענען ניט גאָט פון הימעל און ערד זאָלען פערלאָרען געהן פון דער ערד און פון אונטער דיזע הימלען".

דער דריטער פילאָזאָף האָט געזאָגט: „איך בעט דיך, העלף מיר יעצט אויס".

„וואָס איז געשעהן?" האָט אדריינוס געפרעגט.

„איך האָב אַ שיף", האָט דער פילאָזאָף געענטפערט. „איז זי געבליבען שטעהן אין זאַמד און קען זיך ניט ריה־רען פון אָרט און אַלע מיינע אוצרות געפינען זיך אין דער שיף".

„גלייך שיק איך אַהין מיינע מענשען מיט שיפען זי צו ראַטעווען", האָט אדריינוס געזאָגט.

„מיין האר!" האָט אויסגערופען דער פילאָזאָף. „צו וואָס זאָלסטו בעמיהען דיינע מענשען מיט שיפען אַהין? שיק אַ קליין ווינטעלע און מיין שיף וועט זיך ריהרען פון אָרט".

„און וואו זאָל איך דיר נעהמען אַ ווינטעל?" האָט אדריינוס געפרעגט.

„וואָס?" האָט דער פילאָזאָף כלומר'שט זיך געוואונ־דערט. „אַ ווינט קענסטו ניט מאַכען, היינט ווי קענסטו ווערען אַ גאָט?"

אדריינוס איז אַוועק און געקומען אַ היים אַ פערצומער־טער. האָט צו איהם זיין פרוי געזאָגט:

„דו ביזט אַ גרויסער קעניג און אַ גבור, און אַלעס ליגט אין דיין מאַכט. איך וועל דיר עפּעס זאָגען: ווילסטו ווערען אַ גאָט גיב איהם אַוועק זיין פקדון וואָס ער האָט דיר געגעבען צו האַלטען, וועסטו ווערען אַ גאָט".

„וואָס איז דער פקדון?" האָט אדריינוס געפרעגט.

„די נשמה!" האָט זי געענטפערט.

„אז עס וועט מיר ארוים די נשמה, ווי וועל איך לעבען?“ האט ער געפרעגט.

„זעהסטו“, האט זי געענטפערט, „דו קענסט ניט הער־שען איבער דיין אייגענע נשמה, היינט ווי קענסטו ווערען א גאט?“

3

דער פונדאמענט פון דער וועלט

אז דעם אייבערשטען איז ארויף אויף דער מחשבה צו בעשאפען די וועלט. האט ער געצייכענט פלענער ווי די וועלט צו מאכען, אבער ער האט איינגעזעהן אז זי וועט זיך ניט האלטען.

מען קען דאס פערגלייכען מיט א משל: א מלך וואס וויל זיך בויען א פאלאסט, איידער ער צייכענט ניט אוים ריכטיג זיינע פונדאמענטען, זיינע אריינגאנגען און זיינע אויסגאנגען, הויבט ער ניט אן צו בויען.

אזוי האט דער אייבערשטער געצייכענט פאר זיך דעם גאנצען פלאן פון דער וועלט, אבער ער האט איינגעזעהן אז די וועלט וועט זיך ניט קענען האלטען צוליב די זינד פון די מענשען...

האט ער פריהער בעשאפען די תשובה. אז מענשען וואס געהען אוועק אויף א שלעכטען וועג זאלען קענען חרטה האבען און ווערען צוריק ארענטליך. און אזוי האלט זיך די וועלט אויף תשובה.

4

זאַמד און וואַסער

די וואַסערען האָבען זיך געהויבען און געהויבען ביז זיי זיינען געווען נאָהענט פון כסא הכבוד. האָט דער אייבער־שטער אויסגערופען: „יקוו המים!“ די וואַסערען זאָלען זיך האַלטען אין איין אָרט. ווען די ערד האָט עס געהערט האָט זי אַרויסגעגעבען פון זיך בערג און עס זיינען געוואָרען טהאָלען. זיינען די וואַסערען אַריין אין די טהאָלען. שפּעטער האָבען די וואַסערען ווידער בעקומען מוטה און גענומען זיך בעריהמען: „מיר זיינען די שטאַרקסטע אויף דער וועלט! לאָמיר פערפלייצען די גאַנצע ערד!“ האָט דער אייבערשטער אויף זיי זיך אָנגעבייזערט און געזאָגט: „בעריהמט זיך ניט מיט אייער גבורה! איך וועל אויף אייך אָנשיקען דעם זאַמד און ער וועט פאַר אייך זיין אַ גרעניץ וועלכען איהר וועט ניט קענען אַריבער!“

ווען די וואַסערען האָבען אָנגעקוקט דעם זאַמד און געזעהן פון וואָס פאַר אַ פּיצינאַטינקע ברעקעלעך ער בע־שטעהט, האָבען זיי פון איהם אָפּגעשפּעט: „וואָס קענען אַזעלכע ברעקעלעך אונז טאָהן? אונזער קלענסטע כוואַליע קען זיי אַריבערגעהן און פערפלייצען“. די זעמדעלעך האָבען זיך דערשראָקען, אָבער דער גרעסערער צווישען זיי האָט זיי געטרייסט: „ברידער, האָט קיין מורא! עס איז אמת מיר זיינען קליינינקע און דינענקע, און יעדער איינער פון אונז, ווען ער איז פאַר זיך אַליין, איז ער טאַקי גאָרנישט, — אַ ווינט קען איהם פערטראָגען אין עק וועלט. אָבער אַז מיר וועלען זיך האַלטען פעראייניגט צוזאַמען, וועלען די וואַסערען זעהן וואָס פאַר אַ מאַכט מיר האָבען“.

און ווען די קליינע זעמדעלעך האָבען דאָס געהערט זיינען זיי געקומען צופליהען פון דער גאַנצער וועלט און האָבען

זיך צולייגט ביי די ברעגעז פון די ימים, אין הויפענס און אין בערגלעך, און געמאכט א גרעניץ פאר די וואסערען. און ווען די וואסערען האבען געזעהן די גרויסע ארמיי זעמדלעך ווי זיי האלטען זיך צוזאמען האבען זיי בעקומען מורא און זיך אפגערוקט אהינטער.

5

דער שרעק פון די בוימער

ווען די ערד האט אנגעהויבען פון זיך ארויסצוגעבען פלאנצען און בוימער, זיינען אויף דער וועלט געווארען גערטנער און וועלדער. די בוימער האבען שטארק מורא געהאט פאר דעם אייזען. זיי האבען זיך געזאגט; „עס וועט קומען א צייט און דער מענש וועט פון אייזען מאכען העק און וועט אונז אלעמען אויסהאקען און מאכען א סוף צו אונז".

דער אייזען האט געהערט וואס די בוימער ריידען צווישען זיך, האט ער צו זיי געזאגט: „אויב איהר וועט לעבן צווישען זיך בשלום און ניט בעטריגען איינער דעם אנדערען וועל איך אייך גארנישט קענען טאהן,— דען וואו וועל איך נעהמען האלץ אויף א הענטעל פאר'ן האק?"

6

אמת קומט פון דער ערד

ווען דער אייבערשטער האט געוואלט בעשאפען דעם מענשען האבען זיך די מלאכים צוטיילט אין גרופען און אין פארטייען. די האבען געזאגט: „ער זאל יא בעשאפען ווע-

רען". די אנדערע: „ניין, ער זאל ניט בעשאפען ווערען".
די פארטייען זיינען געווען חסד, אמת, צדק און שלום.

חסד האט געזאגט: „ער זאל בעשאפען ווערען, ווייל ער וועט טאהן חסדים און גוטעס".

אמת האט געזאגט: „ער זאל ניט בעשאפען ווערען, ווייל ער וועט זיין פול מיט שקרים, פאלש און בעטריגעריש".

צדק האט געזאגט: „ער זאל בעשאפען ווערען, ווייל ער וועט איינפיהרען גערעכטיגקייט אויף דער וועלט".

שלום האט געזאגט: „ער זאל ניט בעשאפען ווערען, ווייל ער וועט פיהרען קריעג און מלחמות".

וואס האט דער אייבערשטער געטאהן? ער האט גענומען דעם אמת און האט איהם ארונטערגעווארפען צו דער ערד. האבען די מלאכים גענומען טענה'ן: „רבונו של עולם! דעם זינעל דיינעם פערשעהמסטו אזוי און ווארפסט צו דער ערד?" האט דער אייבערשטער געענטפערט: „אמת מארץ תצמח!" דער אמת וועט שפראצען פון דער ערד. ער וועט פערהיטען דעם מענשען פון צו טהאן שלעכטס.

די מלאכים האבען נאך לאנג געטומעלט צווישען זיך וועגען דעם, אויב עס איז כדאי דעם מענשען צו בעשאפען אדער ניט, ביז דער אייבערשטער האט צו זיי געזאגט „וואס קריעגט איהר זיך? — דער מענש איז שוין בעשאפען געווארען!"

—◇—

7.

ערד און מענש

ווען די ערד האט זיך דערוואוסט אז אדם וועט האבען קינדער און זיי וועלען זיין פול איבעראל, האט זי אנגעהויבען צו ציטערען און צו טרייסלען זיך, און זי האט געקלאגט

פאַר איהר בעשעפער: „האַר פון אַלע װעלטען! איך האָב קיין כח ניט צו שפּייזען די שעפּסען פון דעם מענשען!" האָט דער אייבערשטער געענטפערט: „איך און דו צוזאַמען װעלען שפּייזען דעם מענשען'ס שעפּסען". און זיי האָבען ביידע זיך צוטיילט, די נאַכט צום אייבערשטען און דעם טאָג צו דער ערד.

װאָס האָט דער אייבערשטער געטאָהן? ער האָט בע־שאַפען שלאָף װאָס ניט לעבען, און דער מענש ליגט ביינאַכט און דער שלאָף שפּייזט איהם, היילט איהם, און גיט איהם לעבען און רוה. און צו דער זעלבער צייט שטיצט דער אייבערשטער די ערד. און ער טרינקט זי אָן, און זי גיט איהרע פרוכטען און שפּייז צו אַלע לעבעדיגע בעשעפעניסען. אַבער דעם מענשען'ס שפּייז קומט אָן שװער און מיט גרויס מיה. האָט דער אייבערשטער אויף איהם רחמנות בעקומען, און האָט אויף איהם אַרויפגעװאָרפען אַ טיעפען שלאָף, און אדם איז איינגעשלאָפען געװאָרען, און דער אייבערשטער האָט ביי איהם גענומען אַ ביין פון זיינעביינער און פלייש פון זיין האַרצען, און האָט איהם געמאַכט אַ העלפּערין, און האָט זי אַװעקגעשטעלט קעגען איהם. װען אדם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זי אַרומגענומען און געקושט, און האָט זי געבענשט.

8

די בעשאַפונג פון חוה

װען דער אייבערשטער האָט געװאָלט בעשאַפען חוה'ן, האָט ער זיך גוט בעקלערט פון װעלכען טייל פון אדם'ס קערפּער ער זאָל זי בעשאַפען. ער האָט געזאָגט:

„איך װעל זי ניט בעשאַפען פון זיין קאָפּ, כדי זי זאָל זיך ניט האַלטען גרויס.

„איך וועל זי ניט בעשאַפען פון זיין אויג, כדי זי זאָל ניט זיין צו נייגעריג אַלעס צו זעהן.

„איך וועל זי ניט בעשאַפען פון זיין אויער, כדי זי זאָל ניט זיין נייגעריג אַלעס אונטערצוהערען.

„איך וועל זי ניט בעשאַפען פון זיין מויל, כדי זי זאָל ניט זיין אַ פּלאַפּלערקע.

„איך וועל זי ניט בעשאַפען פון זיין האַרץ, כדי זי זאָל ניט זיין אַן אייפערזיכטיגע.

„איך וועל זי ניט בעשאַפען פון זיין האַנד, כדי זי זאָל ניט לייגען איהרע הענד אויף זאַכען וואָס בעלאַנגען ניט צו איהר.

„איך וועל זי ניט בעשאַפען פון זיין פוס, כדי זי זאָל ניט זיין קיין אַרומלויפערקע.

„איך וועל זי בעשאַפען פון אַ בעהאַלטענעם אָרט אין דעם מענשען, אַזאַ אָרט, דאָס ווען אפילו ער שטעהט אַ נאַקעטער איז יענער אָרט פערדעקט".

און אויף יעדען גליעד וואָס ער האָט בעשאַפען אין חוה'ן, האָט ער געזאָגט: „זאָלסט זיין אַ בעשיידענע פרוי, אַ צנועה!"

דאָך, פון דעסטוועגען, איז דעם איבערשטענ'ס גוטער פּלאַן צושטערט געוואָרען. די פרוי האָט זיך גרוים, זי איז נייגעריג אַלעס צו זעהן און צו הערען. זי האָט ניין מאָאס רייד, זי איז אייפערזיכטיג, זי ליעבט צו נעהמען זאַכען וואָס געהערען ניט צו איהר, און זי איז אַן אַרומלויפערקע.

—◇—

9

דער בעסטער שדכן

א רוימישע דאַמע פון דער הויכער געזעלשאַפט האָט איינמאָל געפרעגט ביי ר׳ יוסי בר חלפתא: „אין וויפיל טעג האָט דער אייבערשטער בעשאַפען די וועלט?“

„אין זעקס טעג“, האָט ער געענטפערט. „דען אזוי שטעהט אין דער תורה אז אין זעקס טעג צייט האָט דער אייבערשטער בעשאַפען הימעל און ערד“.

„און וואס טהוט ער זייט דאַן?“ האָט די דאַמע געפרעגט.

„זייט דאַן זיצט ער און שדכנ׳ט פּאָרלעך. ער קלייבט אויס און פּאָרט צוזאַמען מענער מיט פרויען“.

„אָט דאָס איז דען א גרויסע קונסט?“ האָט די דאַמע געזאָגט. „איך קען דאָס אויך טאָהן. איך האָב דאָך אזוי פיעל דיענער און דיענסטען, אין א גאַנץ קורצע צייט קען איך זיי צוזאַמענפּאָרען“.

„אויב ביי דיר קומט עס אויס לייכט. איז דאָס ביי דעם אייבערשטען אזוי שווער ווי שפּאַלטען דעם ים“, האָט ר׳ יוסי בר חלפתא געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

וואס האָט די דאַמע געטאָהן? זי האָט גענומען טויזענד פון איהרע קנעכט און טויזענד פון איהרע דיענסטען, האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייהען, און האָט זיי געפּאָרט, דער זאָל נעהמען יענער און יענע זאָל נעהמען דעם.

אויף מאָרגען זיינען זיי געקומען פאַר איהר, דער מיט א געשפּאָלטענעם מח, דער מיט אַן אויסגעשלאָגענער אויג, דער מיט א צובראָכענער פוס...

„וואס איז מיט אייך?“ האָט די דאַמע געפרעגט ביי די נייע פערהייראַטע פּאָרלעך.

האָבען זיי אָנגעהויבען צו ליאַרמען און צו טומלען, און

פילדערען, דער האָט געשריען: „איך וויל זי ניט פאַר א ווייב!" און די האָט געשריען: „איך וויל איהם ניט פאַר א מאַן!" און אַלע צוזאַמען האָבען געשריען אַז זיי האָבען חרטה אויפ'ן שדוך.

האָט די דאַמע געשיקט רופען ר' יוסי בר חלפתא און זי האָט צו איהם געזאָגט:

„עס איז ניטאַ אַזאַ גאָט ווי אייער גאָט. אמת איז אייער תורה, שעהן איז זי און ליבענסווערטה. און דו האָסט גוט געזאָגט!"

10

די טייערסטע זאַך אויף דער וועלט

אין דער שטאָדט צידן האָבען א פּאָאר פאָלק אָפּגעלעבט צעהן יאהר זעהר גליקליך. נאָר איין זאַך האָט זייער גליק געשטערט, און דאָס איז וואָס די פרוי האָט קיין קינדער געבוירען. זיינען זיי געקומען צו רבי שמעון בן יוחאי אַז ער זאָל זיי גט'ן.

האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט צו זיי:

„אַזוי ווי אין דעם טאָג וואָס איהר האָט זיך איינער מיט'ן אַנדערען פערבונדען האָט איהר געמאַכט א מאָהלצייט, געלאַדען געסט, געגעסען און געטרונקען און זיך משמח געווען, אַזוי זאָלט איהר זיך צושיידען אויך ביי א פרעהליכען מאָהלצייט און זיך צוגעהן מיט פריינדשאַפט."

וואָס האָט די פרוי געטאָהן? זי האָט געמאַכט א גרויסע סעודה און האָט געגעבען איהר מאַן א סך ווײַן צו טרינקען. ווען איהם איז גוט געוואָרען אויפ'ן האַרצען האָט ער צו איהר געזאָגט:

„איידער דו נעהסט אוועק פון מיר, קלייב זיך אוים ביי מיר אין הויז די בעסטע, די טייערסטע זאך, וואס דיר געפעלט און נעהם דאס מיט.“

נאכדעם אז דער מאן איז איינגעשלאפען האט די פרוי א וואונק געטהאן צו איהרע דיענער און האט צו זיי געזאגט:

„טראגט איהם אוועק צו מיין פאטער אהיים“.

האלבע נאכט האט זיך דער מאן אויפגעכאפט פון זיין שלאף און געפרעגט: „וואו בין איך?“ האט די פרוי גע־ענטפערט: „האסטו דען מיר ניט געזאגט אז איך קען זיך אויסקלייבען עפעס א זאך פון דיין הויז און דאס מיט־נעהמען? נו, קיין בעסערע זאך פון דיר פערלאנג איך ניט“.

ווען רבי שמעון בן יוחאי האט געהערט פון דער גע־שיכטע האט ער מתפלל געווען פאר זיי און די פרוי האט געבוירען א קינד.

11

געפונען א גוטע פרוי

רבי עקיבא'ס זוהן האט חתונה געהאט. נאך דער חופה ווען די כלה איז אריין אין זיין צימער האט ער זיך אוועק־געזעצט לערנען תורה און האט געלערנט א גאנצע נאכט. ער האט צו איהר געזאגט: „נעהם דאס ליכט און בעלייכט מיר“, האט זי געהאלטען דאס ליכט פאר איהם א גאנצע נאכט. זי איז פאר איהם געשטאנען און איהם בעלויכטען, און זי פלעגט פאר איהם עפענען איין ספר נאך דעם אנדערען, בלעטערען פאר איהם פון אנפאנג ביז'ן סוף און איהם בע־לויכטען ביז עס איז געקומען דער פריהמארגען.

אין דער פריה האט רבי עקיבא געפרעגט ביי זיין זוהן: „מצא, אדער מוצא?“ (עס מיינט א גוטע פרוי, אדער א שלעכטע?)

„מצא!“ (א גוטע!) האט דער זוהן געענטפערט.

12

אלץ ווענדעט זיך אָן דער פרוי

געווען אַ מאָל אַ פּאָר פאָלק, זיינען זיי ביידע געווען גוט און פרום. אָבער אַז זיי האָבען אָפּגעלעבט צוזאַמען אַ לאַנגע צייט און קיין קינדער זיינען ביי זיי געבוירען געוואָרען, האָבען זיי געזאָגט: „מיר טהוען גאָרנישט פאַר גאָט'ס וועלט. בעסער אַז מיר זאָלען זיך שיידען". נאָכדעם אַז זיי האָבען זיך צושיידט, איז ער אַוועק און האָט חתונה געהאַט מיט אַ מרשעת און זי האָט איהם געמאַכט פאַר אַ רשע. די פרוי האָט חתונה געהאַט מיט אַ רשע און זי האָט איהם געמאַכט פאַר אַ צדיק.

דערפון איז צו זעהן אַז אַ פרוי קען מאַכען פון אַ מאַן וואָס זי וויל.

13

אַ פרוי'ס ליבע

אַ פרוי פון דער פאַמיליע טבריגוס האָט גענומען אַ מאַן וואָס איז געווען אַ רויבער. און דער מאַן פלעגט איהר אָנטאָהן יסורים. ווען די אידישע געלעהרטע האָבען דערפון געהערט זיינען זיי געקומען צו איהר אין הויז צו שטראָפען דעם מאַן. די פרוי איז אַרויסגעקומען צו די געלעהרטע און האָט פאַר זיי אַרויפגעשטעלט אַ ליימענעם לאָמפּ אויף אַ גאָלדענעם.

די געלעהרטע האָבען פערשטאַנען איהר מיין. דער גאָלדענער לאָמפּ, דאָס איז זי געווען. דער ליימענער איז געווען איהר מאַן. און זי האָט געוואָלט ערקלערען אַז זי איז

צופריעדן מיט דעם וואס דער גאָלדענער לאָמפּ ליגט אונטער די פּיס פון דעם ליימענעם.

דאָס איז די קללה מיט וועלכער דער אייבערשטער האָט פערשאָלטן די פרוי „ואל אשך תשוקתך" — איהר ליידענשאַפט צו איהר מאַן מאַכט זי פאַר זיין שקלאַפין.

—⟡—

14

די אייביגע שנאה

אַן אייביגע שנאה הערשט צווישען מענש און שלאַנג.

נאָכדעם ווי דער שלאַנג האָט צוגערעדט דעם מענשען צו זינד האָט דער אייבערשטער זיי אָנגעזאָגט אַז אַן אייביגע שנאה וועט הערשען צווישען זיי. דער שלאַנג וועט זוכען דעם מענשען צו בייסען אין פוס און דער מענש וועט זוכען צו צעטרעטען דעם שלאַנג'ס קאָפּ.

אין די צייטען פון שלמה המלך איז פאָרגעקומען אַזאַ געשיכטע.

אַ מאַן איז געגאַנגען דורכ'ן פעלד, טראָגענדיג אַ קרוג מיט מילך אין האַנד. האָט ער בעגעגענט אַ שלאַנג וואָס האָט געשריען פאַר דאָרשט.

„וואָס שרייסטו?" האָט דער מאַן געפרעגט.

„איך שריי ווייל איך בין דאָרשטיג", האָט דער שלאַנג געענטפערט. „און וואָס טראָגסטו אין דיין האַנד?"

„מילך".

זאָגט דער שלאַנג: „גיב מיר אַ טרונק מילך און איך וועל דיר דערפאַר ציינען אַ גרויסען אוצר מיט געלד און דו וועסט רייך ווערען".

האָט דער מאַן געגעבען דעם שלאַנג מילך און ער האָט געטרונקען.

נאָכדעם ווי דער שלאַנג האָט אָפּגעטרונקען האָט דער מאַן געזאָגט:

„יעצט, צייג מיר דעם אוצר".

„קום מיט מיר", האָט דער שלאַנג געענטפערט.

איז דער מאַן נאָכגעגאַנגען ביז זיי זיינען געקומען צו אַ גרויסען שטיין.

„אַט אינטער דעם שטיין געפינט זיך דאָס געלד", האָט דער שלאַנג געזאָגט.

דער מאַן האָט אויפגעהויבען דעם שטיין און האָט גענומען גראָבען די ערד. ער האָט דאָס געלד געפונען, צוגענומען און איז געגאַנגען אַהיים. אָבער דער שלאַנג האָט איהם ווייט ניט געלאָזט געהן. ער איז אויף איהם אַרויפגעשפרונגען און האָט זיך אַרומגעוויקעלט אַרום זיין האַלז.

„וואָס איז דאָס?" האָט דער מאַן געפרעגט.

„איך וויל דיר טויטען דערפאַר וואָס דו האָסט צוגענומען מיין געלד", האָט דער שלאַנג געענטפערט.

האָט דער מאַן געזאָגט: „קום מיט מיר אַ דין תורה האָבען פאַר שלמה המלך".

זיינען זיי געגאַנגען און געקומען צו שלמה המלך, און דער שלאַנג איז נאָך אַלץ געווען ביי יענעם אויפ'ן האַלז. האָט דער מאַן אָנגעהויבען צו שרייען פאַר'ן מלך. און שלמה האָט געפרעגט דעם שלאַנג: „וואָס ווילסטו פון איהם?"

„איך וויל איהם טויטען", האָט דער שלאַנג געענטפערט, „ווייל אין דער תורה שטעהט: „דו וועסט איהם בייסען אין פיאַטע".

„צוערשט קריך אַרונטער פון זיין האַלז", האָט שלמה המלך געזאָגט. „עס איז ניט ריכטיג אַז דו זאָלסט אויסזעהן מעהר בטוח פון איהם. איהר שטעהט יעצט פאַר אַ משפט און איהר דאַרפט זייןביידע גלייך".

ווען דער שלאנג איז ארונטער, האט שלמה המלך גע־
זאגט צו איהם:
„יעצט זאג איבער וואס דו האסט געהאט צו זאגען".
האט דער שלאנג איבערגעזאגט:
„איך וויל איהם הרג'נען, אזוי ווי דער אייבערשטער
האט מיר געזאגט: „דו וועסט איהם בייסען אין פיאטע".
האט שלמה געזאגט צו דעם מאן:
„און דו טהו וואס דער אייבערשטער האט דיר געהייסען:
„צושמעטער איהם דעם קאפ".
גלייך דערויף איז דער מאן ארויפגעשפרונגען אויף דעם
שלאנג און האט צושמעטערט דעם קאפ.

—◇—

15

די זיבען וועלטען

זיבען פערשידענע וועלטען לעבט דורך א מענש פון
דעם טאג וואס ער ווערט געבוירען ביז ער ווערט אן אלטער
מאן. די וועלטען בייטען זיך מיט זיינע יאהרען.

אין זיין ערשטער וועלט איז ער ווי א מלך וואס אלע
פרעגען זיך נאך אויף זיין געזונד, און אלע ווילען איהם
זעהן. און ער ווערט געהאלזט און געקושט. דאס איז זיין
ערשטער יאהר.

אין זיין צווייטער וועלט איז ער געגליכען צו א דבר
אחר וואס גראבט זיך אין שמוץ, אזוי טהוט א קינד זיך
גראבען מיט זיינע הענטלעך אין שמוץ, ווען ער איז ביי
צוויי יאהר אלט.

אין זיין דריטער וועלט איז ער געגליכען צו א ציעג
וואס טאנצט פרעהליך, אהין און אהער, אויפ'ן גרינעם פעלד

פאַר זיין מאַמען. אַזוי טאַנצט אַרום דאַס קינד פאַר זיין פאַטער און מוטער און שפּיעלט זיך, און אַלע קוועלען פון איהם.

אַזוי לעבט ער אַב ביז זיין פינפטען יאהר.

אין זיין פערטע וועלט איז ער געגליכען צו אַ פערדעל וואָס לויפט אונטער'ן פרייען הימעל. דאַס איז ווען ער ווערט שוין אַ צייטיגער מענש, אַ בחור'ל פון אַ יאָהר אַכטצעהן, און אַזוי ווי דער פערד זוכט אויסצונעמען מיט זיין לויפען, אַזוי זוכט דער בחור'ל אויסצונעמען מיט זיין יוגענד.

אין זיין פינפטע וועלט איז ער געגליכען צו אַן אייזעל וואָס מען לייגט אויף איהם אַרויף אַ זאַטעל און מען רייט אויף איהם. אַזוי לייגט מען אויף איהם אויך אַרויף אַ זאַטעל. עס הייסט מען גיט איהם אַ ווייב, עס ווערען ביי איהם געבוירען זיהן, טעכטער, ער פאַהרט אַהער, אַהין, און ברייננגט פרנסה, שפּייז פאַר זיין געזינדעל, און מען לייגט אויף איהם אַרויף מעהר משא, און ער טראָגט, און זיין יאָך פון די קינדער ווערט אַלץ שווערער. דאַס איז ביז ער ווערט פערציג יאהר אַלט.

אין זיין זעקסטע וועלט איז ער געגליכען צו אַ הונט, אַ חצוף. דאַ כאַפּט ער, דאַ גיט ער. ער דרעהט און שאַכערט, און שעהמט זיך גאָרניט פאַר לייטען.

אין זיין זיבעטע וועלט איז ער געגליכען צו אַ מאַלפּע וואָס זעהט גאָרניט אוים ווי אַ מענש. ער פרעגט אַ סך נאַרישע פראַגען, עסט און טרינקט ווי אַ אינגעל, שפּיעלט זיך ווי אַ קינד און האָט ניט מעהר שכל ווי אַ קינד. און אפילו זיינע אייגענע קינדער און די מענשען פון זיין הויז לאַכען אָפּ פון איהם, שילטען איהם אין האַרצען, און היזבען איהם פיינט. און ווען ער רעדט עפּעס זאָגט מען: „לאָזט איהם צורוה, דער אַלטער איז אַזוי ווי אַ קינד“. און ער איז אַזוי ווי אַ מאַלפּע, אַן אָף אין אַלעס וואָס ער טהוט, אָדער

רעדט, און אפילו קליינע קינדער שפּאַטען פון איהם און לאַכען פון איהם אָפּ. און זיין שלאָף איז אַזוי לייכט דאָס א פויגעלע קען איהם אויפוועקען.

16
אַלץ צוליב דעם מענשען

אליהו דערצעהלט: איינמאָל בין איך אָנגעקומען אין א גרויסער שטאָדט. איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט. איז דאָרט געווען א רעגירונגס בעאַמטער וואָס פלעגט נאָכ־זוכען פערדעכטיגע מענשען. האָט ער מיך גענומען און אריינ־געפיהרט אין מלך'ס הויז. א גלח איז צו מיר געקומען און האָט מיך געפרעגט: „דו ביזט א געלעהרטער?" האָב איך געענטפערט: „איך קען א קליין ביסעלע". האָט ער צו מיר געזאָגט: „אויב דו וועסט מיר קענען געבען א תשובה אויף דעם וואָס איך וועל ביי דיר פרעגען, וועסטו זיך קענען געהן בשלום". האָב איך געזאָגט: „פרעג!"

„זאָג מיר", האָט דער גלח געפרעגט, „צו וואָס האָט דער אייבערשטער בעשאַפען שקצים ורמשים? צו וואָס האָט ער געדאַרפט האָבען אַזעלכע מיאוס'ע קריכענדע בעשעפעני־סען אויף זיין שעהנער וועלט?"

האָב איך איהם אַזוי געענטפערט:

„דער אייבערשטער איז א שטרענגער ריכטער. ער איז אָבער אויך פול מיט גערעכטיגקייט, גוטסקייט און אמת. ער זעהט די ענדע פון אַלעס אין אָנפאַנג, און זאָגט פאָראויס וואָס עס וועט טרעפען שפּעטער. ער קוקט אַרום נאָר אויף גוטעס, אָבער ער קוקט ניט אַרום אויף שלעכטעס. מיט זיין גרויסע חכמה האָט ער בעשאַפען די וועלט און זי איינ־געאָרדענט. נאָכדעם האָט ער בעשאַפען דעם מענשען און

האט איהם געבראכט אויף דער וועלט. און בעשאפען האט ער איהם צוליעב קיין אנדער צוועק נאר אז ער זאל איהם דיענען מיט'ן גאנצען הארצען, כדי ער זאל האבען נחת פון איהם און פון די דורות וואס וועלען קומען נאך איהם, ביז סוף כל הדורות. און ווען דער מענש האט געבוירען קינדער און קינדס קינדער און זיין צאהל איז געווארען גרויס.— האט דער גענומען דיענען צו דער זון, און דער צו א שטיינערנעם געטש, אדער א הילצערנעם. און יעדען טאג ווערען די מענשען אזוי זינדיג דאס זיי קומט דער טויט. דער אייבערשטער גיט דאן א בליק צוריק אויף אלע אנדערע בעשעפעניסען וואס ער האט בעשאפען אויף דער וועלט, און ער זאגט: „די האבען לעבען און די האבען לעבען. די האבען נשמות און די האבען נשמות. די עסען און טרינקען און די עסען און טרינקען. הייסט אז די מענשען זיינען גלייך אזוי ווי א בהמה, אדער א חיה, און זיי זיינען אויך ניט בעסער פון די שקצים און די רמשים וואס איך האב בעשאפען אויף דער וועלט“. און גלייך דערויף ווערט זיין כעס אפגעקיהלט און ער פערניכטעט ניט די מענשען. פון דעם קענסטו זעהן אז די שקצים און רמשים זיינען בעשאפען געווארען נאר צוליעב דעם מענשענס טובה וועגען“.

17

דער ערשטער טרער

נאכדעם ווי אדם און חוה זיינען ארויסגעטריבען גע־ווארען פון גן עדן האט דער אייבערשטער געזעהן אז זיי האבען שטארק חרטה און זיי נעהמען זיך זעהר צום הארצען. האט ער בעקומען רחמנות אויף זיי און האט צו זיי געזאגט: „אומגליקליכע קינדער! איך האב אייך געשטראפט פאר אייער זינד און אייך פערטריבען פון גן עדן, וואו איהר האט

געלעבט אהן זארג און אין גרוים וואוילטאג. און יעצט וועט אייך אויסקומען צו לעבען אין א וועלט פון צרות און אונ־גליקען וואס איהר האט זיך קיינמאל ניט געקענט אזוינס פארשטעלען. אבער איהר זאלט וויסען זיין אז מיין גוטסקייט און מיין ליעבע צו אייך האט זיך נאך ניט אויסגעלאזען. איך ווייס אז אייך וועלען טרעפען א סך אונגליקען אין דער וועלט, צרות וואס וועלען פערביטערען אייער לעבען. דארום גיב איך אייך פון מיין אוצר דיזען טייערען פערל — דאס איז א טרעהר. און אז עס וועט אייך טרעפען אן אונגליק, און עס וועט אייך זיין ביטער, די הארץ וועט אייך שטארק וועה טאהן, און עס וועט אייך דריקען די נשמה, וועט פון אייערע אויגען ארויספאלען אזא טרעהר און עס וועט אייך לייכטער ווערען".

ווען אדם און חוה האבען געהערט דיזע רייד האבען פון זייערע אויגען געגומען גיסען טרעהרען, זיך געקייקעלט אויף זייערע באקען און געפאלען צו דער ערד.

און דאס זיינען געווען די ערשטע טרעהרען וואס האבען בענעצט די ערד.

דיזע טרעהרען האבען אדם און חוה איבערגעלאזען א ירושה פאר זייערע קינדער און קינדס קינדער. און זייט דאן, ווען א מענשען טרעפט אן אונגליק און עס וועהט איהם די הארץ און אויפ'ן געמיטה איז איהם שווער, קומען ארויס די טרעהרען פון זיינע אויגען און מאכען איהם לייכטער.

18

פאַר וועמעס זינד?

ר' יוסי זאגט: די גאנצע וועלט מענשען, איידער זיי שטארבען מוזען זיי זיך מיט אדם הראשון, פנים אל פנים

כדי זיך צו איבערצייגען אַז זיי שטאַרבען פאַר זייערע אייגענע זינד און ניט פאַר די זינד פון אדם הראשון.

איידער אַ מענש געהט אַוועק פון דער וועלט ווערט ער נעבראַכט פאַר אדם הראשון, און אדם פרעגט איהם: „פאַר וואָס געהסטו אַוועק פון דער וועלט?" און דער מענש ענטפערט איהם: „איבער דיר מוז איך אַוועק פון דער וועלט, ווייל איבער דיר איז געקומען די שטראָף אַז מענשען מוזען שטאַרבען". דאַן זאָגט אדם: „מיין קינד! איך האָב נאָר איין עבירה געטאָהן און בין דערויף געשטראָפט געוואָרען, היינט דו וואָס דו האָסט געטאָהן אַ סך עבירות קומט דיר דאָך געוויס אַ שטראָף..."

19

קין און הבל

ווייז וואָס האָט בעוויליגט הבל'ס קרבן און אויף קין'ס קרבן האָט ער זיך ניט אומגעקוקט, האָט דאָס קין'ען זעהר פערדראָסען און ער האָט געפּלאַנעוועט הבל'ן צו טויטען.

איינמאָל האָט קין געזאָגט צו זיין ברודער הבל: „קום לאָמיר זיך ביידע איינטיילען מיט דער וועלט!" האָט הבל געענט־פערט: „גוט!" האָט קין זיך גענומען די ערד זי צו בעאַר־בייטען און הבל'ן האָט ער געגעבען די שאָף.

„זעה", האָט קין געזאָגט, „איך האָב מיר גענומען מיין חלק און דו האָסט דיר גענומען דיין חלק, און איצט ניט וואַג צו קומען אין מיין נחלה!"

קין האָט אָנגעפאַנגען צו בעאַרבייטען די ערד און הבל האָט געפיהרט זיינע שאָף און זיי געבראַכט אין פעלד אַריין צו פאַשען. ווען קין האָט דאָס דערזעהן איז ער בייז געוואָרען און ער האָט געזאָגט: „האָב איך דיך ניט געוואָ־רענט, זאָלסט ניט אָנריהרען מיין נחלה?"

ווען הבל האָט געהערט זיין ברודער׳ס ווערטער האָט ער מורא געקראָגן און איז פון איהם אַנטלאָפען. אָבער קין האָט איהם נאָכגעיאָגט און געכאַפּט. זיי האָבען זיך ביידע געראַנגעלט און הבל האָט איהם ביינעקומען און אוועקגע־שליידערט אויף דער ערד. און קין האָט זיך ביי איהם גע־בעטען: „אַ, ברודער מיינער, שלאָג מיך ניט!“. אָבער ווען קין איז אויפגעשטאַנען איז ער פּלוצים בעפאַלען הבל׳ן און האָט איהם געשלאָגען און געבריקעט און געשטויסען — מיט די הענט און מיט די פים און מיט׳ן קאָפּ, ווייל ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי ער זאָל פערוואונדען זיין ברודער אַז ער זאָל פון דער וואונד שטאַרבען. און ווען ער האָט איהם צושפּאָלטען דעם שאַרבען איז הבל אוועקגעפאַלען אַ טויטער.

ווען קין האָט געזעהן אַז זיין ברודער איז טויט האָט האָט ער נאָכדעם גענומען טראַכטען: איצט מוז איך אַנט־לויפען פון מיין טאַטע־מאַמע, ווייל זיי וועלען זאָגען: דיינע הענט האָבען דאָס דאָזיגע בלוט פערגאָסען!... אַלס ער האָט גענומען זיך צוגרייטען צו אַנטלויפען, האָט זיך גאָט צו איהם פּלוצים בעוויזען און געזאָגט:

„ווילסטו אויך פון מיר אַנטלויפען ווי דו האָסט געוואָלט אַנטלויפען פון דיין פאָטער און מוטער? קען זיך דען אַ מענש פאַר מיר אויסבעהאַלטען און איך זאָל איהם ניט זעהן?...“

און ווייטער האָט גאָט גערעדט צו קין׳ען: „וואו איז דיין ברודער הבל?“ און קין׳ס ענטפער צו גאָט איז געווען: „דו, דער וועכטער פון אַלע בעשעפענישען, פרעגסט מיך וואו הבל איז?“

און גאָט האָט געזאָגט: „וואָס האָסטו געטהאָן? דיין ברודער׳ס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד!“

האָט דאָס קין׳ען זעהר געוואונדערט און ער האָט גע־

פרעגט: „ווי אזוי האסטו זיך פון דעם דערוואוסט? מיין פאטער און מוטער זיינען דאך אויף דער ערד און זיי ווייסען גארניט וואס איך האב געטהאן, און דו. גאט, ביזט דאך אין הימעל, האסטו רכילות־טרעגער — מוסרים וואס טראגען דיר אלעס אפ?"

גאט האט איהם געענטפערט: „הימעל און ערד זיינען פול מיט מיר און קיין פערבארגענע זאך איז פאר מיר ניטא!"

„איצט וויים איך", האט קין געזאגט, „אז גרוים ביזטו, גאט, און גרוים איז דיין נאמען! א, זיי מיר מוחל מיין זינד, ווייל איך האב חרטה וואס איך בין בעגאנגען די דאזיגע בייזע טהאט!"

און גאט האט געזאגט: „דערפאר וואס דו האסט חרטה אויף דעם שלעכטס וואס דו האסט געטהאן, וועל איך דיין שטראף אביסעל קלענער מאכען; פערלאז דאס דאזיגע ארט און זיי נע־ונד דיין גאנץ לעבען".

ווען קין איז אוועק פון גאט האט איהם בעגעגענט זיין פאטער, וועלכער האט געזאגט: „איצט האב איך זיך דער־וואוסט אז דו ביזט בעגאנגען דאס גרויסע פערברעכען און דער'הרג'עט דיין ברודער; זאג מיר: וואס פאר א שטראף איז דיר געגעבען געווארען?"

קין האט געענטפערט: „גאט האט מיר בעפעהלען אוועקצוגעהן פון דעם דאזיגען ארט און ארומוואנדערען מיין גאנץ לעבען". און אדם האט אויסגעשריען: „ווי גרוים איז דיין זינד און ווי קליין איז דיין שטראף!!" קין האט איהם דאן דערצעהלט: „איך האב חרטה געהאט אויף מיין זינד און כ'האב זיך געבעטען ביי גאט, וואס ער איז א דער־בארימדיגער, ער זאל מיר פערגעבען, ווען נישט דאס וואלט מיין שטראף געווען אזוי גרוים אז כ'וואלט זי נישט געקענט איבערטראגען!"

ווען אדם האט געהערט קין'ס ווערטער האט עס איהם

זעהר געשמערצט און ער האט אויסגעשריען פון וועהטאג: „וועה איז מיר! פאר וואס האב איך אויך נישט חרטה געהאט אויף מיין זינד פון ווידערשפעניגען גאט'ס געבאט ווען איך בין געזעסען אין גן עדן, און פאר וואס האב איך נישט צו איהם געבעטען?! איצט ערשט ווייס איך אז גאט איז נאהענט צו אלע וואס רופען צו איהם!"

קין איז אוועק ווייט פון זיין געבורטס-לאנד, און די ערד האט זיך געטרייסעלט אונטער איהם און ער האט זיך געוואקעלט אלס ער איז געגאנגען אויף זיין וואנדערונגס-וועג. האבען איהם געזעהן די חיות און בהמות און זיי האבען נענען איהם געברומט און געמרוקעט און געקריצט מיט די צייהן: „אט איז דער מענש", האבען זיי געזאגט, „וואס האט ערמארדעט זיין ברודער!... קומט לאמיר זיך צוזאמענ־נעהמען און איהם פערצוקען!..."

קין האט זיך דערשראקען. אבער די בהמות און חיות האבען איהם ניט אנגעריהרט און איהם קיין שלעכטס ניט געטהאן. זיי האבען געזעהן דעם צייכען וואס גאט האט אויף איהם געמאכט און זיי האבען מורא געהאט צו איהם צוצוגעהן.

20
די ווארא̈נעם לוין

הבל האט געהאט א הונט וואס פלעגט היטען זיינע שאף. ווען הבל איז דער'הרג'עט געווארען פון זיין ברודער, האט דער הונט ניט אפגעטראטען פון זיין קערפער און אפגעהיט אז קיין חיה און קיין פויגעל זאל קענען צוקומען.

אדם און חוה זיינען אויך געזעסען דערביי און האבען געוויינט און געקלאגט. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן מיט דעם קערפער פון זייער טויטען זוהן. ניט ווייט

פון דאָרט איז געלעגן אַ טויטע וואָראָנע. איז געקומען אַ לעבעדיגע וואָראָנע און האָט געזאָגט: „איך וועל ציינען דעם מענשען וואָס מען טהוט מיט אַ טויטען". האָט די וואָראָנע גענומען און האָט בעגראָבען דעם טויטען פויגעל פאַר אדם'ס אויגען. גלייך דערויף האָט אדם געטהאָן דאָס זעלבע מיט זיין טויטען זוהן. און דערפאַר האָט דער אייבערשטער בע־לוינט די וואָראָנעס אויף דער וועלט. און וואָס פאַר אַ בע־לוינונג האָט ער זיי געגעבען? ווען ביי זיי ווערען געבוירען קינדער און זיי זעהן אַז די נייע געבוירענע זיינען ווייס, ענטלויפען זיי ווייל זיי מיינען אַז די קינדער קומען ארויס פון שלאַנגען. און זיי לאָזען איבער די קינדער אויף הפקר. אָבער דער אייבערשטער שיקט צו שפּייז צו די קליינע וואָראָנעס און בעזאָרגט זיי אַז זיי זאָלען ניט אויסגעהן פאַר הונגער.

21

קין'ס סוף

ווען למך איז אַלט געוואָרען און האָט מעהר ניט געקענט זעהן, האָט ער געזאָגט צו זיין זוהן תובל־קין: „נעהם, פיהר מיך אין פעלד אריין און איך וועל מיר דאָרט עפּעס פאַנגען". האָט תובל־קין אַנגענומען זיין פאָטער ביי דער האַנט און זיי זיינען געגאַנגען. ווען זיי זיינען געקומען אין פעלד אריין האָט למך געזאָגט: „קוק זיך ארום, מיין זוהן, אפשר זעהסטו אַ חיה וואָס געהט אונז אַנטקעגען, זאָג מיר און איך וועל און פון דער ווייטענס האָט ער ביי תובל־קין'ען אין די אויגען זי שיסען".

אין דערזעלבער צייט איז קין געקומען אין פעלד אריין אויסגעזעהן ווי אַ חיה. און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָטער למך: „נעהם דעם בויגען און שיס צו מזרח־זייט, ווייל

עס קוקט מיר אויס ווי דאס וואלט זיין א חיה". האט למך געשאסען אויף יענעם ארט — און ער האט דער'הרג'עט קין'ען.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נעהענטער האט תובל־קין געזעהן אז עס ליגט גאר א דער'הרג'עטער מענש אויף יענעם פלאץ. ער האט זיך איינגעקוקט און דערזעהענדיג דעם צייכען אויפ'ן טויטענ'ס שטערען האט ער אויסגערופען: „טאטע! ניט קיין חיה איז דער'הרג'עט געווארען נאר א מענש מיט א צייכען אויף זיין שטערען!" ווען למך האט דאס דערהערט האט ער זיך ביטער צו־וויינט און געשריען: „וועה איז מיר! קין'ען האב איך דאך דער'הרג'עט!" און תובל־קין איז דאן גערזאד געשטאנען צווישען די הענט פון למך'ן; און ווען למך האט אויס טרויער געקלאפט איין האנט אן דער צווייטער האט ער געטראפען תובל־קין'ען און איהם אויך דער־הרג'עט.

למך האט זיך אליין ניט געקענט אומקערען אהיים, האט ער זיך אוועקגעזעצט נעבען די צוויי הרוגים. ווען זיינע ווייבער עדה און צלה האבען געזעהן אז זייער מאן זאמט זיך צו־לאנג, זיינען זיי אוועק צו איהם אין פעלד אריין, און געזעהן ווי קין און תובל־קין ליגען טויטע. זיי האבען איהם געפרעגט: „האסטו זיי דער'הרגעט?" און למך האט זיי פערענטפערט: „ווי איהר ווייסט דיענען ביי מיר מיינע אויגען ניט צוליב מיין עלטער און איך קען מעהר ניט זעהן; די דאזיגע בייזע טהאט בין איך בענאנגען אומגערן און אהן האס!"

די ווייבער האבען איהם דערפאר פיינט געקראגען און איהם פערלאזען. למך האט זיך ביי זיי געבעטען, אבער זיי האבען איהם ניט געוואלט הערען. דאן זיינען זיי זאלבעדריט געקומען צו אדם'ן, וועלכער האט אויסגעהערט זייערע טענות און שלום געמאכט צווישען למד'ן און זיינע ווייבער.

22

די געפאַלענע מלאכים

ווען דער דור המבול האָט זיך פערזינדיגט און געדיענט עבודה זרה, איז דער אייבערשטער כביכול געוואָרען אומעטיג. האָבען זיך אויפגעשטעלט צוויי מלאכים שמחזי און עזאל און האָבען געזאָגט צום רבונו של עולם:

„האָבען מיר דיר דען ניט פריהער געזאָגט דאָן, ווען דו האָסט די וועלט בעשאַפען, אַז דער מענש איז גאָר ניט ווערט אַז דו זאָלסט וועגען איהם דענקען?"

„און וואָס וואָלט געווען די וועלט אָהן מענשען?" האָט כביכול געפרעגט.

„מיר וואָלטען אויסגעקומען מיט דער וועלט אַזוי ווי זי איז, אָהן דעם מענשען", האָבען די צוויי מלאכים געענטפערט.

„איך ווייס אויף זיכער", האָט דער רבונו של עולם געזאָגט, „אַז ווען איהר וואָלט געלעבט אויף דער ערד וואָלט דער יצר הרע אייך אויך בייגעקומען. און איהר וואָלט נאָך געווען ערגער ווי די מענשען".

האָבען די מלאכים געענטפערט: „גיב אונז ערלויבניש צו וואוינען מיט די מענשען, וועסטו זעהן ווי מיר וועלען דיין נאָמען האַלטען הייליג".

האָט דער אייבערשטער זיי געגעבען די ערלויבניש אַרונטערצוגעהן אויף דער ערד און וואוינען מיט די מענשען.

ווי נאָר די צוויי מלאכים זיינען געקומען אויף דער ערד און האָבען דערזעהן די שעהנע טעכטער פון די מענשען האָבען זיי זיך פערליעבט אין זיי. איינער פון די צוויי מלאכים, שמחזי, האָט דערזעהן אַ יונגע מיידעל, איהר נאָמען איז געווען איסטר, איז זי איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט געזאָגט: „זיי דו מיינע".

האָט די מיידעל געענטפערט:

„איך וועל ניט זיין דיינע סיידען דו זאָלסט מיר אויס־לערנען דעם שם המפורש, וואס אז מען זאָגט איהם נעהמט מען גלייך אַרויף אין הימעל".

האָט שמחזי זי אויסגעלערענט דעם שם המפורש, און ווי זי האָט עס אויסגעלערענט אַזוי איז זי גלייך געפלויגען אין הימעל אַריין און האָט זיך בעפרייט פון דעם מלאך. האָט דער אייבערשטער געזאָגט צו זיינע מלאכים אין הימעל: „דערפאַר וואס זי האָט זיך פערהיט פון זינד, נעהמט און שטעלט זי אַריין צווישען די זיבען שטערען, די שבעה כוכבי לכת, כדי די וועלט זאָל בעסער לויכטען פון איהר שיין. האָט מען זי אַריינגעשטעלט אין דעם שטערען כימה.

ווען שמחזי און עזאל האָבען דערזעהן אַז זיי האָבען פערלאָרען, האָבען זיי גענומען ווייבער און זיי האָבען געהאַט קינדער. ביי שמחזי זיינען געבוירען געוואָרען צוויי זיהן המיא און הייא.

עזאל איז געווען דער ערגערער פון די צוויי געפאַלענע מלאכים. ער האָט אונטער זיין הערשאַפט געהאַט אַלערליי שעהנע פאַרבען און שמוק זאַכען מיט וועלכע פרויען פיהרען אַראָפּ מענער פון גלייכען וועג. שמחזי איז געווען דער בע־סערער. האָט צו איהם דער מלאך מטטרון געשיקט אַ שליח פון הימעל און איהם אָנגעזאָגט: „דער אייבערשטער נעהמט ברייננגען אַ מבול און וועט חרוב מאַכען זיין וועלט". שמחזי האָט געוויינט. עס האָט איהם שטאַרק באַנג געטהאָן אויף דער וועלט און אויף זיינע קינדער.

המיא און הייא האָבען אין איין נאַכט געהאַט צוויי עהנליכע חלומות. איינער האָט געזעהן אַ גרויסען שטיי־נערנעם טאַפעל ליגען אויף דער ערד, און אויף דעם טאַפעל זיינען געווען אויסגעקריצט שורות און שורות. אַ מלאך איז אַרונטער מיט אַ גרויסען מעסער, האָט די שורות אָפּגעקראַצט, און האָט איבערגעלאָזען בלויז פיער ווערטער.

דער אנדערער האט געזעהן אין חלום א גרויסען שעהנעם גארטען, אין וועלכען עס זיינען געוואקסען פערשידענע בוימער, מלאכים זיינען געקומען מיט העק און האבען אויס־געהאקט אלע בוימער. זיי האבען איבערגעלאזען בלויז איין בוים מיט דריי צווייגען.

אזוי שנעל ווי די זיהן האבען זיך אויפגעכאפט זיינען זיי אוועק צושראקענע צו זייער פאטער. האט זיי דער פאטער ערקלעהרט: „די בעדייטונג פון אייערע חלומות איז: אז דער אייבערשטער וועט ברייננען א מבול אויף דער וועלט און פון אלע מענשען וועלען בלייבען לעבען בלויז נח און זיינע דריי זיהן“.

ווען די זיהן האבען דאס דערהערט, האבען זיי גענומען שרייען און וויינען, אבער זייער פאטער האט זיי געטרייסט מיט דעם וואס זייערע נעמען וועלען קיינמאל פערגעסען ווערען, אז אין יעדען נויט וועלען מענשען דערמאנען די צוויי נעמען חמיא און הייא. און זיי האבען זיך געטרייסט.

שמחזי האט תשובה געטהאן און ער איז געבליבען היינגען צווישען הימעל און ערד, עזאל האט ניט תשובה געטהאן און ער דרעהט זיך נאך יעצט ארום צווישען מענשען. ער פערפיהרט זיי דורך דעם וואס ער שטעלט צו שעהנע פארבען און שמוק זאכען פאר פרויען צו רייצען די מענער.

23

דער וועג צום הימעל

און עס איז געווען אין יענע אלטע צייטען, ווען נאט'ס צארען איז געווען זעהר גרויס, ווייל די מענשען האבען גע־זינדיגט, און זיינען געגאנגען אין שלעכטע דרכים; האט חנוך־בן־ירד פיינט געקראגען די מענשען און זיך פון זיי אפגעקערט. ער האט פאר זיך אויפגעשטעלט א הויז אין א

פערבארגענעם פלאץ און דארט געלעבט אפגעזונדערט פאר א לאנגער צייט. ער האט געדיענט גאט מיט'ן גאנצען הארצען און געבעטען צו איהם: „גיב די מענשען־קינדער, א גאט, א ריין הארץ, וואס זאל ליעב האבען גוטס אונפיינט האבען שלעכטס, און זיי זאלען דיך דיענען און טהאן נאר וואס איז רעכט אין דיינע אויגען!“ איינמאל, ווען חנוך איז אזוי געשטאנען און געוויינט און געבעטען צו גאט פאר די מענשען פון זיין דור, האט צו איהם גערופען א מלאך: „חנוך! עס איז דער בעפעהל פון גאט זאלסט פערלאזען דאס ארט אין וועלכען דו האסט דיך אפגעזונדערט און געהן צווישען די מענשען פון דיין דור, זיי ווייזען דעם ריכטיגען וועג און זיי לערנען וואס זיי זאלען טהאן“. איז חנוך ארויס פון זיין בעהעלטעניש און איז געקומען צווישען די מענשען און זיי געלערנט די וועגען פון גערעכטיגקייט און רחמנות.

ווען חנוך האט געזעהן ווי די מענשען קומען צו איהם און פאלגען איהם, האט ער זיך זעהר דערפרעהט און געלאזט אויסרופען איבער'ן גאנצען לאנד: „יעדער מענש וואס וויל הערען גאט'ס ווארט, זאל קומען צו חנוך'ן.“ האבען זיך צו איהם פערזאמעלט פילע מענשען, געהערט זיינע גוטע ווער־טער און האבען איהם דערפאר געעהרט און געליעבט און איהם געמאכט פאר א מלך איבער זיך.

און ווען זיין נאמען איז בעקאנט געווארען איבער דער גאנצער וועלט, זיינען צו איהם געקומען אלע קעניגע הערען זיין חכמה. זיינע קלוגע רייד האבען געעפענט זייערע אויגען און איבערגעקעהרט זייערע הערצער און דאס הארץ פון זייערע פעלקער צו טאהן גוטעס און זיך דערנעהנטערען צו גאט. אין יענע צייט האבען זיך צונויפגעזאמעלט אלע קע־ניגע פון דער וועלט, ארום הונדערט און דרייסיג, און זיינען געקומען צו חנוך'ן און בוקענדיג זיך צו איהם, האבען זיי געזאגט: „מיר האבען געזעהן אז גאט איז מיט דיר און

אַז ער האָט דיך בעשאַנקען מיט זיין חכמה. זיינען מיר געקומען דיך בעטען, זאָלסט ווערען מלך איבער אונז״. זייער שטאַרקער געבעט האָט אויף איהם געווירקט און ער איז געוואָרען מלך און ער האָט זיי געלערנט גאָט׳ס ווענען און שלום געמאַכט צווישען זיי. און עס איז געווען פריעדען אויף דער ערד פאַר די צוויי הונדערט און דריי און פערציג יאָהר וואָס חנוך האָט געלעבט. גערעכטיגקייט האָט געהערשט ביי אַלע פעלקער און אַלע זיינען געגאַנגען אין גאָט׳ס ווענען.

ווען חנוך האָט געזעהן אַז דאָס פאָלק האָט זיך גענומען בעהעפטען אַז גאָט און איהם דיענען אויף אַן אמת, האָט ער ביי זיך געטראַכט: איצט קען איך זיך צוריק אָפּזונדערען פון דעם פאָלק און דיענען גאָט בייטאָג און ביינאַכט, ווי איך בין געווען געוואוינט. אַבער ווען ער האָט געזעהן אַז דאָס פאָלק איז אַזוי צוגעוואוינט צו איהם, אַז ס׳וועט אַריינ־פאַלען אין טרויער ווען ער וועט פּלוצים פערשווינדען, האָט ער זיך געקליגט און זיך פערבאָרגען אין זיין חדר בלויז פאַר דריי טעג און דריי נעכט. ערשט דעם פירטען טאָג פלעגט ער אַרויסגעהן צום פאָלק און זיי לערנען ווענען די זאַכען וואָס זיינען גוט און רעכט אין גאָט׳ס אויגען.

אַזוי האָט חנוך געטאָהן פיעלע יאָהרען.

נאָכדעם האָט ער זיך גענומען בעווייזען פאַר די מענשען בלויז איינמאָל אין זיבען טעג. און ווען עס איז אַריבער אַ לאַנגע צייט און דאָס פאָלק האָט זיך שוין נעהאָט צוגעוואוינט צו זעהן איהם בלויז איינמאָל אין אַ וואָך, האָט ער דאַן גענומען זיך ווייזען פאַר זיי איינמאָל אין אַ מאָנאַט. און ווען זיי זיינען צו דעם אויך צוגעוואוינט געוואָרען, האָט ער זיך פאַר זיי בעוויזען בלויז איינמאָל אין אַ יאָהר. און יעדעס מאָל וואָס ער איז אַרויסגעקומען צום פאָלק, האָט ער עס געלערנט ליעב האָבען דאָס גוטע, רעכט און שלום.

וואס מעהר חנוך האט זיך אפגעזונדערט און געריעכט גאט, אלץ מעהר האט זיין געזיכט אויפגעשיינט, אזוי אז דאס פאלק האט מורא געקראגען צו איהם צו־צוגעהן.

איינמאל האבען אלע קעניגע און זייערע דיענער זיך פערזאמעלט ארום דעם הויז, וואו חנוך האט געוואוינט, אין דעם טאג ווען ער האט זיך געזאלט פאר זיי בעוויזען, און ווען חנוך איז ארויס און געקומען צו זיי רעדען, האט ער דערהערט ווי עס רופט צו איהם א מלאך: „עס איז דער ווילען פון גאט אז דו זאלסט ארויף אין הימעל אריין!“ ווען חנוך האט דאס דערהערט, האט ער גלייך צוזאמענגע־נומען דאס גאנצע פאלק און פאר זיי פארגעלעגט גוטע געזעצע און משפטים און זיי אנגעזאגט: „אויב איהר וועט לעבען בשלום איינער מיט'ן צווייטען און איהר וועט האנדלען גערעכט מיט יעדען מענשען און דיענען גאט מיט גאנצען הארצען און גאנצער נשמה — וועט אייך גאט ליעב האבען און ער וועט אייך בענשען און אייך פערמעהרען, אזוי אז איהר וועט ווערען אזוי פיעל ווי די שטערן פון הימעל“. אזוי איז חנוך מיט זיי געזעסען עטליכע טעג און האט געלערנט און איבערגע'חזר'ט זיינע ווערטער צו אלעמען.

און פלוצים האבען די מענשען דערזעהן ווי א פייערדיג פערד לאזט זיך ארונטער פון הימעל אויף דער ערד אראב. חנוך האט זיי געגעבען צו פערשטעהן, אז אט איז שוין געקומען די צייט פאר איהם זיי צו פערלאזען און ארויפגעהן אין הימעל אריין. ביי זיין לעצטען ווארט איז דאס פערד ארונטערגעקומען און זיך געשטעלט פאר חנוך'ן. ער האט געגעבען זיין לעצטע ברכה צום פאלק און זיי בעשוואוירען צו טאהן גוטעס און לעבען אין פריעדען — און ער איז ארויף אויפ'ן פערד און ער איז אוועקגעריטען. דאס גאנצע פאלק, אזוי ווי אכט הונדערט טויזענד מענשען, איז איהם נאכ־

געגאַנגען אַ טאָג צייט, כדי צו הערען וואָס מעהר די געטליבע ווערטער פון זיין מויל, און דאָס האָט צו זיי חנוך געזאָגט:

„קערט זיך אהיים!“ אַ סך זיינען אוועק אהיים, אָבער די יעניגע וואָס זיינען געוועזן צו איהם בעהעפט מיט'ן גאַנצען האַרצען, האָבען געזאָגט: „נאָר דער טויט קען דיך פון אונז אָפּזונדערען!“ און ווען ער האָט געזעהן אַז די איבערגע־בליבענע מענשען ווילען דוקא מיט איהם מיטגעהן האָט ער אויפגעהערט רעדען מיט זיי.

דעם זיבענטען טאָג האָבען אַראָפּגענידערט פייערדיגע פערד און אַ פייערדיגער רייט־וואָגען און מלאכים און זיי האָבען אַרויפגעבראַכט חנוך'ן אין הימעל אַריין. און ווען עס איז געווען צווישען חנוך'ן און דעם כסא כבוד אַ מהלך פון זעקס הונדערט און פופציג טויזענד מייל, האָבען די מלאכים, די שרפים און די כרובים דערפיהלט דעם ריח פון ערד און אש וואָס האָט זיך צו זיי דערטראָגען, און זיי האָבען זיך גענומען טרייסלען און ציטערן און רופען צו גאָט: „האַר פון אַלע וועלטען! ווי קען דאָס זיין, אַז עס זאָל זיך מיט אונז אויסמישען אַ געבוירענער פון אַ פרוי און ער זאָל אַרויפקומען אין הימעל אַריין און דיך בעדיענען?!“ און גאָט האָט זיי געענטפערט: „זייט וויסען, מיינע כרובים און שרפים, אַז די מענשען־קינדער האָבען מיך פערלאָזען און זיך געבוקט צו שטיינער און העלצער און האָבען זיך פון מיר דערווייטערט דורך זייערע שלעכטע טהאַטען, און נאָר חנוך אַליין האָט אין מיר געגלויבט און ער האָט גרויס געמאַכט מיין נאָמען און דערצעהלט מיין גערעכטיגקייט און דורך דעם האָט ער פיעלע אָפּגעקעהרט פון זינד“.

און גאָט האָט גענומען חנוך'ן און פאַר איהם געעפענט טויזענדער טויערען פון חכמה און וויסען, ליעבע און שעהנ־קייט און האָט אין איהם אַריינגעגעבען די קראַפט פון אייביגען לעבען. דאַן האָט גאָט איהם געבענשט מיט פינף

הונדערט טויזענד און דריי הונדערט און צוואנציג ברכות, און האט איהם בעשאפען זעקס און דרייסיג פליגעל פון דער רעכטער זייט און זעקס און דרייסיג פליגעל פון דער לינקער זייט. און די לענג און ברייט פון יעדען פליגעל איז געווען פון איין עק וועלט ביז צו דער צווייטער. און גאט האט איהם אריינגעגעבען פינף הונדערט טויזענד און דריי הונדערט און זעבציג אויגען וואס האבען געזעהן דאס גרויסע ליכט. און ער האט צו איהם געזאגט: „אט האב איך דיך בעריהרט און דיך געהייליגט און דיך גרויס געמאכט, און פון דעם היינטיגען טאג און ווייטער וועסטו זיין א מלאך".

די מלכים זיינען אוועק זוכען די מענשען וועלכע זיינען נאכגעגאנגען חנוך'ן און זיי האבען געזעהן אז דאס גאנצע לאנד איז פול מיט שנעע און גרויסע האגעל־שטיינער. האבען זיי געשפאלטען די שטיינער און אין זיי געפינען די מענשען וואס זיי האבען געזוכט. זיי האבען געזוכט חנוך'ן אבער איהם נישט געפונען. האבען די מלכים זיך אומגע־קעהרט און געמאכט קעניגען איבער זיך זיין זוהן מתושלח. איז מתושלח געגאנגען אין די וועגען פון זיין פאטער חנוך און געלערנט דאס פאלק וואס איז גוט און גערעכט אין אין גאט'ס אויגען. עס זיינען אריבער פיעלע טעג און די מענשען־קינדער האבען זיך ווידער אפגעקעהרט פון גאט און זיינען געגאנגען אין פערדארבענע וועגען. און ווען גאט האט געזעהן די פיהרונגען פון די מענשען־קינדער, האט ער געצערענט און פון זיי פערבארגען זיין פנים. האט די ערד ארויסגעגעבען דערנער אנשטאט פרוכט און די מענ־שען האבען געהונגערט און זיינען אפגעשוואכט און פער־פייניגט געווארען, און דאך האבען זיי ניט אפגעקעהרט פון זייערע שלעכטע וועגען און ווייטער געזינדיגט.

24
דער דור המבול

ווען די מענשען האבען אלץ מעהר געזינדיגט און די וועלט איז געווארען פול רויב, האט גאט געזאגט צו נח'ן: „אין דיר זעה איך דעם איינציגען צדיק פון דעם היינטיגען דור". האבען די מלאכים זיך געשטעלט פאר גאט און גע־פרעגט: „אין וואס בעשטעהט נח'ס צדקות וואס דו האסט איהם אויסדערוועהלט אלס דעם איינציגען צדיק?" און גאט האט געענטפערט:

„ווען מען האט געהייסען אנוש'ן, דעם זוהן פון שת, ער זאל געבען דעם פאטער עסען, איהם בעדיענען און בעזארגען מיט אלע בעדערפענישען, האט ער צוגעזאגט דאס צו טאהן, אבער ווען מען האט איהם געזאגט אז ער זאל אויך געבען עסען זיין זיידען אדם'ן, האט ער געענטפערט: „ווי קומט עס צו מיר? ווייניג וואס איך שפייז מיין טאטען, דארף איך נאך שפייזען מיין זיידען?" און אויך קינן און מהללאל און ירד און חנוך און משותלח און למך האבען קיינעם נישט געשפייזט אחוץ זייערע פאטערס, ביז עס איז געקומען נח אויף דער וועלט. און ווען מען האט געזאגט נח'ן: „גיב עסען דיין זיידען", האט ער געענטפערט: „זאגט זשע מיר אויך, וואו זיינען אלע מיינע קרובים און פריינד, זייערע עלטערן און עלטערן'ס־עלטערן, איך וועל זיי שפייזען און בעדיענען און בעזארגען אלע זייערע בעדערפענישען!"

ווען די מלאכים האבען דאס געהערט האבען זיי מודה געווען: „ניטא אזא אמת'ער צדיק ווי נח, זאל צדקה איהם טאקע ראטעווען פון טויט".

און נאך האט געזאגט נח'ן: „געה און רוף צו די אלע זינדיגע און ווארען זיי זיך אפצוקערען פון זייערע שלעכטע ווענגען, ווארום אז ניט וועל איך אויף זיי ברענגען א מבול און זיי פערטיליגען... אפשר וועלען זיי דיך פאלגען און איך

וועל זיך בערענקען און אויף זיי ניט ברענגען דאָס אונגליק".
נח איז געגאַנגען צו מתושלח'ן און איהם דערצעהלט וועגען גאָט'ס ווערטער. האָבעןביידע גערופען צו די זינדיגע מענשען און זיי געוואָרענט תשובה צו טאָהן.

ווען די זינדיגע האָבען זיך צו נח'ס און מתושלח'ס רייד ניט צוגעהערט, האָט גאָט געזאָגט צו נח'ן: „בוי דיר אויף אַ גרויסען קאַסטען, אויף אַן אָרט וואו אַלע זאָלען זעהן, ווייל אין הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַרום וועל איך ברענגען אַ מבול וואָס וועט אומברענגען יעדע בעשעפעניש".

נח האָט פערפלאַנצט טענענבוימער, און זיי געשניטען און געמאַכט ברעטער. האָבען די זינדיגע דאָס געזעהן און געזאָגט: „אַלטער נאַר! צו וואָס טוסטו דאָס?" און נח האָט זיי געענטפערט: „הערט-אויף שלעכטס צו טאָהן, קערט זיך אום צו גאָט מיט'ן גאַנצען הארצען, ווייל ער וועט ברענגען אויף אייך אַ מבול און אייך פערטיליגען פון דער ערד". די רשעים האָבען זיך אויסגעלאַכט פון נח'ס ווערטער און געזאָגט: „ניט אויף קיינעם, נאָר אויף דיר וועט גאָט ברענגען אַ מבול".

ווען די מענשען פון יענעם דור האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם קאַסטען האָבען זיי גענומען קומען צו נח'ן און איהם אויספרעגען. נח האָט צו זיי גערעדט מיט גוטען און האָט זיי געבעטען תשובה צו טאָהן, און גאָט וואָס איז אַ רחום וחנון וועט זיי מוחל זיין. אָבער זיי האָבען געפרעגט: „וואָס קען אונז גאָט טאָהן? אויב ער וויל מאַכען אַז דער הימעל זאָל קיין רעגען ניט געבען — וועלען מיר שעפּען וואַסער פון די טייכען!" און אַנדערע האָבען געזאָגט:

„זיי וויסען, נח, אַז מיר האָבען פאַר גאָט קיין מורא ניט און אויך ניט פאַר דעם מבול וואָס ער וויל אויף אונז ברענגען!... אויב ער וועט אויף אונז מאַכען רעגענען מיט

פייער — וועלען מיר שמירען אונזער לייב מיט דעם בלוט פון דער סאלאמאנדרא, און דו ווייסט גאנץ גוט אז דער וואס שמירט זיין לייב מיט דעם דאזיגען וואונדערליכען בלוט קען דאס פייער גאר ניט טאהן! און אויב ער וועט די פענסטער פון הימעל עפענען און אונז פערפלייצען מיט וואסער, וועלען מיר נעהמען די גרויסע ים־שוואמען אונזערע און זיי וועלען איינזאפען דאס גאנצע וואסער... וועט ער די אפגרונדען פון דער ערד שפאלטען און פון דארט ארויס־ברענגען וואסער — וועלען מיר נעהמען לאנגע און ברייטע שטיקער אייזען און מיט זיי בעדעקען דאס אויבערפלאך פון דער ערד!...“

און די בעריהמטע גבורים האבען געזאגט צו נח'ן מיט שטאלץ און חוצפה: „מיר האבען געהערט ווי דו זוכסט אפצושרעקען דאס פאלק און מיר זיינען געקומען דיר זאגען: טו א קוק אויף אונזער הויך און דו וועסט זעהן אז די גרעסטע און שטארקסטע וואסערען קענען צו אונז ניט צוקומען... און זאל די ערד געשפאלטען ווערען און דאס וואסער זאל נעהמען ארויפקומען פון די אפגרונדען, וועלען מיר ארויפלייגען אויף זיי אונזערע גרויסע און ברייטע פים און זיי פערשטאפען“.

ווען נח האט דאס געהערט האט ער זיך זעהר מצער געווען און צו זיי געזאגט: „איז דען פאראן א זאך וואס גאט, דער בעשעפער פון הימעל און ערד, זאל ניט קענען טאהן? טוט תשובה, איהר זינדיגע, און גאט וועט אויף אייך רחמנות האבען!...

ווען נח האט צו זיי אזוי גערעדט טאג איין, טאג אויס, און זיי האבען איהם ניט געהערט און ווייטער געזינדיגט, האט גאט געזאגט: „איך וועל פערטיליגען אלע וואס איך האב בעשאפען, פון דעם מענש ביז דער בהמה, חיה און עוף, ווייל זיי אלע געהן אין פערדארבענע וועגען“.

25

ווען די חיות האָבען געוויינט

ווען די טעג פון מבול האָבען זיך דערנעהנטערט, האָבען די מענשען געזעהן אזעלכעס וואָס קיין גלייכען צו דעם איז ניט געווען און עס וועט ניט זיין: די זון האָט אויפ־געשיינט אויף מערב־זייט און איז אונטערגעגאנגען אויף מזרח. האָבען זיך די זינדיגע זעהר דערשראָקען; זיי האָבען גענומען פערשטעהן אז גאָט ברענגט דאָס אונגליק דורך נח׳ן, און זייער הארץ האָט גענומען פיהלען חרטה...

אין יענער צייט איז מתושלח הצדיק געשטאָרבען און אַלע מענשען האָבען געהערט פון הימעל א שטורעם און א געוויין... גאָט׳ס מורא איז אויף זיי געפאַלען...

ווען די זינדיגע האָבען געזעהן ווי די חיות געהן צו דעם אָרט וואו מתושלח איז געשטאָרבען און זיי וויינען און קלאָגען, האָט איינער געזאָגט צום צווייטען: „לאָמיר בעוויינען מתושלח׳ן, ווייל אז ניט זיינען מיר נידעריגער פון די דאָזיגע חיות".

האָבען זיי זיך צונויפגעזאַמעלט צו מתושלח׳ן און איהם בעוויינט. איז דאָס גאָט געפעלען געוואָרען און ער האָט אָפגעלעגט דעם מבול אויף נאָך זיבען טעג. האָט גאָט זיי געעפענט זיין אוצר, און זיי האָבען גענעסען צו דער זאַט, זיך געוואוילטיגט און זיך אָנגעטאָהן פערגעניגענס. גאָט האָט דאָס געטאָהן אום צו צייגען אז אזוי באַלד ווי זייערע הערצער דערפיהלען נאָר חרטה איז ער זיי מוחל, און אז עס לוינט זיך תשובה צו טאָהן און געניסען פון אַלעם גוטען וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. אָבער אין וואוילטאָג האָבען זיי ווייטער געזינדיגט און ווייטער געגאַנגען אין פערדאָרבענע וועגען.

האָט דער אייבערשטער געזאָגט צו נח׳ן: „נעהם פון יעדער ריינער בהמה און פון יעדען ריינעם עוף צו זיבען, און פון דער אומריינער בהמה און אומריינעם עוף צו צוויי,

אַ זכר און אַ נקבה". האָט נח געזאָגט: „ מיין גאָט! איך בין קיינמאָל קיין יעגער ניט געווען, ווי זשע קען איך ברענגען אין דער תבה אַריין אַלע חיות און עופות וואָס דו דערמאָנסט?"

האָט דער אייבערשטער געגעבן אַ בעפעהל און עס זיינען אַרונטערגעקומען מלאכים וואָס זיינען בעשטימט איבער די בהמות, חיות און עופות, און די מלאכים האָבען זיי אויסגעקליבען און געבראַכט צו נח'ן.

26

דעם שקר'ס שותּף

ווען דער אייבערשטער האָט געזאָגט צו נח'ן אַז ער זאָל אַריינלאָזען אין זיין קאַסטען אַ פּאָאַר פון יעדען מין, פון אַלע לעבעדיגע בעשעפענישען, צו ראַטעווען פון מבול, זיינען געקומען אַלערליי חיות און עופות, צו פּאָאַר פון יעדען מין, און זיינען אַריין אין נח'ס קאַסטען. אַזוי זיינען אַנגעקומען איין פּאָאַרעל נאָך דער אַנדערער.

איז געקומען דער שקר און האָט אויך געוואָלט אַריינגעהן אין קאַסטען.

„קענסט ניט אַריין", האָט נח געזאָגט צום שקר, „סיידען דו זאָלסט צו זיך קריגען נאָך אימיצען און ווערען אַ פּאָאַר".

איז דער שקר אַוועק זיך זוכען אַ שותּף צו ווערען אַ פּאָאַר. געהענדיג, האָט ער זיך בעגעגענט מיט שווינדעל.

„פון וואַנען געהסטו?" האָט שווינדעל געפרעגט ביים שקר.

דערצעהלט דער שקר אַזוי:

„איך בין געווען ביי נח'ן. געוואָלט אַריינגעהן אין קאַסטען כדי דער מבול זאָל פון מיר ניט מאַכען אַ סוף. אָבער נח האָט מיך ניט געוואָלט אַריינלאָזען. ער זאָגט אַז

איך מוז צוערשט אויסזוכען צו מיר א גלייכען און ווערען א פּאאר, אז ניט קען איך ניט אריין. אויב דו, שווינדעל, ווילסט מיט מיר ווערען א פּאאר וועט דיר זיין זעהר גוט. וואס פּאר א פערמעגען איך וועל מאכען וועל איך דיר דאס אוועקגעבען".

דאס געשעפט איז אפּגעמאכט געווארען, און נאכדעם זיינען זיי ביידע אריין אין נח'ס קאסטען. נאכ'ן מבול, ווען זיי זיינען ארויס, האט שקר זיך גענומען צו זיין ארבייט, און וואס ער פלעגט פערדיענען פלעגט שווינדעל דאס צונעהמען.

אזוי האט זיך דאס געפיהרט פאר א היבשע צייט. שפּעטער האט שקר איינגעזעהן אז ער האט געמאכט א שלעכטע שותפות, האט ער גענומען טענה'ן: „זעה, שווינדעל, איך ארבייט און דו נעהמסט צו מיינע גאנצע פערדינסטען".

„עס וועלען דיר ניט העלפען אלע דיינע טענות", האט שווינדעל געענטפערט. „אזוי האבען מיר אפּגעמאכט און אזוי וועט דאס בלייבען".

27

עוג מלך הבשן

און עוג מלך הבשן איז געקומען צו נח'ן און ער האט זיך ביי איהם געבעטען: „דערבארעם זיך אויף מיר און לאז מיך אריין אין דיין קאסטען!" ווען נח האט א קוק געטהאן אויף עוג'ן, אויף זיין ריעזיגען קערפּער און אונגעהויערער הויך, האט ער זיך געטראכט: דער דאזיגער ריעז שרעקט זיך אומזיסט, ווארום אפילו ווען דאס וואסער פון מבול זאל ווערען ווי שטארק, וועט עס נישט גרייכען ווייטער ווי צו זיינע פיס־קנעכלעך...

אז עוג איז צונעשטאנען צו נח'ן און איהם שטארק

געבעטען, האט איהם נח נעזאגט: „שווער מיר אז דו וועסט דיין גאנץ לעבען מיינע קינדער קיין שלעכטס נישט טאהן!" עוג האט איהם די שבועה געגעבען, און נח האט איהם גע־לאזט זיצען אויף איינעם פון די קלעצער וואס זיינען געווען צוגעקלאפט צו דעם קאסטען. נח האט געמאכט א לאך אין דער טהיר פון תבה און איהם דארט־ארום דערלאנגט עסען און טרינקען יעדען טאג.

28

דער שטן העלפט פלאנצען א וויינגארטען

ווען נח האט זיך גענומען צו דער ארבייט, צו פלאנצען א וויינגארטען, איז געקומען דער שטן און האט זיך אוועק־געשטעלט נעבען איהם. און דער שטן האט געפרעגט: „וואס פלאנצסטו?" האט נח געענטפערט: „א וויינגארטען". „וואס קומט ארוים פון א וויינגארטען?" האט דער שטן ווייטער געפרעגט.

„ער גיט ארוים זיסע פירות וועלכע זיינען געשמאק צו עסען, סיי פרישע, סיי געטריקענטע, און מען מאכט פון איהם וויין וואס דערפרעהט די הערצער", האט נח ערקלערט.

„טא לאמיך דיר העלפען אין דער ארבייט און מיר וועלען זיין שותפים", האט דער שטן פארגעשלאגען.

„כ'לעבען זעהר גוט!" האט נח צוגעשטימט.

וואס האט דער שטן געטאהן? ער האט געבראכט א שעפס און האט איהם דער'הרג'עט אונטער'ן וויינשטאק. נאכדעם האט ער געבראכט א לייב און האט איהם דער־הרג'עט אויף דעם זעלבען ארט. נאכדעם האט ער געבראכט א חזיר און איהם דער'הרג'עט און צולעצט האט ער גע־בראכט א מאלפע און האט זי אויך דער'הרג'עט. און אלע אויף דעם זעלבען ארט. און די בלוטען פון די אלע פיער

חיות האבען זיך צונאסען איבער דעם ווייננארטען און די ערד האט זיך פון זיי אנגעטרונקען.

דאס איז געווען א צייכען פאר נח׳ן, דאס איידער א מענש טרינקט וויין איז ער שטיל ווי א לעמעלע וואס שטעהט זיך רוהיג, תם׳עוואטע און לאזט זיך שערען... האט ער אויסגעטרונקען א גלעזעל וויין פיהלט ער ביי זיך שטארק ווי א לייב. ווען ער כאפט שוין אריבער די מאאס ווערט ער ווי א חזיר וואס וואלגערט זיך אין בלאטע. און ווען ער ווערט שוין גוט שכור איז ער שוין ווי א מאלפע וואס שטעהט און טאנצט, און שפרינגט און ווייס ניט וואס ער טהוט.

29

ער בעקומט זיין טרונק

אמאל איז געווען איינער א שכור וואס פלעגט פער־קויפען זאכען פון זיין הויז און פערטרינקען דאס געלד. האבען זיינע זיהן געזאגט: „אז מיר וועלען איהם לאזען וועט ער אלעס פערטרינקען און אונז גארנישט איבערלאזען“. וואס האבען זיי געטאהן? זיי האבען דעם פאטער איינגע־שכור׳ט, גענומען און אוועקגעלייגט אויף א וואגען, איהם אוועקגעפיהרט אופ׳ן בית עולם און איהם איבערגעלאזען אין א ליידיגען קבר.

א צייט שפעטער, נאכדעם אז די זיהן זיינען אוועק, זיינען פארביי דעם בית עולם דורכגעפאהרען וויינהענדלער. פלוצלונג האבען זיי דערהערט א ליארם אזוי ווי פון סאל־דאטען וואס געהן צו א מלחמה. האבען זיי גלייך אראפ־גענומען פון זייערע אייזלען די וויין, וועלכע איז געווען אין פעסער און אין לאגלען, און האבען דאס אלץ איבער־געלאזען אופ׳ן בית עולם. נאכדעם האבען זיי געזאגט:

„יעצט וועלען מיר נעהן אין שטאדט און זעהן וואס עס טומעלט זיך דארט".

דער אלטער שכור האט זיך דערוויייל אויפגעכאפט פון שלאף, און אז ער האט דערזעהן א לאגעל הייגגען ביי איהם צוקאפענס, האט ער דעם לאגעל אפגעבונדען, צוגעלייגט צום מויל און גענומען טרינקען. ער האט געטרונקען ביז וואנען ער איז ווידער איינגעשלאפען.

אין דריי טעג ארום האבען די זיהן געזאגט צווישען זיך: „וועלען מיר נאר ניט געהן זעהן וואס דער טאטע מאכט?"

זיינען זיי אוועק צום בית עולם, און אז זיי זיינען אנגעקומען האבען זיי געפונען זייער פאטער האלטענדיג א לאגעל וויין צום מויל און זופען... האבען זיי געזאגט: „אויך דא פערלאזט דיך ניט דיין בעשעפער! און אזוי ווי ער אליין שיקט דיר צו דיין טרונק פון הימעל, ווייסען מיר שוין ניט וואס צו טאהן מיט דיר".

האבען די זיהן אפגעמאכט צווישען זיך אז יעדער איינער זאל דעם פאטער אויסהאלטען מיט משקה, דער א טאג, דער א טאג.

30

דעם שכור'ס גן עדן

איינער א תלמיד חכם, וועלכער איז געוועזען זעהר פרום, האט געהאט א פאטער וועלכער פלעגט טרינקען א סך וויין. דער פאטער פלעגט זיך אפט אזוי אנטרינקען אז ער פלעגט אוועקפאלען אין מיטען גאס. עס פלעגען אנלויפען אינגלעך פון דער גאס, איהם פערווארפען מיט שטיינער און בלאטע, און שרייען און ליארמען „קוקט אן דעם שכור!" און אז דאס פלעגט זעהן דער נוטער און פרומער זוהן, פלעגט ער זיך זעהר שעהמען, און זיך נעהמען צום הארצען, און ער פלעגט אויף זיך בעטען דעם טויט.

יעדען טאג פלעגט דער זוהן זאגען: „טאטע! איך וועל שיקען מען זאל דיר ברענגען אהיים די טייערסטע וויינען וואס זיינען נאר דא אין לאנד, אבער דו זאלסט ניט געהן טרינקען אין וויינהויז, וויל מיט דעם מאכסטו צו שאנד מיך און דיך". אזוי פלעגט דער זוהן איהם בעטען איין מאל און צוויי מאל יעדען טאג, ביז דער פאטער האט איהם פער־שפראכען אז ער וועט טאהן אזוי ווי דער זוהן בעט איהם.

יעדען טאג פלעגט דער גוטער און פרומער זוהן צוגריי־טען פאר'ן פאטער עסען און טרינקען און נאכדעם איהם איינוויקלען אין בעט און איהם איינשלעפערען. דאן פלעגט דער זוהן אוועקגעהן. אזוי פלעגט ער טאהן בייטאג און ביינאכט.

איינמאל, אין א רעגענדיגען טאג, אז דער זוהן איז ארויס פון הויז צו געהן אין שוהל דאווענען, האט ער געזעהן א שכור ליגען אין גאס, דורכגענעצט פון רעגען. און גרויסע און קליינע יונגען בעווארפען איהם מיט שטיינער און שטאפען בלאטע איהם אין מויל אריין. ווען דער גוטער זוהן האט דאס דערזעהן האט ער צו זיך געזאגט: איך וועל געהן און ברענגען אהער מיין פאטער און איך וועל איהם ציינגען דעם שכור און די חרפה וואס עס טהוען איהם די חברה יונגען. אפשר וועט דאס אויף איהם ווירקען, און ער וועט זיך א מוסר אראפנעהמען און וועט אויפהערען צו שכור'ן.

אזוי האט דער זוהן געטאהן. ער איז אוועק צוריק אהיים, האט געבראכט זיין פאטער און האט איהם געציינט וואס עס טהוט זיך מיט'ן שכור.

אבער וואס האט דער אלטער פאטער געטאהן? ער איז צוגעגאנגען צום שכור, האט זיך איינגעבויגען איבער איהם און האט איהם געפרעגט: „זאג מיר, ברודער, אין וועלכען שענק האסטו בעקומען אזעלכע טייערע משקה פון וועלכען מען ווערט אזוי גוט שכור?"

האָט דער זוהן געזאָגט: „האָב איך דיך דען גערופען צוליעב דעם? איך וויל דיר נאָר ציינען די שאַנדע וואָס מען טהוט אַן דעם שכור. ווייל אַזוי טהוט מען אויך דיר ווען דו טרינקסט זיך אָן. אפשר וועט דאָס העלפען און דו וועסט מעהר ניט וועלען געהן טרינקען אין שענק".

„מיין זוהן", האָט דער פאָטער געענטפערט, „איך שווער דיר ביי מיין לעבען, אַז קיין גרעסערער פערגעניגען ווי טרינקען איז ביי מיר ניטאָ, און דער שענק איז מיין גן עדן".

ווען דער גוטער און פרומער זוהן האָט דאָס געהערט איז ער אַוועק מיט אַ שווערען געמיט.

31

אויסגעפעלט די מאָס

אַמאָל איז געווען אַ מאַן וואָס איז געווען געוואוינט אויסצוטרינקען יעדען טאָג צוועלף קריגלעך וויין. איין טאָג האָט ער געהאַט צו טרינקען בלויז עלף קריגלעך. האָט ער זיך געלייגט און ניט געקענט איינשלאָפען. איז ער אויפגע־שטאַנען אין דער פינסטערניס פון דער נאַכט און איז אַוועק צום וויינשענק, געקלאָפט אין טהיר און בעטען ביים שענקער ער זאָל איהם פערקויפען אַ קריגעל וויין. האָט דער שענקער געענטפערט: „איך קען דעם שענק יעצט ניט עפענען, ווייל עס איז שוין פינסטער, און אַז די שטאָדט וועכטער וועלען מיך כאַפּען וועל איך בעקומען אַ שטראָף".

דער שכור האָט בעטראַכט די טהיר און האָט דאָרט דערזעהן אַ לעכעל. „ווייסטו וואָס", האָט ער געזאָגט, „גיב מיר טרינקען דורך דער לעכעל. די וועכטער וועלען דיר גאָרנישט קענען טאָהן, ווייל דו ביזט אינוועניג און איך שטעה אין דרויסען".

דער שענקער האָט איהם אַזוי געטאָהן. דער שכור האָט

זיך אנגעטרונקען און איז איינגעשלאפען ביי דער טהיר. זיינען שפעטער אנגעקומען די שטאדט וועכטער האבען זיי געמיינט אז דאס איז א גנב, האבען זיי איהם צוקלאפט און צובלוטיגט און געמאכט פול מיט וואונדען.

32

דער גרויסער שטערן

אין דער נאכט וואס אברהם אבינו האט געדארפט נעד בוירען ווערען זיינען צוזאמענגעקומען אלע דיענער פון תרח און אלע חכמים, ראטגעבער און צויבערער פון דעם מלך נמרוד, און האבען צוזאמען געגעסען און געטרונקען אין תרח׳ס הויז, און זיך משמח געווען מיט איהם. ווען די חכמים און צויבערער זיינען געגאנגען אהיים און זיי זיינען ארוים אין גאס, האבען זיי אויפגעהויבען זייערע אויגען צום הימעל און האבען געזעהן ווי א גרויסער שטערן איז געקומען פון מזרח, און געלאפען איבער׳ן הימעל און האט איינגעשלונגען פיער שטערען אין פיער פערשידענע זייטען פון הימעל.

און די חכמים און די צויבערער פון מלך האבען זיך געוואונדערט איבער דיעזע ערשיינונג און זיי האבען פער־שטאנען, וואס דאס איז און וואס דאס בעדייט. זיי האבען געזאגט איינער צום אנדערען: „ניט אנדערש, ווי אז דאס קינד וואס ווערט היינט געבוירען ביי תרח׳ן וועט אויסוואקסען און וועט זיך מעהרען און ווערען גרויס אין צאהל, און זיינע קינדער וועלען צונעהמען די גאנצע וועלט. ער מיט זיינע קינדער וואס וועלען קומען נאך איהם וועלען אויס׳הרג׳ענען מעכטיגע מלכים און צונעהמען זייערע לענדער.

און די חכמים מיט די צויבערער זיינען אוועק יענע נאכט, יעדער איינער צו זיך אהיים.

אויף מארגען, גאנץ פריה, זיינען זיי גלייך אויפגעשטא־

נען, די חכמים און צויבערער, האבען זיך פערזאמעלט אין זייער ראטהויז, און האבען צווישען זיך אזוי גערעדט:

„דאס וואס מיר האבען נעכטען ביינאכט געזעהן איז דעם מלך נאך גיט בעוואוסט, אבער אויב ער וועט א צייט שפעטער זיך דערוויסען פון דעם, וועט ער צו אונז האבען טענות און וועט זאגען: ‚ווארום האט איהר די זאך בעהאלטען פון מיר?‘ און ער וועט זיכער אונז אלעמען הרג'ענען. איז דארום בעסער, אז מיר זאלען יעצט געהן און דערצעהלען דעם מלך די ערשיינונג וואס מיר האבען געזעהן און די בעדייטונג פון דעם, וועלען מיר זיין ריין פון שולד.“

אזוי האבען זיי געטאהן. זיי זיינען אלע אוועק צום מלך, האבען זיך פאר איהם טיעף געבוקט, אזש ביז צו דער ערד, און האבען געזאגט:

„יחי המלך! לעבען זאל דער מלך! מיר האבען געהערט אז עס ווערט געבוירען א זוהן ביי תרח דער זוהן פון נחור, דיין גענעראל, זיינען מיר נעכטען צו איהם געקומען, דארט געגעסען און געטרונקען און זיך מיט איהם געפרעהט. אין דער נאכט, ווען דיינע קנעכט זיינען ארויס פון תרח'ס הויז צו געהן אהיים שלאפען, האבען מיר אויפגעהויבען אונזערע אויגען צום הימעל, און מיר האבע' געזעהן ווי עס איז געקומען א זעהר גרויסער שטערן פון מזרח זייט, און דער גרויסער שטערן איז זעהר שנעל געלאפען און האט איינגעשלונגען פיער גרויסע שטערן אויף פיער זייטען פון הימעל. דיינע קנעכט האבען זיך געוואונדערט אויף דעם וואס זיי האבען געזעהן און זיך זעהר דערשראקען. האבען מיר בעטראכט די ערשיינונג און מיר האבען פערשטאנען לויט אונזער שכל די ריכטיגע בעדייטונג פון דעם, נעמליך, אז דער אינגעל וואס ווערט געבוירען ביי תרח'ן וועט ווערען גרויס און וועט זיך מעהרען אין צאהל, און ער וועט אויסהרג'ענען אלע מלכים און אבנעהמען זייערע לענדער, פאר

איהם, פאר זיינע קינדער און קינדס קינדער, ביז אייביג.
און יעצט, אדוננו המלך, מיר האבען דיר געלאזט וויסען
אלעס אויף ריכטיג וועגען דעם קינד. אויב דעם מלך גע־
פעהלט אונזער עצה, זאל ער דעם קינד אבקויפען ביי זיין
פאטער און מיר וועלען איהם הרג'ענען איידער ער וועט
אויסוואקסען און זיך פערמעהרען אויף דער וועלט, איידער
מיר און אונזערע קינדער וועלען פערלארען געהן צוליעב
זיין שלעכטסקייט".

דער מלך נמרוד האט אויסגעהערט זייערע רייד און זייער
עצה איז איהם געפעהלען געווארען. ער האט געשיקט רופען
תרח'ן און תרח איז געקומען. און נמרוד האט צו איהם
געזאגט:

„מען האט מיר דערצעהלט, אז נעכטען איז ביי דיר
געבוירען געווארען א זוהן, און אזוי און אזוי האבען מיינע
צייכענדער געזעהן אויפ'ן הימעל ווען ער איז געבוירען גע־
ווארען. און יעצט גיב מיר דיין קינד און מיר וועלען איהם
טויטען, איידער ער קען ברענגען אויף אונז אן אונגליק, און
איך וועל דיר פאר איהם געבען א פולע הויז מיט זילבער
און גאלד".

און תרח האט דעם מלך אזוי געענטפערט:

„אדוני המלך! איך האב געהערט דיינע רייד, און
אלעס וואס מיין האר קעניג פערלאנגט וועט זיין קנעכט
טאהן. אבער, אדוני המלך, צוערשט מוז איך דיר דער־
צעהלען וואס מיט מיר איז נעכטען געשעהן, און ווען איך
וועל הערען די עצה וואס דער מלך וועט געבען צו זיין קנעכט,
וועל איך דיר ענטפערען אויף דיינע רייד".

„דערצעהל!" האט דער קעניג געזאגט.

„נעכטען ביינאכט", האט תרח גענומען דערצעהלען, „איז
צו מיר געקומען א מאן און האט געוואלט, אז איך זאל
איהם אפגעבען דעם טייערען פערד וואס דו האסט מיר

אמאל געשענקט, און דערפאר וועט ער מיר געבען א פולע שטאל מיט היי און האבער. האב איך איהם געענטפערט, אז צוערשט מוז איך דיך פרעגען, און וואס דער קעניג וועט מיר הייסען וועל איך טאהן. און יעצט, אדוני המלך, איך האב דיר אלעס דערצעהלט וועגען דער זאך, און דו גיב מיר אן עצה".

ווען דער מלך האט געהערט וואס תרח האט איהם דערצעהלט, האט ער איהם אנגענומען פאר א נאר און ער איז געווארען זעהר בייז, און האט צו איהם געזאגט:

„ביזטו א נאר, אדער דו האסט פערלארען דיין פערשטאנד? ווי פאלט דיר גאר איין אזא זאך צו וועלען אוועקגעבען דיין פערד פאר היי און האבער? וואס וועט דיר טויגען די היי און האבער, אז דו וועסט קיין פערד ניט האבען?"

„זעהסטו, אדוני המלך", האט תרח געזאגט. „אט דיין ענטפער אויף מיין פראגע איז אויך אן ענטפער אויף דעם וואס דו האסט געבעטען ביי מיר. דו ווילסט טויטען מיין זוהן און מיר געבען פאר איהם א פולע הויז מיט זילבער און גאלד. אבער וואס טויג מיר זילבער און גאלד אז איך וועל ניט האבען קיין יורש וועמען דאס איבערצולאזען? און אז איך וועל ניט האבען קיין יורש, וועט דאך די זילבער און גאלד זיך אומקעהרען צוריק צום מלך".

ווען דער מלך האט געהערט, אז דאס וואס תרח האט איהם דערצעהלט איז בלויז געווען א משל אויף איהם אליין, איז ער געווארען שטארק בייז און זיין צארן האט אין איהם געברענט ווי א פייער. און ווען תרח האט געזעהן ווי בייז דער מלך איז געווארען אויף איהם, האט ער זיך דערשראקען און האט געזאגט:

„אלעס וואס איך האב איז דעם קעניגס און וואס דער האר קעניג וועט בעפעהלען זיין קנעכט וועט ער טאהן, און

אפילו מיין זוהן איז אויך אין דעם קעניג׳ס הענד, און איך פערלאַנג פאַר איהם קיין זאַך”.

„ניין!“ האָט דער מלך געזאָגט. „איך וויל ניט אומ־זיסט. איך וויל דיין ניי־געבוירענעם זוהן קויפען”.

„לאָז מיר אויסריידען נאָר איין וואָרט“, האָט תרח גע־בעטען דעם מלך. „גיב מיר דריי טעג צייט איך זאָל אי־בערטראַכטען דעם מלך׳ס פערלאַנג מיט זיך און איבעררעדען מיט מיין פרוי, אַז זי זאָל איינשטימען אויף אוועקגעבען אונזער קינד”.

נמרוד האָט איהם געגעבען דריי טעג צייט.

תרח איז אוועק אהיים און האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע צו זיין פרוי און זיינע הויז־מענשען און עס איז אויף אַלעמען אַנגעפאַלען אַ מורא.

אויף דעם דריטען טאָג האָט נמרוד געשיקט שלוחים צו תרח׳ן און האָט אַנגעזאָגט: „שיק מיר דיין זוהן פאַר דעם פרייז וואָס מיר האָבען אָבגעמאַכט. און אויב דו וועסט ניט פאָלגען וואָס איך זאָג דיר, וועל איך שיקען מיינע מענשען און זיי וועלען טויטען דיך און אַלע וואָס זיינען ביי דיר אין הויז, און עס וועט ניט בלייבען קיין איינציגער זכר”.

תרח האָט געזעהן אַז דער מלך וועט איהם יעצט ניט אָבלאָזען, האָט ער גענומען אַ קינד פון זיינע קנעכט וואָס אַ דיענסט האָט געבוירען אין דעם זעלבען טאָג אין וועלכען עס איז געבוירען געוואָרען זיין זוהן אברהם, און תרח האָט דיעזען איינגעל געבראַכט צום מלך און האָט באַקומען פון איהם זילבער און גאָלד.

און דער אויבערשטער איז געוועזען מיט תרח׳ן און ער האָט איהם געהאָלפען אַז נמרוד זאָל ניט דערגעהן דעם אמת. און נמרוד האָט גענומען דעם קליינעם קינד פון תרח׳ן און האָט איהם דערהרג׳עט אויפ׳ן אָרט, מיינענדיג אַז דאָס איז

געוועזן אברהם, און שפּעטער האָט נמרוד אין גאַנצען פערגעסען אויף דער געשיכטע.

תרח האָט שטילערהייד געגומען זיין זוהן אברהם און זיין מוטער און זיין אם און האָט זיי בעהאַלטען אין אַ הייל. יעדען חודש פלעגט תרח זיי ברענגען שפּייז אויף אַ גאַנצען חודש. און אברהם איז געוועזן אין דער הייל ביז ער איז געוואָרען צעהן יאָהר אַלט.

33

אַברהם און נמרוד

איינמאָל האָט תרח געזאָגט צו זיין זוהן אברם: „איך געה ארוים פון הויז, זעץ־זשע זיך דאָ אוועק אויף מיין אָרט און פערקויף די געצען וואָס איך מאַך".

„גוט!" האָט אברם געזאָגט. „גע געזונטערהייד!"

ווען תרח איז אַוועקגעגאַנגען איז אַמאַן געקומען צו אברם'ן קויפען אַ געצענבילד.

„זאָג מיר, כ'בעט דיך, ווי אַלט ביזטו?" האָט איהם אברם געפרעגט.

„איך ווער היינט זעכציג יאָהר", האָט יענער געענטפערט.

„וועה צו דיר!" האָט אברם געזאָגט. „אַ מאַן פון זעכציג יאָהר וויל זיך בוקען צו אַ געטשקע וואָס איז אַלט אַ טאָג!"

דער מאַן האָט זיך פערשעהמט און איז אוועקגעגאַנגען.

דערנאָך איז געקומען צו אברם'ן אַן אַלטע פרוי און פערלאַנגט:

„גיב מיר עפּעס אַ גרויסען, גוטען גאָטעל, וועמען איך זאָל קענען דיענען און ליעב האָבען".

„הער מיך אוים, אַלטע", האָט אברם געזאָגט. „שוין צייט דיר צו פערשטעהן, אַז די געטשקעס, די גרויסע אַזוי

גוט ווי די קליינע, קענען נאר נישט העלפען".

און די פרוי האט זיך פאר איהם בעקלאגט: „נעכטען ווען איך בין ארויס פון הויז, זיינען אריינגעקומען גנבים און אוועקגע׳גנב׳עט מיין געלט!"

„נו, פרעג איך ביי דיר", האט אברם געזאגט. „אויב דער גאט האט זיך אליין ניט געקענט ראטעווען פון גנבים, צו וואס זאלסטו איהם קויפען און צו איהם דיענען?"

די אלטע האט גענומען פערשטעהן און האט געזאגט: „ביזט גאנץ גערעכט... טא, זאג־זשע מיר טאקי, צו וועמען זאל איך דיענען?"

און אברם האט איהר געענטפערט: „צו דעם גאט וואס האט בעשאפען הימעל און ערד, און וואס אין זיין האנט איז דאס לעבען פון יעדען בעשעפעניש, צו איהם דארפסטו דיענען".

ווען די אלטע האט געהערט אברהם׳ס שילדערונגען וועגען גאט׳ס גרויסקייט און זיינע חסדים, האט זי געזאגט: „געבענשט זאלסטו מיר זיין, ווייל דו האסט מיינע אויגען געעפענט! איצט ווייס איך, אז נאר דעם בעשעפער פון הימעל און ערד דארף איך דיענען."

אוועקגעהענדיג פון אברם׳ן האט זי בעגעגענט די גנבים וועלכע האבען גע׳גנב׳עט איהרע געצען און זיי האבען איהר די גנבה אומגעקעהרט. האט זי גענומען די געצען, זיי צובראכען אויף שטיקלאך און פונאנדערגעשפרייט אין אלע גאסען, שרייענדיג צו אלע מענשען: „דיענט ניט מעהר די געצען וואס מענשען מאכען פאר אייך! דיענט צו דעם גאט וואס האט בעשאפען הימעל און ערד!"

ווען פיעלע מענער און פרויען האבען געהערט איהר געשריי און האבען זי ארומגערינגעלט און געפרעגט פאר וואס זי טהוט דאס, האט זי זיי דערצעהלט וועגען אלץ וואס אברם האט איהר געזאגט, און איהרע רייד האבען געווירקט

פון אַלע מדרשים

אויף פיעלע מעהר נישט צו דיענען די שטיינערנע און היל־צערנע געטער.

ווידער איז געקומען א פרוי צו אברם׳ן און געזאָגט: „אַט האָב איך געבראַכט אַ קרבן צו דיין פאָטער׳ס געטער. איך בעט דיך, זיי עס מקריב!“

„געה אהיים,“ האָט אברם געזאָגט. „איך וועל טאָן ווי דו הייסט“.

ווען די פרוי איז אוועק האָט אַברם גענומען א שטעקען, און צובראָכען זיין פאָטער׳ס געטער און ביי אַלע אויסגע־האקט די אויגען און עס איז ניט מעהר געבליבען ווי איין גרויסער געץ. דעם געץ האָט אַברם אריינגעשטעקט אַ שטע־קען אין האַנט און איז אוועקגעגאַנגען.

ווען תרח איז צוריקגעקומען און ער האָט דערזעהן די צובראָכענע געצען, האָט ער געזאָגט צו אברם׳ן מיט גרויס רציחה: „אחוץ דיר איז קיינער אין הויז ניט געווען — דו האָסט מיינע געטער צובראָכען!“ און אַברם האָט זיך פער־ענטפערט: „אַ פרוי האָט געבראַכט אַ קרבן פאַר דיינע געטער, האָב איך איהם מקריב געווען. זיינען אויפגעשטאַנען די קליינע געטער און גענומען עסען פון דעם קרבן, ניט וואַרטענדיג ביז דער גרויסער געץ וועט פריהער נעהמען זיין חלק. איז ער בייז געוואָרען, דער גרויסער געץ, און מיט׳ן שטעקען האָט ער זיי אַלע אומגעבראַכט!“...

„וועמען דערצעהלסטו דאָס אַזעלכע מעשיות?“ האָט תרח געשריען. „די דאָזיגע געטער עסען ניט און טרינקען ניט און ווייסען פון גאָר ניט. זיי האָבען מיילער און ריידען ניט, אויגען און זעהען ניט, פיס און געהען ניט...“

האָט אַברם געזאָגט: „עס איז אמת, פאָטער, וואָס דו האָסט געזאָגט! דיינע געטער זיינען ניט בעסער פון דעם האָלץ און דעם שטיין; אָבער אויב אַזוי, פאַר וואָס בוקסטו זיך צו זיי און דיענסט זיי?...“

ווען נמרוד האָט זיך דערוואוסט פון אברם׳ס טהאָט, האָט ער געהייסען צו זיך ברענגען אברם׳ן און איהם געפרעגט:

„ווי האָסטו געוואַגט אַנצורײַדען מײַנע קנעכט אז זיי זאָלען מעהר ניט דיענען צו די געצען?... דערפאַר זאָלסטו שוין אויפ׳ן אָרט זיך בוקען צום פייער, וואָס דאָס איז דער גרעסטער און שטאַרקסטער גאָט!" ....

האָט אברם געענטפערט: „לאָמיך בוקען צום וואַסער, ווייל דאָס פערלעשט דאָך דעם פייער!"

האָט נמרוד געזאָגט: „גוט, בוק זיך צום וואַסער!"

„די וואָלקענס זיינען שטאַרקער פון וואַסער", האָט אברם ווייטער געזאָגט, „ווייל זיי האַלטען אין זיך דאָס וואַסער. לאָמיך בעסער בוקען צו די וואָלקענס".

האָט נמרוד געזאָגט: „זאָל זיין אַזוי. בוק זיך צו די וואָלקענס!"

„דער ווינט איז אָבער גרעסער און שטאַרקער פון די וואָלקענס", האָט אברהם גע׳טענה׳ט, „ווייל דער ווינד פערשפרייט זיי און ווען דער ווינט איז פערביי, ווערט דער הימעל לויטער!"

„בוק־זשע זיך צום ווינט!" האָט נמרוד געזאָגט...

„וועל איך זיך שוין בעסער בוקען צום מענש", האָט אברם געענטפערט, „ווייל דער מענש קען זיך בעהערשען..."

נמרוד איז זעהר בייז געוואָרען און ער האָט אויסגע־שריען: „רייד מעהר ניט קיין דומהייטען! אָט וועל איך דיך איבערגעבען צום פייער, צו וועלכען איך בוק זיך, און לאָמיר זעהן, צי וועט דיך דיין גאָט ראַטעווען פון די הענט פון מיין גאָט!..."

24

אַברהם אין קאַליך־אויווען

נמרוד האָט צוזאַמענגערופען זיינע מיניסטאָרען, יועצים און שטערן־זעהער און זיי דערצעהלט: „אברם, תרח׳ס זוהן, האָט צובראָכען זיין פאָטער׳ס געטער און צוגערעדט מיינע קנעכט די געטער מעהר ניט צו דינען. ווען איך האָב זיך פון דעם דערוואוסט און איך האָב איהם געבראַכט צו מיר און איהם געהייסען זיך בוקען צום פייער, האָט ער ניט געוואָלט און ער האָט גאָר פון מיר אָפּגעשפּאָט און מיך מבייש געווען! זאָגט־זשע מיר איצט, וואָס דאַרף איך טאָהן מיט אַזאַ מענשען?"

און די יועצים האָבען געענטפערט: „זיין שטראָף דאַרף זיין פערברענט צו ווערען אויפ׳ן פייער! זאָל דער מלך געבען אַ בעפעהל צו בעהייצען דעם קאַליך־אויווען דריי טעג און דריי נעכט, און דערנאָך וועלען מיר אַהין אַריינוואַרפען תרח׳ס זוהן, און ער וועט פערברענט ווערען".

נמרוד האָט געגעבען אַ בעפעהל דאָס צו טאָהן, און נאָך דריי טעג האָט מען געפיהרט אברם׳ען צום קאַליך־אויווען. אַלע קנעכט פון נמרוד׳ן, זיינע יועצים און ריכטער, און אַ גרויסע צאָהל פרויען און קינדער, האָבען זיך פערזאַמעלט צוצוקוקען ווי אברם ווערט פערברענט.

ווען אברם איז פערבייגעגאַנגען פאַר די שטערן־זעהער, און זיי האָבען זיך אין איהם איינגעקוקט, האָבען זיי געזאָגט:

„אַ, דאָס איז דאָך דער מאַן, וואָס אין טאָג פון זיין געבורטה האָט זיך בעוויזען דער גרויסער שטערן!..."

נמרוד׳ס קנעכט האָבען גענומען אברם׳ען, איהם געבונדען הענט און פיס און איהם אַריינגעוואָרפען אין קאַליך־אויווען. אין דער מינוט האָט דער מלאך גבריאל זיך געשטעלט

פאַר גאָט און געזאָגט: „אָ, גאָט! ערלויב מיר אַריינצו־גייען אין קאַליך־אויוועזן צו פאַרלעשען דאָס פייער און ראַ־טעווען דיין געליבטען אברם!" און גאָט האָט געענטפערט: „עס איז ניטאָ קיין צווייטער צו מיר אין הימעל און עס איז ניטאָ קיין צווייטער צו אברם'ן אויף דער ערד; דע־ריבער וועל איך אליין איהם ראַטעווען פון טויט! אָבער דער־פאַר וואָס דו האָסט געוואָלט טאָהן די דאָזיגע גוטע זאַך, וועל איך דיך לאָזען ראַטעווען דריי אַנדערע צדיקים!..."

איז געקומען צדקה און זיך געבעטען ביי גאָט: „אָ, ראַטעווע אברם'ן פון טויט, ווייל עס איז ניטאָ זיין גלייכען אויף דער גאַנצער ערד אַלס צדקה־געבער, און אויב ער וועט שטאַרבען ווער וועט זיך אויף מיר אומקוקען?..."

און גאָט האָט געגעבען אַ בעפעהל, און דאָס גרויסע פייער איז אויסגעלאָשען געוואָרען. די פלאַמען זיינען פער־וואַנדעלט געוואָרען אין בוימער, די בוימער זיינען בעוואַק־סען געוואָרען מיט בלעטער, און זיי האָבען געבליהט און פון זיך אַרויסגעגעבען שעהנע, טייערע פרוכטען. די פרוכט־בוימער האָבען זיך אויסגעשטעלט אין שורות און זיי האָבען געמאַכט דעם קאַליך־אויוועזן פאַר אַ פראַכטפולען גאָרטען. אברם איז אַרומגעגאַנגען אין קאַליך־אויוועזן דריי טעג און דריי נעכט און ער האָט געזונגען לויב־געזאַנגען צו גאָט און מתפלל געווען:

„דערבאַרים זיך, גאָט, אויף אַלע מענשען, וועלכע ווילען מיר שלעכטעס טאָהן! גיב אין זיי אַריין אַ ריין הארץ און אָפענע אויגען, צו קענען זעהען און טאָהן נאָר דאָס גוטע און גערעכטע!"

נאָכדעם ווי אברם איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין קאַליך־אויוועזן, האָבען נמרוד'ס קנעכט איהם דערצעהלט: „מיר האָבען געהערט ווי הרן, תרח'ס זוהן, האָט געזאָגט צו דער גאַנצער געמיינדע: „אויב אברם וועט פאַרברענט ווע־

רען און זיין גאָט וועט איהם ניט ראַטעווען — וועל איך דאַן גלויבען אין אונזער קעניג נמרוד און איך וועל טאָהן אַלץ וואָס ער וועט מיך הייסען; נאָר אויב דאָס פייער וועט אברם׳ן ניט בעריהרען — וועל איך וויסען, אַז גרויס און מעכטיג איז זיין גאָט, און איך וועל דאַן פערלאָזען מיין קעניג נמרוד און זיך בעהעפטען אַן דעם גאָט פון אברם!״

ווען נמרוד האָט דאָס געהערט, האָט ער צו זיך געלאָזט רופען הרן׳ען און האָט איהם געפרעגט: „פאַר וועלכען גאָט האָסטו איצט מורא?״

„פאַר דעם גאָט פון אברם״, האָט הרן געענטפערט, „ווייל הייליג איז ער און זעהר מעכטיג!...״

האָט נמרוד געגעבען א בעפעהל, און מען האָט אריינגעוואָרפען הרן׳ען אין קאַליך־אויווען און ער איז פערברענט געוואָרען.

די קנעכט פון נמרוד׳ן זיינען דאַמאָלס געקומען צו תרח׳ן און זיך מיט איהם געריייצט: „מיר האָבען געהערט ווי דו בעריהמסט זיך מיט דיין זוהן אברם, אַז גאָט מאַכט איהם ירש׳ענען די גאַנצע וועלט, און אַז אויך עולם־הבא וועט ער איהם געבען — איצט זעה: מען האָט איהם אריינגעוואָרפען אין קאַליך־אויווען און אַט ווערט ער פערברענט!

איז תרח אוועקגעלאָפען צום קאַליך־אויווען און געזעהן ווי דער קעניג און זיינע קנעכט שטעהען און בעוואונדערען די גרויסע מערקווירדיגקייט וואָס זיי האָבען געזעהען אין קאַליך־אויווען. און דער קעניג האָט געזאָגט צו אברם׳ן: „געה ארויס פון קאַליך־אויווען, איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָהן!״

איז אברם ארויסגעגאַנגען פון קאַליך־אויווען און האָט זיך געשטעלט פאַר נמרוד׳ן.

„זאָג מיר, איך בעט דיך״, האָט נמרוד געזאָגט. „פאַר וואָס האָט אויף דיר דאָס פייער קיין שליטה ניט געהאַט?

און ווי אזוי האָבען זיך די קויהלען פערוואנדעלט אין בוי־
מער און געוואָרען אַ פּראַכטפולער גאָרטען, וואָס איך האָב
נאָר אַזעלכען ניט געזעהן."

אברהם האָט געענטפערט: „דער גאָט פון הימעל און
ערד, וואָס איהם דיען איך און צו איהם פערטרוי איך
זיך, ער האָט מיך אָפּגעהיט און מיך געראַטעוועט פון טויט!"

נמרוד האָט זיך דאַן געבוקט צו אברם'ן און אַזוי האָבען
אויך געטאָהן זיינע ראַטגעבער.

אָבער אברם האָט צו זיי געזאָגט: „ניט צו מיר בוקט
זיך, נאָר צו דעם בעשעפער פון הימעל און ערד, ווייל אין
זיין האַנט איז דאָס לעבען פון יעדען באַשעפעניש! דיענט
איהם מיט'ן גאַנצען הארצען און ער וועט אייך אָבהיטען
פון אַלעם שלעכטען!"

נמרוד האָט דאַן געגעבען אברם'ן מתנות, און זיינע בע־
דיענער און ראַטגעבער האָבען איהם בעשאָנקען מיט זילבער
און גאָלד און טייערע שטיינער און ווען אברם איז אַרויס
פון דעם קעניג זיינען איהם נאָכגעגאַנגען אַרום דריי הונ־
דערט מענשען און צו איהם געזאָגט: „דיינע קנעכט זיינען
מיר! וואוהין דו וועסט אונז שיקען וועלען מיר געהן און
אַלץ וואָס דו וועסט אונז הייסען וועלען מיר טאָהן".

35

נמרוד'ס חלום

איינמאָל האָט נמרוד געחלומ'ט אַזאַ חלום: ער און
זיינע חילות לאָזען זיך אַרונטער אין אַ טהאָל צו דעם קאַליך־
אויוועז, וואו אברם איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען. און אַט
דערזעהט ער ווי אַ מאַן וואָס זעהט אויס ווי אברם געהט
אַרויס פון קאַליך־אויוועז און דערנעהנטערט זיך צו איהם

מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד אין האַנט. נמרוד האָט זיך דערשראָקען און איז אַנטלאָפען. דער מאַן האָט געוואָרפען אַן איי אויפ׳ן קעניג׳ס קאָפּ; דאָס איי איז צוקלאַפּט געוואָרען און עס איז דערפון געוואָרען אַ טייך, אין וועלכען זיין חיל איז דערטרונקען געוואָרען. דער קעניג האָט ווייטער גענומען לויפען, און מיט איהם זיינע דריי מענער, די לייב־וואַך. ווען נמרוד האָט אויף זיי אַ קוק געטאָהן האָט ער געזעהן, אַז לויט זייערע פּנים׳ער און קליידער זעהען זיי אויס ווי קעניגע... און אַזוי ווי זיי זיינען געלאָפען איז דער טייך פּלוצים שטעהן געבליבען און צוריק געוואָרען אַן איי. פון דעם איי איז אַרויס אַ הינדעלע און עס איז אַרויפגעפלויגען אויפ׳ן קעניג׳ס קאָפּ און איהם געגראָבעלט די אויגען...

ווען נמרוד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט איהם דאָס האַרץ גענומען קלאַפּען פון גרויס שרעק. אין דער פריה האָט ער צו זיך שנעל פּעררופען זיינע כשוף־מאַכער און זיי דערצעהלט זיין חלום.

איין כשוף־מאַכער, וואָס האָט געהייסען אנוקי, האָט געזאָגט: „דער בעשייד פון דיין חלום איז: דאָס הינדעלע וואָס האָט דיינע אויגען געשטאָכען איז אברם, און דער טייך אין וועלכען דיינע מענשען האָבען זיך געטרונקען — זיינען זיינע קינדער און קינדס־קינדער... עס וועט קומען אַ צייט ווען אברם וועט פערטיליגען אַלע איינוואוינער פון לאַנד און וועט עראָבערען די ערד! און וויסען זאָלסטו, מיין האַר קעניג, אַז אַזוי לאַנג ווי תרח׳ס זוהן וועט לעבען קענסט דו מיט דיין קעניגרייך ניט עקזיסטירען!“

ווען נמרוד האָט געהערט די בעדייטונג פון זיין חלום האָט ער בעפעהלען צו ברענגען אברם׳ן און איהם טויטען.

אליעזר, אברם׳ס קנעכט, האָט זיך פון דעם דערוואוסט

און ער איז אװעקגעלאָפּען צו אַבֿרם׳ן און געזאָגט: „אויב דו װעסט ניט אַנטלויפֿען װעלען זײ דיך טויטען!"

אַבֿרם איז אַנטלאָפֿען און האָט זיך אויסבעהאַלטען אין הויז פֿון שם, דער זוהן פֿון נח. דעם קעניג׳ס קנעכט האָבען איהם אַרומגעזוכט איבעראַל און ניט קענענדיג איהם געפֿי־נען זײנען זײ צוריקגעקומען צום קעניג און איהם געזאָגט, אַז אַבֿרם איז פֿערשװאונדען. תרח איז דאַן געקומען צו אַבֿרם׳ן און איהם געבעטען: „לאָמיר אַװעק פֿון דעם דאָזיגען לאַנד אום עס זאָל דיר קײן שלעכטס ניט געשעהן!" די דאָזיגע עצה פֿון תרח׳ן האָט געפֿונען חן אין גאָט׳ס אויגען און ער האָט דערפֿאַר פֿערלענגערט זײנע יאָהרען און תרח האָט געלעבט נאָך פֿינף און דרײסיג יאָהר און געזעהן די גרויסקײט און מאַכט פֿון זײן זוהן אַבֿרם.

36

אַבֿרהם און שרה לערנען זײערע מיטמענשען

אַבֿרם האָט געפֿאָלגט זײן פֿאָטער און איז אַװעק מיט זײן װײב שׂרי, מיט תרח׳ן, מיט לוט בן הרן און זײן גאַנץ הויז־געזינד נאָך חרן. גאָט און פֿרוכטבאַר איז געװען יענע לאַנד און זי האָט געגעבען צו די ערד־אַרבײטער ברויט צו דער זעט.

װען אַבֿרם האָט זיך בעזעצט אין חרן האָט ער זיך בע־פֿרײנדעט מיט אַלע מענשען, זײ געטהון טובות און שלום גע־מאַכט צװישען זײ. אַבֿרם׳ס נאָמען איז דערפֿאַר געװען בע־ריהמט און געליבט פֿון אַלע אײנװאוינער און פֿיעלע זײנען צו איהם געקומען און געבעטען ער זאָל זײ פֿיהרען און לער־נען װאָס איז גוט און רעכטפֿערטיג אין גאָט׳ס אויגען. מיט דידאָזיגע מענשען האָט זיך אַבֿרם בעזונדערס געפֿרעהט. ער

האָט זיי געקושט און געהאַלזט און זיי איינגעלאַדען מיט איהם צו עסען. ווען די מענשען האָבען זיך געזעצט צום טיש האָט אַברם זיי בעדיענט ווי אַ קנעכט בעדיענט זיין האַר. און ווען זיי האָבען אָבגעגעסען און אָבגעטרונקען האָט ער זיי געלערענט: „אויב איהר ווילט געפינען חן אין גאָט׳ס אויגען — זאָלט איהר ליעב האָבען שלום און אמת, העלפען יעדען איינעם ווען ער איז אין נויט, זיך דערבאַרימען אויף דעם אָרימאַן און איהם שטיצען, און אויפהערען צו דיענען שטיינערנע און הילצערנע געטער, נאָר גלויבען אין גאָט דעם בעשעפער פון הימעל און ערד!"

און די מענשען האָבען זיך צוגעהערט צום אַברם׳ס רייד און זיי האָבען אָנגעפאַנגען לעבען אין פריעדען און זיי האָבען ליעב געהאַט איינער דעם צווייטען און געהאָלפען אָרימע לייט געבענדיג זיי עסען און טרינקען... דערפאַר האָבען זיי מצליח געווען אין אַלץ וואָס זיי האָבען געטאָהן און זייערע רייך און גרויס געוואָרען און געווען אַ ברכה פאַר אַלעמען. ווען שרי האָט געזעהן איהר מאַנ׳ס גוטע מעשים, האָט זי אויך גענומען לערנען איהרע דיענסטען צו גלויבען אין גאָט. די דיענסטען האָבען זי זעהר ליעב געהאַט פאַר איהר גוט האַרץ און פאַר איהר ליעבע צו אמת און שלום, און זיי האָבען דערצעהלט צו די פרויען פון לאַנד וועגען שרי׳ס גרויסע מעלות, און פיעלע פרויען זיינען צו איהר געקומען לערנען און וויסען גאָט׳ס וואָרט. זיי האָבען געהערט איהרע קלוגע רייד, האָבען גענומען גלויבען אין גאָט און געהען אין זיינע וועגען. די צאָהל מענשען וואָס האָבען געגלויבט אין גאָט איז דורך דעם געוואָרען זעהר גרויס און זיי האָבען געבענשט אַברם׳ן און שרי׳ן: „גאָט זאָל אייך פערגעלטינען דערפאַר וואָס איהר האָט געעפענט אונזערע אויגען און אונז אַרויפגעפיהרט אויפ׳ן וועג פון פרידען און גערעכטיגקייט!"

37

אויף אַברהמ׳ס וואַנדער־וועג

דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אַברמ׳ן: „פאַרלאָז דיין לאַנד, דיין געבורטה־פּלאַץ און דיין טאַטענס הויז און זאָל דיין נאָמען בעוואוסט ווערען אויף דער גאַנצער ערד!“ האָט אַברם געפרעגט: „אַ גאָט, ווי קען איך לאָזען מיין אַלטען טאַטען אַליין? ווער וועט איהם געבען עסען און טרינקען און ווער וועט אויף איהם אַכטונג געבען?“ „נעה“, האָט גאָט געזאָגט, „און איך וועל שוין בעזאָרגען דיין פאָטער!“

אַברם איז מיט זיין ווייב שרי און זיין ברודער׳ס זוהן לוט אוועק אין לאַנד כנען. אויף זיין גאַנצען וועג האָט פאַר איהם געשיינט דער שטערן „צדק“. ער איז דורכגעגאַנגען ארם נהרים און ארם נחור און געזעהן אַז די איינוואוינער פון יענע לענדער טוהען גאָרניט, נאָר זיי עסען און טרינקען און הוליען! האָט דאָס איהם זעהר וועה געטאָהן און ער האָט געבעטען צו גאָט: „זאָל גרוים זיין דיין גנאָד צו מיר און דו זאָלסט מיך היטען און שטאַרקען, אַז איך זאָל ניט ווערען ווי איינער פון זיי!...“

אַברם האָט געוואַנדערט ווייטער און איז געקומען נאָך צור. דאָרט האָט ער געזעהן, ווי די איינוואוינער פון קליין ביז גרויס אַרבייטען, אַקערען זייער ערד, זייען און שניידען די תבואה... האָט זיך אַברם זעהר דערפרעהט און ער האָט זיי געבענשט אין גאָט׳ס נאָמען און געזאָגט: „הלואי זאָל איך זיין ווי זיי!“

איבעראַל וואו אַברם איז דורכגעגאַנגען האָט גאָט גע־בענשט די ערד מיט טהוי און רעגען און בעפרוכפּערט אַלע פעלדער. ווען אַברם איז בעקאַנט געוואָרען צווישען די איינוואוינער פון יענע ערטער זיינען צו איהם געקומען פרויען

וואס האבען קיין קינדער ניט געהאט און פון איהם פער־לאנגט, ער זאל פאר זיי בעטען צו גאט. אברם האט ער־פילט זייער פערלאנג און זיי האבען געבארען קינדער. אויך פיעלע קראנקע זיינען געקומען צו אברם׳ן און זיי האבען נעקוקט אויף דעם אבן־טוב וואס איז געהאנגען אויף זיין האלז און זיינען געהיילט געווארען. און אויך די ים־רייזענדע אויף די שיפען זיינען צו איהם געקומען און פערלאנגט ער זאל מתפלל זיין פאר זייערע שיפען, זיי זאלען אריבער דעם גרויסען ים בשלום. האט אברם ערפילט זייער בעגעהר און געטאהן אלץ וואס יעדער איינער האט פון איהם פער־לאנגט. אזוי איז אברם בעריהמט געווארען אויף דער גאנצער וועלט, און איז געווען א גליק און א ברכה פאר זיינע מיט־מענשען.

38

דער מלאך און זיין שטעקען

ווען שרה איז גענומען געווארען אין פרעה׳ס הויז אריין, האט זי געוויינט און געבעטען צו גאט: „טאטע און מאמע האבען מיך פערלאזען און איצט בין איך אוועקגעריסען גע־ווארען אויך פון מיין מאן! דערבארעם זיך איבער מיר, א גאט, און ברענג מיך צוריק בשלום צו אברם׳ן!“

גאט האט געהערט איהר געבעט און ארונטערגעשיקט פון הימעל א מלאך מיט אן אייזערנעם סצעפטער (שטעקען). אזוי באלד ווי פרעה האט נאר געוואלט צוגעהן צו שרה׳ן, האט איהם דער מלאך דערלאנגט מיט דעם סצעפטער שווע־רע קלעפ. האט שרה מעהר ניט געקענט פערטראגען דעם געשלאגענעם פרעה׳ס צרות און זי האט בעפעהלען דעם מלאך ער זאל איהם מעהר ניט שלאגען. אבער ווען עס איז נאר פרעה׳ן אביסעל בעסער געווארען האט ער ווידער

נעוואָלט זיך דערנעהנטערען צו שרה׳ן. האָט זי געגעבען א וואונק דעם מלאך, און ער האָט פּרעה׳ן שטאַרק צושלאָגען און שווער פערוואונדעט. פּרעה האָט דאַן שנעל אומגעקערט שרה׳ן צו אברם׳ן און איהר מיטגעגעבען זיין טאָכטער הגר פאַר א דיענסט, זאָגענדיג צו הגר׳ן: „עס איז בעסער פאַר דיר צו זיין א דיענסט אין דעם הויז פון דעמדאָזיגען הייליגען מאַן, איידער זיין א פּרינצעסין אין מיין הויז!“

39

אַברהם׳ס גרויסקייט און ענִיוות

ווען אברם׳ס נאָמען איז בעריהמט געוואָרען איבער דער גאַנצער ערד און אלע האָבען דערצעהלט וועגען זיין גרויס־קייט, האָבען די מלכים איהם מקנא געווען און זיי האָבען געזאָגט איינער צום צווייטען: „קומט, לאָמיר דער׳הרג׳ע־נען אברם׳ן און אונזערע קנעכט וועלען אויפהערען פון איהם רעדען“.

האָט איין קעניג געזאָגט: „אויב מיר וועלען קומען בעפאַלען אברם׳ן וועלען זיך צונויפזאַמלען די פיעלע פריינד זיינע און זיך פאַר איהם אַננעהמען; דעריבער איז דאָס בעסטע, אז מיר זאָלען געהן נאָך סדום און נעהמען אין געפאַנגענשאַפט זיין ברודער׳ס זוהן לוט. און ווען אברם וועט זיך דערפון דערוויסען וועט ער דאָך קומען צו אונז איהם אבנעהמען — דאַן וועלען מיר איהם בעפאַלען און דער׳הרג׳ענען“.

די דאָזיגע עצה איז געפעלען די קעניגע און זיי זיינען אוועק נאָך סדום און עמורה און דאָרט געפאַנגען מענער, פרויען און קינדער, און צווישען זיי אויך לוט׳ן. איז מלאך מיכאל געקומען צו אברם׳ן און איהם דערצעהלט וועגען דעם

איבערפאַל און וועגען לוט׳ס געפאַנגענשאַפט. אברם׳ן האָט בעזונדערס געערגערט וואָס עס זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען פרויען און קינדער, און ער האָט גערופען זיינע קנעכט און געזאָגט:

„קומט, לאָמיר ראַטעווען די געפאַנגענע. איך ווייס, אז וועלענדיג פערכאַפען די מלחמה־רויב, וועט איהר ניט גענוג אַכטונג געבען צו ראַטעווען די געפאַנגענע פון זייער אומ־גליק; דעריבער גיב איך יעדען איינעם פון אייך גאָלד און זילבער און בריליאַנטען וויפיעל אייער האַרץ גלוסט, אָבער איהר מוזט מיר שווערען, אז איהר וועט זיך ניט איבערגעבען צו קיינע פּלינדערייען, נאָר ראַטעווען די פרויען און קינדער פון די הענט פון זייערע פיינד!“

די יונגען האָבען איהם זייער שבועה געגעבען, און אברם האָט זיי בעשאַנקען מיט גאָלד און זילבער און בריליאַנטען, און זיי זיינען אוועק נאָך סדום.

דער אייבערשטער האָט געטאָהן א נס און קירצער גע־מאַכט זייער וועג, און באַלד זיינען זיי געווען אין לאַגער פון די קעניגע.

ווען יענע האָבען דערזעהן אברם׳ן האָבען זיי אויף איהם געוואָרפען זייערע שאַרפע שווערדען. אָבער גאָט האָט פון די שווערדען געמאַכט ערד. ווען די קעניגע האָבען דאָס געזעהן, האָבען זיי גענומען אויף איהם שיסען מיט זייערע פיילען, אָבער גאָט האָט פון די פיילען געמאַכט שטרוי. האָבען די קעניגע געוואָלט צוגעהן און אברם׳ן כאַפּען. האָט אברם די שטיקער ערד און די שטרוי אויף זיי געוואָרפען. איז פון די ערד און דער שטרוי צוריק געוואָרען שווערדען און פיילען — און די קעניגע זיינען אַנטלאָפען און הינטער זיך געלאָזען די געפאַנגענע און זייער האָב און גוטס. האָט אברם גענומען די געפאַנגענע און זיך געלאָזט מיט זיי אהיימגעהן.

אין דערזעלבער צייט האָבען זיך די קעניגע פערזאַמעלט אין טהאָל שוה און זיי האָבען צווישען זיך בעשלאָסען: „מיר האָבען געזעהן אברם׳ס גבורה און זיינע וואונדער, דעריבער לאָמיר איהם מאַכען פאַר אונזער מלך און אונזער גאָט!“ האָבען זיי אונטערגעשניטען טענענבוימער און גע־מאַכט אַ גרויסע אַרענאַ און געוואַרט אויף אברם׳ס אָנ־קומען.

ווען אברם איז אָנגעקומען האָבען זיי זיך צו איהם געבוקט, איהם אַרויפגעזעצט אויף דער אַרענאַ און אויס־געשריען: „דו ביזט אונזער מלך! דו ביזט אונזער פיהרער! דו ביזט אונזער גאָט!“ אָבער אברם האָט צו זיי געזאָגט: „חלילה! איך קען ניט זיין אייער מלך און אודאי ניט אייער גאָט! זייט וויסען אַז איך בין ניט מעהר ווי ערד און שטויב, אַזוי ווי יעדער מענש! און אויב איך געפעהל אייך און איהר ווילט מיט מיר טאָהן גוטעס — לעבט זשע בשלום איינער מיט׳ן צווייטען, עפענט אויף אייערע טיהרען פאַר דעם אָרימאַן און דעם פרעמדען און דעם וואַנדערער, און גלויבט אין גאָט דעם בעשעפער פון הימעל און ערד, און דיענט איהם מיט׳ן גאַנצען האַרצען!“

ווען אברם האָט אָפּגערעדט האָט ער זיך אָפּגעזעגענט מיט די קעניגע און איז אַוועק.

ווען שם, דער זוהן פון נח, איז איהם אַנטקעגען גע־קומען און געזעהן ווי ער האָט געראַטעוועט די געפאַנגענע און זיי צוריקגעבראַכט אַהיים, און זיי אומגעקעהרט זייער האָב און גוטס, און ביי זיי גאָר ניט גענומען — איז ער געבליבען ערשטוינט.

אין יענער מינוט איז אברם אויפגעשטאַנען און האָט מתפלל געווען צו גאָט: „האַר פון אַלע וועלטען! ניט מיט מיין כח און ניט מיט מיין גבורה האָב איך דאָס אַלץ גע־טאָהן, נאָר מיט דיין קראַפט און מיט דיין שטאַרקייט!

דו, גאָט, האָסט מיך אָפּגעהיט אין מיין וועג און מיך גע־שיצט!" און ווי נאָר אַברם האָט פאַרענדיגט זיין תפלה — האָט זיך דערהערט דאָס קול פון די מלאכים זינגענדיג אין הימעל: „געלויבט ביזטו גאָט, וואָס דו האָסט בעשיצט אַברם׳ן!"

40

שרה און הגר

די פאַרנעהמע פרויען פון דעם אָרט וואו שרה האָט געוואוינט פלעגען קומען צו איהר יעדען טאָג איהר אָפּ־געבען כבוד און זי בעגריסען. איינמאָל האָט שרה צו זיי געזאָגט:

„פאַר וואָס גיט איהר נאָר מיר אַב אַזוי פיעל כבוד? איז דען אויף דעם אָרט ניטאָ אַ בעסערע פרוי פון מיר? אָט זיצט אין איהר געצעלט הגר, פרעה׳ס טאָכטער — געהט צו איהר, געעהרטע פרויען, און בעגריסט זי, ווייל נאָך אַזאַ בעשיידענע און עהרליכע פרוי ווי זי איז ניטאָ!"

ווען די פרויען האָבען געהערט שרה׳ס ווערטער זיינען זיי ערשטוינט געבליבען און זיך געטראַכט: איז דאָס נאָך געהערט געוואָרען אַז אַ באַלעבאָסטע זאָל אַזוי בכבוד האַל־טען איהר דיענסט?! און זיי זיינען אַוועק צו הגר׳ן און זי בעגריסט, און אין דעם געשפּרעך וואָס זיי האָבען מיט איהר פערפיהרט האָט הגר געזאָגט:

„זאָגט ניט, אַז גאָט איז גוט צו שרה׳ן! וואָרים אויב יאָ, פאַר וואָס האָט ער זי נאָך ביז היינטיגען טאָג מיט קיין קינד ניט בעשאָנקען?"

41

דאָס געבעט פון דעם „יוד"

ווען דער אייבערשטער האָט געענדערט דעם נאָמען אַברם אויף אברהם און פון שרי אויף שרה, און דער „יוד" האָט געזעהן, אַז ער איז אַרונטערגענומען געוואָרען פון דעם נאָמען פון דער דאָזיגער צדיקת, האָט ער זיך זעהר מצער געווען און ער איז אַרויפגעפלויגען צו גאָט, האָט זיך גע־שטעלט פאַר'ן כסא־הכבוד און געזאָגט:

„אָ גאָט, איך וויים אַז איך דאַרף ניט שטעהן אויף דעם אָרט פון גרויסע, און אַז איך בין דער קלענסטער פון אַלע אותיות! אָבער דו, אַלמעכטיגער, האָסט מיט מיר געטאָהן גרוים חסד און מיך אַריינגעגעבען אין דעם נאָמען פון דער דאָזיגער צדיקת, וועלכע ווערט געבענשט טויזענדער מאָל יעדען טאָג! און איצט בין איך פּלוצים אוועקגענומען גע־וואָרען פון דעמדאָזיגען געבענשטען נאָמען און איך בין נע־ונד! האָסטו מיר דאָס געטאָהן, אָ גרויסער גאָט, דערפאַר וואָס איך בין דער קלענסטער פון די אותיות?"

און גאָט האָט זיך צוגעהערט צו דעם געבעט פון דעם אות „י" און געזאָגט:

„דערפאַר וואָס דו האָסט גערעדט אַזוי בעשיידען, וועל איך דערפאַר דיר ווידער אַרויסציינען מיין גנאָד און אָנ־שטאָט דעם וואָס דו ביזט אין שרי'ס נאָמען געווען דער ל ע צ ט ע ר אות, וועסטו איצט זיין אין דעם נאָמען פון אַ גרויסען צדיק און העלד דער ע ר ש ט ע ר אות".

דאָס איז געשעהן ווען משה האָט געענדערט דעם נאָמען הושע אויף יהושע.

42
שרה׳ס שעהנקייט

ווען אברהם האט געדארפט אריינקומען אין מצרים האט ער שרה׳ן בעהאלטען אין א קאסטען און זי דארט פער־שלאסען. ווען זיי זיינען געקומען צום גרעניץ האט מען ביי איהם געפאדערט ער זאל בעצאהלען דעם גרעניץ־שטייער פאר דעם קאסטען. האט ער געזאגט: „איך בעצאהל!"

„אפשר פיהרסטו אין דעם קאסטען טייערע כלים?" האבען זיי געפרעגט.

„איך בעצאהל דעם שטייער פאר כלים", האט אברהם אבינו געענטפערט.

„אפשר האסטו דארטען גאלד?"

„איך בעצאהל פאר גאלד".

„אפשר האסטו דארטען טייערע זיידענס?"

„איך בעצאהל פאר זיידענס!"

„אפשר האסטו דארטען פערל?"

„איך בעצאהל פאר פערל!"

„מיר קענען דיר ניט דורכלאזען וואו דו עפענסט ניט דעם קאסטען און צייגסט אונז וואס דארט געפינט זיך". האבען די גרעניץ וועכטער געזאגט.

און ווי נאר אברהם האט געעפענט די קאסטען, האט די גאנצע לאנד מצרים אויפגעלויכטען פון איהר שעהנקייט.

42]
לוט און זיין ווייב

אין יענער צייט האבען די פיהרער פון סדום בעשטימט לוט׳ן אלס דעם הערשער פון שטאדט. איינמאל ווען ער איז געזעסען אין טויער פון סדום און געזעהן די צוויי מלאכים

וואס זיינען געקומען אנזאגען דעם חורבן פון סדום, האט ער זיך דערמאנט אז די מנהגים פון זיין פעטער אברהם, וועלכער האט אויפגענומען יעדען מענשען מיט שמחה און ליעבשאפט — און ער איז זיי אנטקעגענגעגאנגען, האט זיך צו זיי געבוקט און געזאגט:

„זייט אזוי גוט, שלוחים פון גאט, קומט אריין אין מיין הויז און איהר וועט דארט האבען דעם געהעריגען אפרוה!“

און די מלאכים האבען איהם געענטפערט:

„ניין! אויף דער גאס וועלען מיר איבערנעכטיגען“. אבער לוט האט זיי שטארק געבעטען און זיי זיינען איהם נאכגעגאנגען. לוט האט זיך געטראכט: איך וועל זיי קיין וואסער ניט געבען צו וואשען די פיס, און ווען די איינוואוינער פון סדום וועלען זעהן מארגען אין דער פריה דעם שטויב אויף זייערע פיס, וועלען זיי דענקען, אז די מענשען זיינען נאר־וואס געקומען!...

ווען עדית, לוט׳ס ווייב, האט געזעהן ווי צוויי מענשען דערנעהנטערען זיך צום הויז, האט זי געשריען צו לוט׳ן:

„זאלסט ניט אריינלאזען די מענשען אונטער אונזער דאך!“ זי האט דאן גענומען א דיוואן און געמאכט א צוויי־שענשייד צווישען זיך און איהר מאן לוט, זאגענדיג צו איהם: „אויב די געסט זיינען דיר אזוי געפעלען און דו ווילסט זיי האבען, ברענג זיי אין ד י י ן שטוב אריין!“

ווען לוט האט גענומען צוגרייטען א מאלצייט פאר די מלאכים און ער האט געזעהן אז עס איז אין הויז קיין זאלץ ניטא, איז ער אוועק צו זיין ווייב און זי געבעטען זי זאל דערלאנגען זאלץ פאר די געסט. עדית האט אויף איהם אנגעשריען און געזאגט:

„ווילסטו אפשר איינפיהרען דעמדאזיגען שלעכטען מנהג אויך אין סדום?! לאז מיך צורוה! דאס וועל איך דיר קיינמאל ניט נאכגעבען!“

אָבער ווען לוט האָט גענומען ריידען צו זיין ווייב שטרענ־
גער, איז זי אוועק צו די שכנות און געזאָגט:

„גיט מיר זאַלץ, ווייל געסט זיינען צו אונז געקומען
און מיין מאַן האָט זיך מיט זיי דערפרעהט, זיי אַריינגענומען
אין הויז און געמאַכט אַ מאָלצייט. עס פעהלט ניט קיין
זאַך אַ חוץ זאַלץ, און ער האָט מיך געשיקט דאָס ברענגען!..."

ווען די מענשען פון סדום האָבען זיך פון דעם דער־
וואוסט, האָבען זיי אַלע, יונג און אַלט, אַרומגערינגעלט לוט'ס
הויז, און עס איז ניט געווען אפילו איינער וואָס זאָל זאָגען:
וואָס האָבען אייך די פרעמדע געטאָהן אַזעלכעס, וואָס איהר
האָט זיך אַלע פערזאַמעלט זיי שלעכטעס צו טאָהן? און
ווען די מענשען פון סדום האָבען גענומען צוברעכען די
פערשלאָסענע טיהר זיינען זיי געשלאָגען געוואָרען מיט בלינד־
קייט און האָבען ניט געקענט געפינען די טיהר. די מלאכים
האָבען דאַן געזאָגט צו לוט'ן:

„פיהר אַרויס אַלץ וואָס דו האָסט דאָ אין שטאָדט, ווייל
גאָט האָט אונז געשיקט די שטאָדט צו פערניכטען."

לוט איז געבליבען אויסער זיך פון שרעק, און ער איז
שנעל אוועקגעלאָפען צו זיינע איידימס און אויסגעשריען:
„שנעל פערלאָזט די שטאָדט, ווייל גאָט האָט געשיקט מלאכים
דאָס גאַנצע אָרט צו פערניכטען!"

די איידעמס האָבען זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט:
„ביזטו פון זינען אַרונטער? די גאַנצע שטאָדט איז לוסטיג
און פרעהליך און דו זאָגסט, אַז זי ווערט איבערגעקעהרט!..."

און לוט האָט זיי פערלאָזען און זיך גענומען לויפען צו
די מענשען וועמען ער האָט אוועקגעגעבען זיין געלט אויף
פראָצענט... אָבער די מלאכים איהם צוגעאיילט און
ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים און גענומען צונויפזאַמלען
אַלע זיינע בריליאַנטען און גאָלד און זילבער און זיך אַזוי
אַרום פיעל פערזאַמט. די מלאכים האָבען דאַן אָנגעכאַפּט

איהם און זיין ווייב און זיינע צוויי טעכטער פאר די הענט און זיי ארויסגעפיהרט אויסער דער שטאדט און זיי דארט געלאזען. און א בעפעהל האבען זיי איהם געגעבען:

„ניט קוק הינטערווייל[ע]כטס און בלייב ניט שטעהן דא אויפ'ן פלאץ. אנטלויף אויפ'ן בארג ארויף אויב דו ווילסט לעבען בלייבען!"

און לוט האט זיך ביי זיי געבעטען: „לאזט מיך אוועק אין אט דעם קליינעם שטעדטעל וואס איז נאהענט אהין צו אנטלויפען". דער מלאך האט זיך דערמאנט אן לוט'ס גוטסקייט, ווען ער האט איהם אריינגענומען אין זיין הויז, און ער האט איהם ערלויבט צו טאהן ווי ער וויל.

און ווען לוט'ס פרוי האט א קוק געטאהן הינטער זיך — איז פון איהר געווארען א שטיק זאלץ... וואס געפינט זיך נאך ביז'ן היינטיגען טאג ביים טייך קדרון. אקסען פלעגען דארט אהינקומען יעדען טאג און עס לעקען, און ביז אוועגד פלעגען ניט מעהר בלייבען ווי די פיס... אבער צומארגענס האט עס ווידער ארויסגעשפראצט און עס איז ווידער גע־ווארען א שטיק זאלץ ווי געווען.

44

ביים שיין פון זון און לבנה

ווען די איינוואוינער פון סדום האבען זיך דערוואוסט, אז דאס אומגליק איז נאהענט, האבען די וואס האבען געדיענט צו דער זון געזאגט:

„אך, ווען די זון צו וועלכער מיר דיענען וואלט ארויס־געקומען און אונז געראטעוועט פון דעם גאט וואס וויל אונז אומברענגען!"

און די מענשען וואס האבען געדיענט צו דער לבנה האבען געזאגט:

„הלואי זאָל אין גאַנצען דער פריהמאָרגען ניט קומען, ווען אונז די לבנה בעשיצען פון אַלעם שלעכטען".

אָבער גאָט, וויסענדיג די מחשבות פון די איינוואוינער פון סדום, האָט אויף זיי געמאַכט רעגענען פייער און שוועבעל אין דערזעלבער מינוט ווען עס האָט געשיינט אין הימעל אי די זון, אי די לבנה! דער מלאך פון פערניכטונג האָט אַנגענומען דעם שטיין, אויף וועלכען עס זיינען געווען גע־בויט די פינף שטעדט פון סדום, און ער האָט זיי איבערגע־קעהרט און פערניכטעט. עס איז פערטריקענט געוואָרען דאָס גראָז פון פעלד און יעדער געוויקס, און פון דעם גאַנצען לאַנד איז געוואָרען א חורבה.

45

דעם שטן'ס העצע

ווען יצחק איז אונטערגעוואַקסען און ענטוועהנט גע־וואָרען, האָט אברהם געמאַכט א גרויסע סעודה, צו וועלכער עס זיינען געקומען שם און עבר, אבימלך דער קעניג פון די פלשתים און זיין גענעראַל פיכל, און אנדערע אָנגעזעהענע מענשען פון לאַנד; אויך תרח, אברהם'ס פאָטער, און נחור, זיין ברודער, זיינען געקומען מיט זייערע פאַמיליען פון חרן און זיי האָבען געגעסען און געטרונקען און זיך משמח געווען.

ווען דער שטן האָט דאָס געזעהן איז ער געקומען אין אברהם'ס הויז אריין, פאַרשטעלענדיג זיך פאַר אַן אָרימאַן וואָס קומט בעטען עסען, און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיהר. אברהם האָט איהם אָבער ניט געזעהן, ווייל ער איז די גאַנצע צייט געווען פערנומען בעדיענענדיג זיינע געסט, און ער האָט דעם אָרימאַן ניט איינגעלאַדען צום עסען. דער שטן האָט זיך מיט דעם זעהר דערפרעהט, און ער איז געקומען צו גאָט און געזאָגט:

„דו, גאָט, האָסט געגעבען אברהמ׳ן אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט, דערפון איז ער געוואָרען גאוה׳דיג ביי זיך און ער גיט שוין מעהר ניט קיין צדקה צו אָרימע לייט. איך האָב איהם היינט אויסגעפּרובט און איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַן אָרימאַן ביי זיין טיהר, אָבער ער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט און מיך ניט גערופען צום עסען!“

און גאָט האָט געענטפערט דעם שטן:

„ניטאָ נאָך אַזאַ גאָט־פורכטיגער און בעל־צדקה ווי אברהם אין גאַנצען לאַנד, און איך וויים גאַנץ גוט, אַז אפילו זיין איינציגען זוהן יצחק וועט ער פון מיר ניט צוריק־האַלטען, ווען איך וועל איהם זאָגען: ברענג איהם מיר פאַר אַ קרבן!“

און דער שטן האָט געזאָגט: „אברהם וועט קיינמאָל אַזאַ שווערען נסיון ניט ביישטעהן!“

„וועסטו זעהן“, האָט גאָט געענטפערט, „צי עס איז אַזוי ווי איך זאָג דיר אָדער ניט!...“

46
ישמעאל און יצחק

ווען שרה האָט געזעהן, אַז ישמעאל פיהרט זיך אויף זעהר שלעכט, האָט זי צו איהם געזאָגט: „בעדענק זיך, מיין זוהן, געה אין גלייכען וועג און עס וועלען דיך ליעב האָבען גאָט און לייט“. אָבער ישמעאל האָט זיך צו איהרע רייד ניט צוגעהערט און ער האָט זיך ווייטער איבערגעגעבען צו זיינע תאוות און פערגעניגענס. שרה האָט דאַן ביי זיך בעשלאָסען: איך מוז אָפּהיטען מיין זוהן יצחק און אויף איהם שטענדיג האַלטען אַן אויג, ווייל ער קען זיך נאָך

אפלערנען פון ישמעאל׳ס דרכים און ווערען אזוי ווי ער.

איינמאל האט שרה געזעהן, ווי ישמעאל האט געבראכט א געצענבילד און זיך דערמיט געשפיעלט פאר יצחק׳ן. שרה האט אויף איהם אנגעשריען און געזאגט:

„דו זאלסט מעהר ניט וואגען צו טהאן אזא זאך, און אויב דו וועסט ניט פאלגען וועסטו פון הויז פערטריבען ווערען!“

ישמעאל האט דאן ארויסגענומען דאס בילד פון הויז און עס בעהאלטען. איינמאל האט ישמעאל געזאגט צו יצחק׳ן:

„קום, לאמיר געהן אין פעלד ארייז פאר א שפאציר!“

„גוט“, האט יצחק געזאגט, און זיי זיינען אוועק. ווען זיי זיינען געקומען אין פעלד אריין האט ישמעאל גענומען פייַלען און געשאסען אויף יצחק׳ן.

„ברודער, פאר וואס טוסטו מיר דאס?“ האט יצחק געפרעגט. און ישמעאל האט איהם געענטפערט, אז דאס שפיעלט ער זיך בלויז אזוי. אבער אין דער אמת׳ן האט דאס ישמעאל געטאהן געדנווילינ טראכטענדיג ביי זיך: איך וועל דערהרג׳ענען יצחק׳ן און איך וועל דאן בלייבען דער איינציגער יורש פון מיין טאטען!...

ווען שרה האט זיך דערפון דערוואוסט, האט זי ווידער גערעדט צו ישמעאל׳ן און זיך געבעטען:

„גיב אויף דיינע שלעכטע וועגען, מיין זוהן, און לעב בשלום מיט יצחק׳ן. איך וועל דאן צו דיר גוט זיין און דיך ליעב האבען ווי א מאמע א קינד!“

אבער ישמעאל האט איהר געבעט ניט געהערט און איז ניט גערירט געווארען פון איהרע גוטע רייד. ער האט נאר געטראכט ווי אומצוברענגען יצחק׳ן. שרה האט זיך זעהר געשראקען פאר דעם יונג, און זי איז אוועק צו אברהם׳ן

און זי האָט געזאָגט: „טרייב אַרויס ישמעאל׳ן, ווייל ער וויל דער׳הרג׳ענען אונזער זוהן יצחק׳ן!“

אברהמ׳ן האָט שׂרה׳ס בעפעהל וועגען זיין זוהן זעהר פערדראָסען, ביז גאָט האָט איהם געזאָגט:

„אַלע וואָס דיין ווייב שׂרה וועט דיר הייסען — פאָלג זי!“

47

אַברהם פערטרייבט הגר׳ן

אברהם האָט געגעבען הגר׳ן ברויט און אַ שלויך מיט וואַסער, אַרויפגעלעגט ישמעאל׳ן אויף איהר אַקסעל. און הגר איז אַוועק אין מדבר אריין; און ווען זי האָט גענומען זוכען געצען־בילדער זיך צו זיי צו בוקען, איז פּלוצים ביי איהר אויסגעגאַנגען דאָס וואַסער. האָט דער יונג ניט גע־האַט וואָס צו טרינקען און ער האָט שטאַרק געוויינט. הגר האָט איהם אַוועקגעוואָרפען צווישען די קוסטעס און זיך גע־זעצט פון דער ווייטענס, טראַכטענדיג זיך: לאָמיך כאָטש ניט זעהן ווי מיין קינד שטאַרבט!

און ישמעאל האָט געבעטען צו גאָט און געזאָגט: „אַ, גיט מיר עפּעס צו טרינקען און לאָז מיך ניט שטאַרבען פון אַזאַ ביטערען טויט ווי דאָרשט!“ גאָט האָט דערהערט ישמעאל׳ס געבעט און ער האָט געוואָלט איהם געבען אַ קוואַל מיט וואַסער, אָבער אין דער מינוט האָבען די מלאכים זיך געשטעלט פאַר גאָט און געזאָגט:

„האַר פון אַלע וועלטען! פאַר וואָס זאָלסטו אַרויס־ווייזען דיין חסד צו ישמעאל׳ן? ער וועט דאָך דיינע קינדער שלעכטס טאָהן און זיי טויטען מיט דאָרשט ווען זיי וועלען פון זייער לאַנד פערטריבען ווערען!“

„זאָגט מיר: — האָט גאָט געזאָגט צו די מלאכים — וואָס איז ישמעאל איצט, אַ צדיק אָדער אַ רשע?“

„ישמעאל איז אַ צדיק — האָבן די מלאכים געענטפערט, ווייל ער איז נאָך יונג און ער פערשטעהט נאָך ניט זיך אָב־צוקערן פון שלעכטען און אויסוועהלען דאָס גוטע!“

און גאָט האָט געזאָגט:

„דעריבער זאָלט איהר טאָקע וויסען, אַז גאָט משפט ניט די מענשען־קינדער לויט די מעשים וואָס זיי וועלען טאָהן, נאָר לויט די מעשים וואָס זיי טוען איצט!“

48

אַ קלוגע עצה

ווען אברהם האָט אוועקגעשיקט הגר'ן צוזאַמען מיט זיין זוהן ישמעאל, האָט ער זיי מיטגעגעבן ברויט און אַ לאָגעל וואַסער. און צוליעב אברהמ'ס זכות איז ביי זיי די וואַסער פון לאָגעל ניט אויסגעגאַנגען. נאָר ווען הגר איז אָנגעקומען נעבען מדבר האָט זי אָנגעהויבען דיענען די עבודה זרה פון איהרע עלטערען, און גלייך נאָכדעם איז פון זייער לאָגעל אויסגעגאַנגען די וואַסער. האָט הגר אויס פערצווייפלונג איהר זוהן אוועקגעלייגט אונטער קוסטעם און זיך געזעצט פון וויטען.

ווען דער דאָרשט האָט ישמעאל'ן גענומען שטאַרק מאַ־טערען האָט ער אויסגערופען: „האַר פון אַלע וועלטען! אויב דו ווילסט מיר צושיקען אַ טרונק וואַסער, טאָ גיב מיר און לאָמיך טרינקען, אָבער לאָז מיך ניט אויסגעהן פאַר דאָרשט, ווייל שטאַרבען פון דאָרשט איז דער ערגסטער טויט. האָט דער אייבערשטער געהערט ישמעאל'ס געבעט און האָט געעפענט זיין מוטער'ס אויגען, און זי האָט דער־

זעהן א ברונען מיט וואסער. האבען זיי געטרונקען, און אנגעפילט זייערע לאגלען, און זיינען אוועק ווייטער.

הגר האט פאר ישמעאל'ן אויסגעקליבען א פרוי פון מצרים און איהר נאמען איז געווען מריבה. זי האט איהם געבוירען פיער זיהן און א טאכטער.

די גאנצע צייט זייט ישמעאל איז אוועק האט איהם אברהם ניט פארגעסען און האט געבענקט איהם צו זעהן. איינמאל האט ער געזאגט צו שרה'ן: „איך וויל געהן זעהן מיין זוהן ישמעאל, אבער איך שווער דיר, אז איך וועל ביי איהם לאנג ניט פארבלייבען. איך וועל אפילו פון מיין קעמעל ניט ארונטערגעהן".

אברהם איז אוועק און איז אנגעקומען צו דעם ארט וואו ישמעאל האט זיך אויפגעהאלטען ארום מיטאג. ער האט דארט געפונען ישמעאל'ס פרוי מיט די קינדער און ער האט זי געפרעגט: „וואו איז ישמעאל?" האט זי געענטפערט, אז ער איז אוועק מיט זיין מוטער אין וואלד. ער איז גע־גאנגען אויף יאגד און די מוטער אנקלייבען טייטלען און פרוכטען.

„גיט מיר א שטיקעל ברויט און וואסער", האט אברהם געבעטען. „איך בין מיעד און שוואך פון דער ווייטער רייזע".

„איך האב ניט קיין ברויט און קיין וואסער", האט ישמעאל'ס פרוי געענטפערט, און זי האט זיך אבגעקעהרט פון דעם גאסט.

אברהם איז געבליבען זיצען אויף זיין קעמעל און האט צוגעזעהן ווי די פרוי שלאגט איהרע קינדער. זי האט דערביי געשאלטען זיי און זייער פאטער. דאס האט אברהם'ן שטארק פערדראסען, און ער האט געזאגט צו דער פרוי.

„איך בעט דיך, אז ווען דיין מאן וועט קומען אהיים זאלסטו איהם זאגען, אז דא איז געווען א מאן פון דעם

לאַנד פּלשתים און ער האָט אויסגעזעהן אַזוי און אַזוי, און ער האָט געזאָגט, אַז ווען דער בעל הבית וועט קומען אהיים זאָל ער אַרויסנעהמען דעם פּלאָקען אויף וועלכען עס האַלט זיך דער געצעלט און זאָל אַריינשטעלען אַן אַנדער פּלאָקען אויף זיין אָרט".

און גלייך ווי אַברהם האָט דאָס אָבגעזאָגט, איז ער אַוועק צוריק אין דעם וועג פון וועלכען ער איז געקומען.

ווען ישמעאל איז געקומען אהיים האָט איהם זיין פרוי דערצעהלט, אַז דאָ איז געוועזן אַן אַלטער מאַן וואָס האָט זיך נעפרעגט אויף איהם, אַזוי און אַזוי האָט דער אַלטער אויסגעזעהען, און אַזוי און אַזוי האָט ער געהייסען זאָגען.

ישמעאל האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז געוועזן זיין פאָ־טער. ער האָט זיך אויך אָנגעשטויסען וואָס ער האָט גע־מיינט מיט זיינע רייד. האָט ער געפאָלגט זיין פאָטער׳ס עצה, האָט פערטריבען זיין פרוי, און זיין מוטער האָט פאַר איהם אויסגעקליבען אַ פרוי פון איהר משפחה. איהר נאָמען איז געוועזן פטומה.

דריי יאָהר שפּעטער איז אַברהם ווידער געגאַנגען זעהן זיין זוהן ישמעאל. און ווידער האָט ער געמוזט שווערען צו שרה׳ן, אַז ער וועט ביי ישמעאל׳ן לאַנג ניט פערברייינגען און אַז ער וועט אפילו פון קעמעל ניט אַרונטערגעהן אין דעם אָרט וואו ישמעאל געפינט זיך.

איז אַברהם אַוועק רייטענדיג אויף זיין קעמעל און ביי מיטאָג צייט איז ער אָנגעקומען ביי ישמעאל׳ס געצעלט. ווען פטומה איז אַרויס, האָט איהר אַברהם געפרעגט וואו ישמעאל איז, האָט זי געענטפערט:

„מיין מאַן איז אַוועק פיטערען די קעמלען. אָבער דו, מיין האַר, קענסט אַריינקומען אין אונזער געצעהלט און עסען און טרינקען וואַסער, דען איך זעה אַז דו ביזט מיד פון וועג".

„זיצען ביי אייך קען איך ניט", האט אברהם גע־זאגט, „ווייל איך איל זיך צו געהן אין מיין וועג. ברענג מיר אהער אביסעל וואסער און ברויט.‟ די פרוי איז שנעל אריינגעלאפען אין געצעלט און האט פון דארט געבראכט ברויט און וואסער. זי האט דעם גאסט שטארק געבעטען עסען. אברהם האט געגעסען און געטרונקען און זיך געפרעהט וואס ישמעאל האט בעקומען אזא גוטע פרוי. נאכדעם, אז ער האט אבגעגעסען און אבגעבענשט, האט ער געזאגט צו דער פרוי:

„אז ישמעאל וועט קומען זאלסטו איהם זאגען, אז דא איז געוועזען אן אלטער מאן פון דעם לאנד פלשתים און ער האט אזוי געזאגט: דער פלאקען אויף וועלכען עס האלט זיך דיין געצעהלט איז גוט, זאלסט איהם ניט אומבייטען אויף אן אנדערען‟.

ווען ישמעאל איז געקומען אהיים און זיין פרוי האט איהם דערצעהלט וועגען דעם אלטען מאן און וואס ער האט געזאגט, האט ישמעאל פערשטאנען, אז דאס איז געוועזען זיין פאטער און ער האט זיך שטארק געפרעהט.

49

די גוטע מעשים פון אברהם און שרה

אין יענע צייטען האט אברהם אויפגעבויט גאסט־הייזער אין אלע געגענדען און דארט צוגעגרייט עסען און טרינקען. האבען די דורכוואנדערער דארט געקראגען א פלאץ צום איבערנעכטיגען, און אויך עסען צו שטילען זייער הונגער און טרינקען צו לעשען זייער דארשט. און ווען א דורכ־געהער פלעגט מיד ווערען פון וועג, אדער ווערען הונגעריג און דורשטיג, איז ער אריינגעגאנגען אין דעם נאהענטסטען גאסט־הויז, און ער האט דארט געפונען פיינע בעטען צום אפרוהען זיך און טישען פון כל־טוב צום עסען. דער גאסט

האָט דאָן אָבגעגעבען א לויב צו גאָט פון אברהם און גע־
בענשט זיין נאָמען.

דאָן האָט אברהם אויפגעבויט אין באר־שבע א גרויסע, גערוימע הויז מיט פיער טיהרען פון אַלע זייטען, אום אז קיין אורח זאָל ניט דארפען לאַנג זוכען דעם אריינגאַנג. ער האָט פערפלאַנצט ארום דעם הויז א גאָרטען מיט בוימער פון אַלערליי פרוכטען, און ביי דעם אריינגאַנג איז גע־שטאַנען א וואונדערבאַרער בוים, וואָס אזעלכער איז ניט געוועזען און עס וועט ניט זיין. וואָרים ווען עס איז צו דעם בוים צוגעגאַנגען אַן עהרליכער גאָט־פורכטיגער מענש, האָט דער בוים אויסגעשפרייט זיינע צווייגען און איהם בעשיצט און אויסבעהאַלטען פון דער היץ פון דער זון; אָבער ווען א געצענדיענער האָט געוואָלט צו איהם צוגעהן, האָט זיך דער וואונדערליכער בוים אָפּגערוקט פון זיין פּלאַץ און ער האָט די צווייגען ארויפגעהויבען אין דער הויך. אזוי אָרום האָט אברהם געוואוסט וועד עס זיינען די מענשען וואָס זיי־נען צו איהם געקומען פון נאָהענט און פון ווייט, ווייל ער האָט בלויז געדאַרפט א קוק טהון אויפ'ן בוים און ער האָט איהם אַלץ געזאָגט. האָט ער געזעהן אז דער בוים הויבט אויף זיינע צווייגען ארויף, איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו דעם אַנגעקומענעם מאַן און איהם בעגריסט. ער האָט איהם דער־לאַנגט א שטוהל, צו טיש געגרייט און געזאָגט: „טרינק, מיין האַר, און עס וויפיעל דיין האַרץ גלוסט“.

די גאַנצע צייט איז ער פאַר איהם געשטאַנען און האָט איהם בעדיענט ווי א קנעכט זיין בעל־הבית, און איהם דער־צעהלט די גרויסקייט פון גאָט, זיינע חסדים און וואונדער, און ניט אָבגעטרעטען האָט ער פון איהם ביז ער האָט זיינע אויגען געעפענט צו פערשטעהן, אז עס איז דאָ אַן איינאיינ־ציגער גאָט אויף דער וועלט — אין וועמען מ'דאַרף גלויבען און צו וועמען מ'דאַרף דיענען.

אברהם׳ס נאָמען און זיינע גוטע מעשים זיינען געוואָרען בעריהמט איבער דער גאַנצער וועלט און עס זיינען צו איהם געקומען מענער, פרויען און קינדער פון אַלע עקען וועלט, און עס האָבען זיך צו איהם געווענדעט אַלע אונגליק־ליכע און פערביטערטע, און אַברהם האָט זיי אויפגענומען מיט שמחה און ליעבשאַפט, זיי געגעבען צו עסען און צו טרינקען, זיי געטרייסט אין זייערע ליידען און אָפּגעווישט אַ טרעהר פון יעדען פּנים.

ווען שרה האָט געזעהן צווישען די אורחים פרויען אין צוריסענע קליידער, האָט זי פאַר זיי אויפגענייהט מלבושים און זיי געגעבען אָנצוטאָהן. זי האָט דעריבער געהאַט אַר־בייט ביי טאָג און ביי נאַכט, ווארים ביי טאָג האָט זי גע־העלפען איהר מאַן געבען די אורחים עסען און טרינקען, ווי אויך געלט־נדבות און שפּייז אויפ׳ן וועג, און ביי נאַכט ווען די אורחים האָבען זיך געלעגט שלאָפען האָט זי זיך אוועקגעזעצט נייהען קליידער פאַר די אָרימע פרויען און זייערע קינדער. איהר ליכט האָט דערפאַר געברענט פון פרייטאָג־צו־נאַכטס ביז פרייטאָג־צו־נאַכטס. האָט גאָט גע־זעהן די גרויסע זאַכען וואָס זי טוהט מיט ליעבע און רחמנות צו די אָרימע לייט, האָט ער זי בעשאָנקען מיט גליק און אַלץ וואָס זי האָט געטאָהן, און ער האָט אַרומגערינגעלט איהר געצעהלט מיט בעלויכטענדע וואָלקענס, וועלכע האָבען איהר פערשאַפען כבוד ביי אַלע איינוואוינער.

און וואָס מעהר צדקה אַברהם און שרה האָבען געגעבען אַלץ גרעסער איז געוואָרען זייער נאָמען און אַלץ מעהר האָ־בען זיך אין זיי געבענשט אַלע איינוואוינער פון לאַנד. און ווען די אורחים פלעגען זאָגען צו אַברהם׳ן: „זיי אונז גע־בענשט פאַר דעם חסד וואָס דו האָסט מיט אונז געטאָהן״, האָט אַברהם זיי געענטפערט: „ניט בענשט קיינעם, סיידען דעם האר וואָס גיט ברויט און לעבען צו יעדען בעשעפע־

ניש". און ווען די אורחים האָבען געפרעגט: „וואו איז דער דאָזינער האר?" האָט אַברהם זיי געענטפערט:

„מיט איהם איז פול הימעל און ערד, צו איהם בעלאַנגט די גבורה און די גרויסקייט, און אין זיין גנאַד און רחמנות שפּייזט ער די גאַנצע וועלט".

די צוהערער זיינען געריינינגט און געלייטערט געוואָרען פון אַברהם'ס ווערטער, און אַברהם האָט זיי געלערענט ווי צו לויבען און בענשען גאָט און צו איהם מתפּלל זיין.

—◇—

50

ווען אַברהם איז געוואָרען אין כעס

איינמאָל, ווען אַברהם איז געזעסען ביי דער טיהר פון זיין געצעלט האָט ער געזעהן ווי אַן אַלטער, מיעדער מאַן דערנעהנטערט זיך צו איהם. אַברהם איז איהם אַנטקעגען געלאָפען און געבעטען, ער זאָל ביי איהם איבערנעכטיגען און זיך אויסרוהען. דער זקן האָט אָבער ניט געוואָלט און געזאָגט: „ניין, דאָ אונטער'ן בוים וועל איך איבערנעכטיגען". אַברהם איז צו איהם צוגעשטאַנען און שטאַרק געבעטען, ביז דער אַלטער האָט איינגעוויליגט אַריינצוגעהן אין זיין געצעהלט. אַברהם האָט איהם דערלאַנגט פּוטער, מילך, אָנגעבאַקען פאַר איהם פרישע קיכלעך און דער אורח האָט גענגעסען צו דער זעט. ווען ער האָט אָבגעגעסען האָט אַברהם צו איהם געזאָגט: „בענש, מיין האַר, דעם גאָט פון הימעל און ערד, וואָס גיט ברויט צו יעדען בעשעפעניש!"

„איך קען ניט דיין גאָט", האָט דער זקן געזאָגט, „און איך וועל נאָר לויבען דעם גאָט וואָס מיינע הענט האָבען געמאַכט!"

אבער אברהם האָט ווייטער גערעדט צו דעם אַלטען מאַן, איהם דערצעהלט וועגען גאָט׳ס חסדים און זיין גרויסקייט, און איהם גענעבען צו פערשטעהן, אז די געצען־בילדער זיי־נען נאַרישקייטען, וואָס קענען קיינעם ניט העלפען און ניט ראַטעווען, און איהם צוגערעדט, ער זאָל גלויבען אין גאָט און איהם דאַנקען פאַר די חסדים וואָס גאָט טוהט מיט איהם יעדען טאָג. אבער דער זקן האָט אויף אברהם׳ס פיעלע נעבעט־רייד געענטפערט מיט דעם:

„וואָסערע פערוואַרנשאַפט האָב איך מיט דיר, און ווי וואַנסטו מיך אָפּצוקעהרען פון מיין גאָט? לאָז מיך צורוה מיט דיינע רייד, ווייל איך וועל דיך ניט פאָלגען!“

אברהם איז זעהר בייז געוואָרען און ער האָט אויסגע־שריען צו דעם זקן:

„די מינוט זאָלסטו אַרויס פון מיין הויז!“

דער אַלטער מאַן איז באַלד אַרויסגעגאַנגען, און איז אוועק אין דער פינסטערער נאַכט, אין מדבר אריין.

דער אייבערשטער האָט זיך געערגערט איבער דער גע־שיכטע מיט דעם זקן, און ער האָט זיך בעוויזען צו אברהם׳ן און געפרעגט:

„וואו איז דער מאַן וואָס איז צו דיר געקומען היינט ביי נאַכט?“

„איינגעשפּאַרט איז געוועזען דער זקן“ — האָט אברהם געענטפערט. „איך האָב צו איהם גערעדט ער זאָל אין דיר גלויבען כדי עס זאָל איהם שטענדיג גוט זיין, און ער האָט מיך ניט געוואָלט הערען, און ער האָט מיך זעהר דערצאָ־רענט און פערביטערט, — האָב איך איהם אַרויסגעטריבען פון מיין הויז!...

און גאָט האָט געזאָגט:

„האָסטו געטראַכט וואָס דו האָסט געטאָהן?... בערענק זיך נאַר: אָט האָב איך געדולדעט די זינד פון דעמדאַ־

זיגען אַלטען פאַר פיעלע, פיעלע יאָהרען, און איך האָב איהם נעקליידעט און געשפייזט און איהם בעזאָרגט מיט אַלע זיינע בעדערפנישען — און צו דיר איז ער געקומען בלויז אויף א י י ן נ א כ ט און שוין ביזטו מיד געוואָרען איהם צו שפייזען און אין דיין כעס האָסטו פערגעסען יעדען רחמנות און האָסט איהם פון זיך פערטריבען!״

אברהם האָט דאַן מתפלל געווען צו גאָט ער זאָל איהם מוחל זיין פאַר זיין זינד.

„איך וועל דיר ניט מוחל זיין״ — האָט גאָט געזאָגט — „ביידען דו וועסט זיך אונטערטעניג מאַכען פאַר דעם אַל־טען מאַן, ווענען דו האָסט שלעכטס געטאָהן, ביז ע ר וועט דיר מוחל זיין אויף דיין זינד!״

אברהם איז דאַן שנעל אוועקגעלאָפען אין מדבר אריין און אזוי לאַנג ארומגעזוכט דעם מאַן ביז ער האָט איהם געפונען. ער איז איהם געפאַלען צו די פיס און האָט גע־וויינט און זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל איהם מוחל זיין פאַר דער זינד וואָס ער איז געגען איהם בעגאַנגען. דער זקן איז געריהרט געוואָרען פון אברהם׳ס בעטענדע רייד און ער האָט איהם מוחל געווען.

גאָט האָט זיך דאַן ווידער בעוויזען צו אברהם׳ן און געזאָגט:

„דערפאַר וואָס דו האָסט געטאָהן וואָס איז רעכטפערטיג אין מיינע אויגען, וועל איך אויך געדענקען מיין בונד מיט דיינע קינדער וואָס וועלען קומען נאָך דיר — אזוי אַז ווען זיי וועלען זינדיגען וועל איך זיי בעשטראָפען, אָבער מיין בונד מיט זיי וועל איך קיינמאָל ניט צושטערען!״

51

דער גרויסער נסיון

אברהם׳ס צדקה און גוטסקייט זיינען געווארען אלץ מעהר בעריהמט צווישען די איינוואוינער, און זיי זיינען צו איהם געקומען הערען זיינע גוטע רייד, און זיי האבען פערלאזען זייערע אפגעטער און געגלויבט אין גאט און זיינען געווען א ברכה פאר׳ן גאנצען לאנד. און גאט האט געזאגט צו זיינע מלאכים:

„איהר האט זיך צו מיר בעקלאגט, למאי איך האב בעשאפען די מענשען־קינדער, וועלכע זיינען שלעכט און פערדארבען... איצט זעהט די פרומקייט פון מיין קנעכט אברהם, און די צאהל מענשען וועלכע טהוען גוטעס און געהען אין גלייכען וועג, און איהר וועט דאן וויסען וואסער גרויסעס אברהם האט אויפגעטאהן!“

איז געקומען דער מלאך שפטיאל און זיך געשטעלט פאר גאט און געזאגט:

„זעהר גרוים זיינען טאקע די מעשים פון דיין קנעכט אברהם און עס איז ניטא א מענש זיינס גלייכען וואס זאל זיין אזוי גאטספארכטיג און פאלגען דיין געבאט! אבער פרוב איהם נאר — זאל ער דיר מקריב זיין דעם זוהן וואס איז איהם געבוירען געווארען אויף דער עלטער — און דו וועסט זעהן אז ער וועט דעמדאזיגען גרויסען נסיון ניט ביישטעהן“.

און דאן איז דער שטן געקומען פאר גאט און געזאגט:

„איז דען אברהם פאר אומזיסט א גאטספורכטיגער? דו האסט דאך איהם געגעבען אלץ וואס זיין הארץ גלוסט און האסט גרויס געמאכט זיין נאמען און דורך איהם געבענשט דאס גאנצע לאנד. און א זוהן האסטו איהם געגעבען אויף זיינע עלטערע יאהרען און ער האט געמאכט א גרויסע סעודה אין דעם טאג וואס ער האט איהם מל געווען, אבער צו דיר

האט ער אפילו קיין טירטעל־טויב, אפילו קיין פויגעל ניט מקריב געווען, ווייל גאוה׳דיג איז ער ביי זיך, און ער האט דיך שוין פערגעסען!...״

און גאט האט געזאגט:

„ניטא אזא עהרליכער און גאטספארכטיגער מענש ווי אברהם, און אז איך וועל איהם זאגען: ,ברענג דיין זוהן פאר א קרבן׳, וועט ער טאהן מיין געבאט מיט׳ן גאנצ׳ן הארצען און מיט זיין פולען ווילען!״

„אויב אברהם וועט טאהן אויך די דאזיגע גרויסע זאך״ — האט דער שטן געזאגט — „וועלען מיר וויסען אז עס איז טאקע ניטא זיינס גלייכען אויף דער גאנצער וועלט!״

און גאט האט זיך בעוויזען צו אברהם׳ן און געזאגט:

„נעהם דיין זוהן און ברענג איהם פאר א קרבן״.

„איך האב צוויי זיהן. וועלכען פון די צוויי זאל איך נעהמען?״ — האט אברהם געפרעגט.

„נעהם דיין איינאיינציגען זוהן״, האט גאט געענטפערט.

„אי יצחק, אי ישמעאל זיינען איינאיינציג ביי זייערע מאמעס!״

„נעהם דעם איינאיינציגען זוהן דיינעם וואס דו האסט ליעב!״

„איך האב ביידען ליעב, אי יצחק׳ן, אי ישמעאל׳ן!״ האט אברהם געבעטען.

און גאט האט געזאגט:

„נעהם דיין איינאיינציגען זוהן וואס דו האסט ליעב, יצחק׳ן, און ברענג איהם מיר פאר א קרבן אויף איינעם פון די בערג וואס איך וועל דיר אנווייזען!״

ווען אברהם האט געהערט גאט׳ס ווערטער, האט ער גע־נומען איבערדענקען: אויב איך וועל דאס דערצעהלען שרה׳ן, וועט זי פאר צרות און טרויער שטארבען, און אויב איך

וועל איהם פון איהר אוועקנעהמען שטילערהייד אהן איהר וויסען, וועט זי אויף איהם שטענדיג טרויערען און זי וועט איהם ארומזוכען איבער דער גאנצער וועלט, און זי וועט איבער איהם זינקען אין קבר אריין פאר דער צייט... דעריבער, דאס בעסטע וואס מיר בלייבט צו טאהן איז, איך זאל דאס מאל בענוצען אן „אויסרייד" און איהר זאגען, אז איך נעהם איהם אוועק אויף אן ארט לערנען חכמה און מוסר, כדי ער זאל ווערען קלוג און פערשטענדיג אין אלע זיינע וועגען.

און אברהם האט געטאהן ווי ער האט געטראכט און געזאגט צו שרה'ן:

„מאך פאר אונז גוטע מאכלים און גיב אונז וויין און לאמיר טרינקען און זיין פרעהליך!.."

שרה איז פערוואונדערט געווארען פון אברהם'ס רייד און זי האט געפרעגט:

„וואס איז די שמחה — ס'איז דאך ניט שבת און ניט יום־טוב!"

„ווען איך דערמאן זיך — האט אברהם געענטפערט — אין אונזער זוהן יצחק, וואס גאט האט אונז געגעבען אין אונזערע עלטערע יאהרען, גלויב איך, אז מיר דארפען זיך תמיד פרעהען און זיך משמח זיין!"

שרה האט דאן צוגעגרייט גוטע מאכלים און דערלאנגט וויין, און זיי האבען זיך געזעצט עסען און טרינקען.ביים מאהלצייט האט אברהם געזאגט:

„הער מיך אויס, שרה, מיין טייערע פרוי, וואס איך וויל דיר זאגען. דריי יאהר בין איך אלט געווען ווען איך האב דערקענט גאט דעם בעשעפער פון הימעל און ערד; אבער אונזער זוהן יצחק איז שוין גרויס און ער האט נאך ניט קענען געלערענט דעם אלמעכטיגען. איך האב דערפאר בע־שלאסען איהם צו ברענגען אויף אן ארט וואו די יונגען לערנען

מוסר און פערשטאנד — זאל ער לערנען און קלוג ווערען און מצליח זיין אין אלע זיינע וועגען".

„דו ביזט גערעכט, מיין מאן — האט שרה געזאגט — דיינע ווערטער געפעלען מיר. נעהם אונזער זוהן יצחק, וועלכער איז מיר טייערער פון מיין לעבען, און ברענג איהם צו דעם ארט וואו דו האסט בעשלאסען. זאלסט אבער אויף איהם אכטונג געבען אויפ'ן וועג וואו דו געהסט מיט איהם און זאלסט אן איהם א מינוט ניט פערגעסען. גיב איהם ברויט און וואסער ווען ער וועט הונגעריג און דארשטיג ווערען, לאז איהם ניט געהן צופוס, און בעשיץ איהם פון דער הייסער זון, און אלץ וואס דער יונג בעט דיך — בייזער זיך ניט און שריי ניט אויף איהם!"

„איך וועל אלץ טאהן ווי דו הייסט מיר!" האט אברהם געזאגט.

און שרה האט ארויסגענומען שעהנע, טייערע מלבושים און זיי אנגעטאהן יצחק'ן, און אויך א שעהנע הוט מיט א טייערען דימענט האט זי אנגעטאהן אויף זיין קאפ, און דאן צוגעגרייט שפייז פאר'ן וועג. דאן האט זי ארומגענומען יצחק'ן און איבער איהם ביטער געוויינט.

„בערוהיג זיך" — האט אברהם צו איהר געזאגט — „איך געה אויף מיין געלעגער, און זאל אויך יצחק געהן שלאפען, ווייל גאנץ בעגינען וועלען מיר אוועק אונזער וועג".

שרה האט נאכאמאל געהאלזט יצחק'ן, איהם געקושט און געזאגט מיט טרעהרען: „א, טייערער זוהן מיינער! דו געהסט אוועק פון מיר אויף א ווייטען וועג — ווער ווייסט ווען דו וועסט צוריקקומען און צי איך וועל דיך נאך זעהן איידער איך וועל שטארבען..."

און שרה האט געוויינט א גאנצע נאכט און זי איז ערשט איינגעשלאפען, ווען דער מארגענשטערן איז אויפגעגאנגען. אברהם האט דאס געזעהן און ער האט זיך געטראכט: איך

וועל אויפשטעהן שטילערהייד, כדי זי זאָל זיך ניט אויפכאַפּען און מיך אַבהאַלטען פון דורכפיהרען גאָט'ס געבאָט!

און ער האָט אויפגעוועקט יצחק'ן, און שנעל אַנגעלאָדען דעם אייזעל, און די דיענער־יונגען זיינען אויפגעשטאַנען איהם העלפען. צו זיי האָט אברהם געזאָגט:

„טוט דאָס ניט, מיינע יונגען. איך וועל אַליין צורעכט מאַכען דעם אייזעל!“

אברהם האָט דאַן אַנגעלאָדען זיינע זאַכען אויף דעם אייזעל, האָט מיטגענומען זיינע צוויי יונגען און יצחק'ן, האָט צושפּאַלטען שטיקלאַך האָלץ פאַר דעם קרבן און איז אַוועק צו דעם אָרט וואו גאָט האָט איהם געהייסען.

52

דעם שטן'ס פּלענער

ווען אברהם איז שוין געווען אוועקגעגאַנגען, האָט זיך שרה אויפגעכאַפּט, באַלד איז צו איהר געקומען דער שטן און האָט גענומען מיט איהר איינ'טענה'ן:

„זאָג מיר, כ'בעט דיך, וואו איז דיין מאַן?“

„מיין מאַן איז אוועק אין וועג אריין“, האָט שרה גע־ענטפערט.

„און דיין ליעבער זוהן יצחק, וואו איז?“ האָט ער ווייטער געפרעגט.

„מיין יצחק איז אוועק מיט מיין מאַן אברהם לערנען מוסר און חכמה“, האָט שרה געזאָגט.

„פאַר וואָס האָסטו איהם געלאָזט אוועקגעהן מיט אברהם'ן?“ — האָט דער שטן געזאָגט — „דו וועסט שוין דיין זוהן מעהר ניט זעהן!“

דעם שטן'ס ווערטער האָבען שרה'ן ערביטערט און זי האָט איהם געענטפערט:

„עס קען קיין מענשען קיין שלעכטס ניט פאסירען סיי־דען גאט וויל! זאל מיין זוהן געהן זיין וועג און זאל גאט טאהן ווי איהם געפעהלט!"

דער דאזיגער ענטפער האט דעם שטן זעהר בייז געמאכט און ער איז אוועק. ער האט דאן געענדערט זיין אויסזעהן אויף אן אלטען מאן און איז געקומען צו אברהם׳ן און גע־זאגט:

„אוי, דו אלטער נאר! גאט האט דיר געגעבען אזא טייערען זוהן און דו נעהמסט און פיהרסט איהם אוועק צו דער שחיטה! ביזטו פון זינען ארונטער?..."

„איך האב זיך גאנץ גוט בעטראכט וואס איך טהו — האט אברהם געזאגט — און עס איז ניטא קיין זאך וואס זאל מיר קענען אבהאלטען פון טאהן דאס געבאט פון מיין גאט!"

אבער דער שטן האט ווייטער צו איהם גע׳טענה׳ט:

„און וואס וועסטו טאהן, אז גאט וועט דיר מארגען פאר־ווארפען דיין זינד און דיך פרעגען: פאר וואס האסטו פער־גאסען אונשולדיג בלוט?"

אברהם האט געענטפערט:

אפילו ווען גאט זאל מיר מארגען זאגען, אז איך האב פארגאסען אונשולדיג בלוט, וועל איך היינט ניט עובר זיין אויף זיין בעפעהל!"

דער שטן האט זיך זעהר געערגערט פון אברהם׳ס רייד, און ער איז אוועק און ווידער געענדערט זיין אויסזעהן, דאס מאל אויף א יונגען שעהנעם בחור. ער איז דאן גע־קומען צו יצחק׳ן און געזאגט:

„זאג מיר, שעהן אינגעל: וואוהין געהסטו?"

„איך געה לערנען מוסר און קלונשאפט, כדי עס זאל מיר גוט זיין מיין גאנץ לעבען".

„זאג־זשע מיר" — האט דער שטן ווייטער געזאגט —

„ווען וועסטו לערנען: ביי דיין לעבען אדער נאך דיין טויט?“

„פאר וואס רעדסטו צו מיר אזוי?“ — האט יצחק זיך געוואונדערט — דו ווייסט גאנץ גוט, אז א מענש לערנט נאר ביים לעבען!“

און דער שטן האט ווייטער געזאגט:

„עס טהוט מיר זעהר לייד דיר צו זאגען, אז דו נעהמסט צום טוידט... און איצט, וואס וועט דיין מאמע טאהן ווען זי וועט זיך דערוויסען וועגען דיין טויט? פיעלע טעג האט די אונגליקליכע געפאסט און געוויינט און געבעטען צו גאט, ער זאל זיך אויף איהר דערבארימען און איהר געבען א זוהן. האט גאט געהערט איהר געבעט, און איהר נאכגעגעבען איהר פערלאנג, און דו ביזט געבוירען געווארען אויף איהר עלטער, און דו ביזט אויסגעוואקסען און געווארען א שעהן אינגעל, און זי האט דיך אויסגעפוצט אין טייערע קליידער, און דו ביזט געווארען איהר פרייד יעדען טאג... און פלוצים איז דיין פאטער פון זינען ארונטער און ער פיהרט דיך צו דער שחיטה! איצט וועט דאך דיין פיינד ישמעאל ירש׳ענען אלץ וואס איז דיין!...“

ווען יצחק האט געהערט די רייד פון דעם יונגען מאן, האט איהם דאס זעהר וועה געטהון — אבער באלד האט ער זיך געשטארקט און געזאגט:

„מיין טייערער פאטער וועט ניט טאהן קיין זאך וואס גאט האט איהם ניט געהייסען. איך וועל דערפאר חלילה זיך ניט שטעלען געגען דעםווארט פון מיין פאטער, וועלכער טהוט אלץ ווי גאט האט איהם געהייסען!“

„ביזט נאך א יונגער אינגעל“ — האט דער שטן געזאגט — „און אויב דו וועסט זיך ראטעווען פון דיין טאטענס הענט, וועלכער פיהרט דיך צום טויט, קענסטו נאך לעבען לאנגע יאהרען און געניסען פיעל גוטס!“

די דאָזיגע ווערטער האָבען יצחק'ן זעהר געשמערצט און ער האָט געזאָגט צו אברהם'ן:

„מיין גוטער דערבאַרימדיגער פאָטער! אָט איז דאָס פייער און דאָס האָלץ, און וואו איז דאָס לעמעלע פאַר'ן קרבן?“

„גאָט וועט אונז בעזאָרגען מיט אַ לעמעלע“ — האָט אברהם געענטפערט — „און אויב ניט — ווערסטו, מיין זוהן, זיין דער קרבן!“

און יצחק האָט דערצעהלט דעם פאָטער אַלץ וואָס דער פרעמדער יונגערמאַן האָט צו איהם גערעדט.

„הער זיך ניט צו, מיין קינד, צו זיינע רייד“ — האָט אברהם געזאָגט — „ווייל ער איז אַ שטן און ער איז געקומען אונז צוריקהאַלטען פון טאָהן גאָט'ס געבאָט!“

53

דער גרויסער אָבהאַלט

ווען דער שטן האָט געזעהן אַז ער פועלט גאָרניט מיט זיינע רייד איז ער אוועק פון אברהם'ן און יצחק'ן און האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ גרויסען טייך, מיט שטורמדיגע און ברויזענדע כוואַליעס. אברהם איז צוגעגאַנגען צום טייך, און ער איז באַלד אריין אהין מיט יצחק'ן און אויך געהייסען די יונגען זיי זאָלען איהם נאָכגעהן. ווען זיי זיינען געגאַנגען ווייטער, האָט דאָס וואַסער גענומען דערגרייכען צו זייערע העלזער, האָט אברהם אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט:

„מיין גאָט! ווער וועט דורכפיהרען דעם געבאָט וואָס דו האָסט מיר געגעבען אויב מיר וועלען דערטרונקען ווערען אין דעמדאָזיגען שטורמדיגען טייך?“

נאָט האָט אַנגעשריען אויף דעם שטן, און גלייך איז דער טייך אויסגעטריקענט געוואָרען, און זיי זיינען אוועק ווייטער.

ווידער אַמאָל איז דער שטן געקומען צו אַברהם׳ן און געזאָגט: „הער אויס, אַברהם: ביז איצט האָב איך דיר טאַקע געזאָגט ליגענס, אָבער איצט זאָג איך דיר וואָס איז אמת: איך בין נאָר־וואָס געווען אין הימעל און איך האָב געהערט פון הינטער דעם כסא־כבוד ווי מען האָט געזאָגט: ‚ניט יצחק, נאָר אַ לעמעלע זאָל זיין דער קרבן!׳ און איצט קענסטו שוין בשלום אַהיימגעהן".

אַברהם האָט איהם געענטפערט:

„ווייסטו דען ניט, אַז מען גלויבט ניט דעם ליגנער אפילו ווען ער זאָגט אמת?..."

דער שטן האָט געזעהן, אַז זיין גאַנצע אַרבייט איז אומזיסט, האָט ער אַפּגעלאָזט אַברהם׳ן מיט יצחק׳ן און איז פערשוואונדען.

54

ווען די מלאכים האָבען געוויינט

דעם דריטען טאָג האָט אַברהם פאַר זיך דערזעהן אַ גרויסען טהאָל אַרומגערינגעלט פון הויכע בערג. און די בערג האָבען זיך געוואַקעלט און האָבען אַבגעטראָטען פון זייער אָרט; ביז זיי האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אויף איין פּלאַץ און זיך צונויפגעגאָסען אין איין גרויסען באַרג. און עס איז אַרונטערגעקומען אַ פייערדיגער זייל און האָט זיך געשטעלט אויפ׳ן באַרג, אַזוי אַז דער שפּיץ האָט דערגרייכט אין הימעל אַריין. און אַ וואָלקען איז געקומען און האָט דעם באַרג צוגעדעקט און גאָט האָט זיך בעוויזען אין דעם

וואַלקען. אַ פּורכטליך און וואונדערליך בילד איז געווען דאָס דאָזיגע אָרט!

און אברהם האָט געזאָגט צו יצחק'ן:

„זאָג מיר, מיין זוהן, וואָס זעהסטו דאָרט?"

און יצחק האָט געענטפערט:

„איך זעה אַ פייערדיגען זייל און אַ וואָלקען וואָס זעהט אוים ווי אַ שים־בויגען!"

די יונגען האָבען געקוקט אויפ'ן פּלאַץ וואו אברהם האָט זיי געהייסען, און געזאָגט: „מיר זעהען בערג!"

„זיצט איהר דאָ מיט דעם אייזעל" — האָט אברהם זיי בעפעהלען — און איך מיט יצחק'ן וועלען געהן אַהין, און מיר וועלען זיך בוקען און צוריקקומען צו אייך!"

אברהם מיט יצחק'ן זיינען אוועק צו דעם אָרט. אברהם האָט גענומען יצחק'ן און איהם בעהאַלטען פאַר דעם שטן, אוים מורא ער זאָל איהם ניט מאַכען אַ פעהלער, און ער וועט מעהר ניט גוט זיין פאַר אַ קרבן... אברהם האָט אויפ־געשטעלט דעם מזבח און אַרויפגעלעגט דאָס האָלץ און גע־נומען בינדען יצחק'ן. און יצחק האָט געזאָגט:

„כ'בעט דיך, טאַטע, בינד מיך פעסט, ווייל טאָמער וועט מיך פּלוצים בעפאַלען אַ מורא, ווען איך וועל דערזעהן דעם שחיטה־מעסער און איך וועל זיך וואַרפען אַהין און צוריק, און עס וועט דיר אַנקומען שווער מיך צו שחט'ען!"

אברהם האָט געטאָהן ווי יצחק האָט איהם געהייסען און גענומען איהם בינדען. אויסשטרעקענדיג זיינע הענט און פים צום בינדען האָט יצחק געזאָגט:

„דערצעהל ניט דער מאַמען וועגען מיין טויט ווען דו וועסט זי זעהן שטעהן אויפ'ן דאַך, אָדער ווען זי וועט פאַר־בייגעהן פאַר אַ גרוב, ווייל זי וועט זיך דערשרעקען און ס'קען מיט איהר אַן אומגליק טרעפען!..."

ווען אברהם איז געווען פארטיג בינדענדיג יצחק׳ן, האט ער איהם ארויפגעלעגט אויפ׳ן האלץ און ארויסגענומען דאס שחיטה־מעסער. אברהם׳ס הארץ האט זיך געפרעהט אויף דעם וואס ער ערפילט גאט׳ס געבאט, אבער פון זיינע אויגען האבען זיך טרעהרען געגאסען אויס רחמנות צו דעם איידעלען און צארטען יצחק׳ן. אין יענעם מאמענט האבען זיך גע־עפענט די הימלען און די מלאכים האבען זיך צונויפגעזאמעלט גאנצע מחנות־ווייז און געשריען צו גאט:

„פאר וואס האסטו געהייסען אברהם׳ן דיין אויסדערוועהל־טען אזוי טאהן?...“

און די מלאכים האבען געוויינט און דריי פון זייערע טרעהרען זיינען ארויפגעפאלען אויף יצחק׳ס אויגען... און ווי באלד דאס מעסער האט אנגעריהרט יצחק׳ס האלז איז פון איהם ארויס די נשמה און איז ארויפגעפלויגען אין הימעל אריין. דאן איז א שטימע דערהערט געווארען פון אויבען:

„ניט בעריהר דעם יונג!“

און אזוי באלד ווי גאט׳ס קול איז דערהערט געווארען, האט די נשמה פון יצחק׳ן זיך צו איהם אומגעקעהרט און ער האט אויפגעלעבט. ער האט די אויגען געעפענט און זיי אויפגעהויבען צום הימעל און געזאגט:

„געלויבט ביזטו, גאט, וואס דו מאכסט לעבעדיג די טויטע!“

„ווער איז דאס וואס האט מיך גערופען?“ — האט אברהם זיך געווענדעט צו דער שטימע פון הימעל.

„איך בין א מלאך פון דעם אלמעכטיגען גאט!“ — האט דערזעלבער קול געענטפערט.

„איך וועל ניט אבטרעטען פון דעמדאזיגען ארט — האט אברהם געזאגט — ביז ג א ט א ל י י ן וועט מיר זאגען: ,נעהם ארונטער דיין זוהן פון דעם מזבח!‘ איצט אבער,

וויל איך פערגיסען איין טראָפען בלוט פון מיין איינציגען זוהן!"

און דער מלאך האָט אַ צווייטען מאָל גערופען צו אברהם'ן:

„אזוי האָט גאָט געזאָגט: זאָלסט דעם יונג גאָר ניט טאָהן!"

אין יענער מינוט איז געבראכט געוואָרען אַ באַראַן און אוועקגעשטעלט געוואָרען צווישען די קוסטעס. דאָס איז דערזעלבער באַראַן וואָס איז בעשאַפען געוואָרען פרייטאָג פאַרנאַכט און ער האָט זיך געפּאַשעט אין גן־עדן אונטער דעם בוים פון לעבען און געטרונקען פון דעם וואַסער פון גן־עדן און מיט זיין ריח איז פול געוואָרען די גאַנצע וועלט. אברהם האָט דאַן אַרונטערגענומען יצחק'ן פון דעם האַלז און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און מתפלל געווען:

„גאָט, דו אַלמעכטיגער! איך האָב פון דיר ניט צוריק־געהאַלטען מיין איינציגען זוהן, וואָס ער איז דאָס טייערסטע אין מיין לעבען, דעריבער בעט איך ביי דיר: דערבאַרים זיך אויף די קינדער פון יצחק'ן אויב זיי וועלען זינדיגען געגען דיר, און זאָלסט איינהאַלטען דיין צאָרן און זיי פערגעבען אויף זייערע זינד און זיי העלפען אין אַן עת צרה!"

און גאָט האָט געזאָגט:

„איך ווייס אז די קינדער פון יצחק'ן וועלען זינדיגען געגען מיר און זיי וועלען טאָהן וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגען און איך וועל זיי משפּט'ן אין אָנפאַנג פון יעדען יאָהר; און ווען זיי וועלען וועלען איך זאָל זיי מוחל זיין, וועלען זיי בעטען צו מיר, און בלאָזען מיט דעם האָרן פון אַ באַראַן, אזוי ווי דער וואָס שטעהט דאָ הינטער דיר!"

אברהם האָט געקוקט הינטער זיך און געזעהן ווי אַ באַראַן איז פערטשעפּעט מיט זיינע הערנער צווישען די

בוימלעך. און ער האָט זיך איינגעקוקט און געזעהן ווי דער באַראַן שלעפּט אַרויס זיינע הערנער פון צווישען איין צווייג און באַלד ווערט ער פערטשעפּעט אין אַ צווייטער...

און נאָך האָט געזאָגט:

„אַזוי וועלען זיך פּלאָנטערן די קינדער פון יצחק׳ן אין פּיעלע לענדער, און זיי וועלען וואַנדערען פון איין פאָלק צום צווייטען און פון איין קעניגרייך צום אַנדערען, ביז עס וועט קומען יענער טאָג ווען איך וועל נעהמען דעם האָרן פון דעמדאָזיגען באַראַן און וועל בלאָזען וועגען זייער פריי־הייט, און זיי וועלען ערלייזט ווערען און זיך אומקעהרען אין זייער לאַנד!...“

—◇—

55

די אָדערען פון באַראַן

דער באַראַן איז שנעל אַרויס פון צווישען די בוימלעך אין וועלכע ער איז געווען פערטשעפּעט, איז צוגעגאַנגען צו אַברהם׳ן און אָנגעריהרט מיט׳ן קאָפּ זיין קלייד. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז צופרידען צו זיין אַ קרבן אויף יצחק׳ס פּלאַץ. אַברהם האָט איהם גענומען און אַרויפגע־לעגט אויפ׳ן מזבח און דאָס פייער האָט איהם פערברענט.

עס איז מעהר פון באַראַן ניט פערבליבען ווי צעהן אָדערען, און זיין פעל, און זיינע צוויי הערנער. פון די דאָזיגע אָדערען זיינען געמאַכט געוואָרען די סטרונעס פון דוד המלך׳ס וואונ־דערליכע פּידעל; פון דעם פעל איז געמאַכט געוואָרען די גאַרטעל פאַר אליהו הנביא׳ן; און דער לינקער האָרן — צו בלאָזען מיט איהם אויפ׳ן באַרג סיני ווען גאָט האָט גע־געבען זיין תורה צום פאָלק ישראל און דער רעכטער האָרן ליגט נאָך בעהאַלטען ביז׳ן היינטיגען טאָג. און ווען גאָט

וועט ערלייזען ציון, ווען מען בלאזען מיט יענעם הארן און זיין קול האט זיך דערטראגען פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און די קינדער פון ישראל וועלען זיך אומקעהרען אין זייער פאטערלאנד!

56

שרעק, פרייד און טויט

ווען דער שטן האט געזעהן ווי אברהם נעהמט זיך אומקעהרען אהיים, האט ער זיך פערקליידעט פאר אן אלטען מאן און איז אוועק צו שרה'ן און איהר געזאגט:

„א, שרה, דו אונגליקליכע מאמע! האסטו נאך ניט געהערט וואס עס האט געטראפען מיט דיין זוהן יצחק? אברהם האט איהם גענומען און אוועקגעפיהרט אויף איינעם פון די בערג און איהם דארט גע'שחט'ען. און דער יונג האט געשריען צום טאטען און זיך ביי איהם געבעטען, ער זאל אויף איהם רחמנות האבען, אבער אברהם האט זיך צו זיינע געבעט־רייד ניט צוגעהערט, און האט איהם גע־שחט'ען".

ווען שרה האט דאס געהערט, האט איהר קערפער גע־נומען טרייסלען פון פערצווייפלונג, זי האט געשאטען אש אויף איהר קאפ, זיך געווארפען אויף דער ערד און געשריען און געוויינט:

„א, יצחק, יצחק, מיין זוהן, מיין טייער קינד! וואס טויג מיר מיין לעבען אז דו ביזט טויט. אה, מיין טייער קינד, איך האב דיך געבארען און דיך אויפגעצויגען און דו ביזט ביי מיר געווען טייערער פון מיין לעבען, און ליעב האב איך דיך געהאט מיט מיין גאנצע הארץ און נשמה, מיין גאנצע פרייד און טרייסט ביזטו געווען... און איצט, — א, לאמיך בעסער שטארבען!"

זי האָט איינגעגראָבען איהר קאָפּ אין שוים פון איינער פון די דיענסטען, וועלכע האָבען געוואָלט זי טרייסטען — און זי איז שטום געבליבען ווי א שטיין.

דאַן איז זי אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט געהן קיין חברון און אַלע פערבייגעהער אויפ'ן וועג האָט זי געפרעגט אויף איהר זוהן, אָבער די מענשען האָבען איהר ניט גע־ענטפערט, ווייל ניט געוואוסט האָבען זיי וואָס עס האָט מיט יצחק'ן געטראָפען. און זי איז געקומען מיט איהרע דיענסטען און קנעכט נאָך קרית־ארבע, און דאָרט האָט זי זיך אָוועק־געזעצט, ווייל זי איז זעהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען און זי האָט מעהר קיין כח ניט געהאַט צו געהן. זי האָט דאַן איהרע קנעכט געבעטען, זיי זאָלען געהן זוכען אברהם'ן און יצחק'ן. און די קנעכט זיינען אוועק און ארומגעזוכט איבער אַלע ערטער און האָבען זיי ניט געפונען. זיי האָבען זיך זעהר גע־ערגערט און זיך געלאָזען געהן צוריק נאָך קרית־ארבע.

ווען דער שטן האָט געזעהן שרה'ס שרעקליכע ליידען און געהערט איהר ביטער געוויין, האָט ער אויפגעציטערט — און אויף דער גיך האָט ער זיך פערענדערט און ער האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי יצחק.

ווען שרה האָט פּלוצים דערזעהן דאָס פּנים פון איהר איינציגען זוהן יצחק, האָט זי זיך אַזוי שטאַרק דערפרעהט, אַז פון שמחה און אויפרעגונג איז איהר די נשמה אויס־געגאַנגען און זי איז געפאַלען טויט.

—⟡—

57

יצחק און אַברהם אין טרויער

ווען אברהם האָט זיך אומגעקעהרט נאָך באר־שבע און זיך דערנעהנטערט צו זיין הויז, האָט ער געזעהן, אַז די

טיהרען פון שרה׳ס געצעלט זיינען פערשלאָסען, און ער האָט זיך זעהר געוואונדערט!

ארומקוקענדיג זיך האָט ער אויך געזעהן אז עס זיינען ניטאָ מעהר די שיינענדיגע וואָלקענס וואָס האָבען תמיד ארומגערינגעלט דאָס געצעלט — און זיין הארץ האָט גענומען שווער קלאַפּען. ער האָט דורכ׳ן פענסטער אריינגעקוקט אין שרה׳ס געצעלט און געזעהן אז דער נר־תמיד (דאָס שטענדיג ברענענדע ליכט) איז אויסגעלאָשען! דאַמאָלס האָט ער פערשטאַנען, אז מיט שרה׳ן האָט אַן אונגליק געטראָפען. און ער איז געלאָפען צו די שכנים און זיי געפרעגט אויף שרה׳ן. די שכנים האָבען איהם דערצעהלט:

„מען האָט דערצעהלט דער איבערגעבענער מאַמע שרה׳ן, אז איהר זוהן איז גע׳שחט׳ען געוואָרען, איז זי אוועק איהם זוכען אין חברון״.

אברהם איז גיך געלאָפען נאָך חברון, וואָס דאָס איז קרית־ארבע, און דאָרט געפונען שרה׳ן — אַ טויטע. און ער האָט בעוויינט שרה׳ן און זי בעקלאָגט מיט די דאָזיגע ווערטער:

„יתומים און אלמנות, וויינט אויף שרה׳ן! זי האָט גע־שטילט מיט ברויט אייער הונגער, געלעשט אייער דורשט מיט וואַסער און געגעבען מלבושים צו די נאַקעטע. אַי, ווי האָט געקענט פערשטומט ווערען די צונג וואָס האָט שטענדיג טרייסט־ווערטער גערעדט! ווי האָבען געקענט פערשלאָסען ווערען די אויגען וואָס פון זיי האָט ארויסגעקוקט רחמנות! ווי האָבען געקענט אונמעכטיג ווערען די הענט וואָס האָ־בען אַ טרעהר אָפּגעווישט פון יעדען פּנים״...

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהערט דעם הספד אויף שרה׳ן, און זיי האָבען געוויינט אַזוי לאַנג ביז זיי האָבען מעהר קיין כח ניט געהאַט צו וויינען.

אין דעמזעלבען טאָג האָט זיך יצחק דערוואוסט וועגען

שרה'ס טויט און ער מיט שם'ן זיינען אוועקגעלאָפען נאָך קרית־ארבע. און יצחק האָט זיך געוואָרפען איבער'ן טויטען קערפער פון זיין מוטער און זי געקושט און געוויינט און געזאָגט מיט אַ פערשטיקטען קול:

„וועה מיר, בארמהערציגע מוטער, וואָס דו האָסט מיך פלוצים פערלאָזען! געגלויבט האָב איך, אַז איך וועל נאָך זעהן דיין פנים, וואָס האָט צו מיר געשיינט ווי די זון; אַז איך וועל נאָך הערען דיינע ליעבע רייד וואָס האָבען דערקוויקט דאָס הארץ און די נשמה! און איצט, אָה! פינסטער איז געוואָרען מיין זוהן און צובראָכען מיין הארץ! ווי קען איך זיך טרייסטען, אַז מיין טרייסט איז פערלאָרען! ווי קען איך זיך פרעהען, אַז פון מיין שמחה איז געוואָרען טרויער!"...

אַזוי האָט יצחק געוויינט פאַר אַ לאַנגער צייט ביז ער האָט מעהר קיין כח ניט געהאַט און ער האָט זיך געזעצט אויף דער ערד מיט אַן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ און זיין בליק איז געבליבען שטום און פערשטאַרט...

58

שרה'ס לויה

און אַלע איינוואוינער פון שטאָדט האָבען יענעם טאָג אוועקגעלעגט די ארבייט און זיך צונויפגעזאַמעלט צו דער לויה פון שרה, וועלכע איז ביי זיי געווען בעליעבט אַלס גרויסע צדיקת און נדבנית. זיי האָבען זייערע הייזער פערלאָזען און זיינען געקומען מיט זייערע פרויען און קינדער און האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי דעם הויז וואו שרה איז געלעגען.

אברהם איז דאַן אוועק צו די קינדער פון חת און זיי געבעטען:

„בעווילינגט מיר אַ שטיקעל לאַנד צו בעגראָבען מיין מת“.

„מיר גיבען דאָס דיר מיט׳ן גאַנצען הארצען! — האָבען זיי געענטפערט — קלייב דיר אויס דאָס בעסטע שטיק לאַנד אונזערס!“

אברהם האָט זיי געדאַנקט פאַר זייער פריינדליכקייט און געזאָגט:

„אויב איך געפין חן אין אייערע אויגען, בעט־זשע פאַר מיר עפרון־בן־צוחר ער זאָל מיר אוועקגעבען די מערת המכפלה זיינע; ווייל זי געפעלט מיר פאַר אַ קבר“.

ווען די קינדער פון חת האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי געזאָגט איינער צום צווייטען:

„קומט, לאָמיר מאַכען עפרון׳ען פאַר דעם אויבער־האַר איבער אונז אַלע, ווארים ווי אַזוי וועט אברהם, דער אויס־דערוועהלטער פון גאָט, קענען ריידען מיט עפרון׳ען, אַ מענש פון נידעריגען שטאַנד!“

און זיי זיינען געקומען צו לויפען צו עפרון׳ען און גע־זאָגט:

„ווער אונזער אויבער־האַר!“

עפרון האָט זיך געוואונדערט און ניט פערשטאַנען, פאַר וואָס די מענשען ווילען איהם פלוצים אויסטהיילען אַזא גרויסען כבוד. און זיי האָבען איהם דערצעהלט וועגען אברהם׳ס פערלאַנג. עפרון האָט פערשטאַנען, אַז נאָר צו־ליעב דעם געבענשטען און בעליעבטען אברהם׳ן ווערט איהם אויסגעטהיילט דער דאָזיגער כבוד, און ער איז גלייך אוועק צו אברהם׳ן און געזאָגט:

„זיי אַזוי גוט, מיין האַר, און נעהם־צו מיין פעלד און אַלץ וואָס איז דאָרט פאַראַן אָהן געלט און אָהן וועלכער געצאָהלט!“

„חלילה! — האָט אברהם געזאָגט — איך וויל ניט נעהמען קיין זאך פון קיינעם אומזיסט! זיי אזוי גוט און נעהם־צו דעם פרייז פאַר דיין פעלד!"

און עפרון האָט צוגענומען פיער הונדערט זילבערנע שקלים פאַר זיין פעלד, און עס אוועקגעגעבען אברהם׳ן פאַר א קבר.

און די מענשען האָבען דאָן גענומען צווישען זיך ריידען: עס וועט קומען א צייט, ווען די קינדער פון אברהם וועלען עראָבערען דאָס לאַנד אזוי ווי גאָט האָט איהם געשוואוירען און זיי וועלען אויך פערכאַפּען אונזער שטאָדט ירושלים. דעריבער לאָמיר איצט פאָדערען פון אברהם׳ן ער זאָל מיט אונז שליסען א בונד און צוזאָגען אז זיינע קינדער נאָך איהם וועלען ניט צונעהמען ירושלים וואָס זי בעלאַנגט צו די קינדער פון חת! די איינוואוינער פון לאַנד האָבען אויף דעם מסכים געווען און זיי זיינען געקומען צו אברהם׳ן און געזאָגט:

„זאָלסט ניט בעגראָבען דיין מת, ביז דו וועסט מיט אונז ניט שליסען א בונד, אז דיינע קינדער וועלען קיינמאָל ניט פערכאַפּען ירושלים!"

אברהם האָט איינגעוויליגט מיט זיי אַזאַ בונד צו שליסען. און די איינוואוינער האָבען צוזאַמענגענומען זייערע קופּערנע געצענ־בילדער, די הינקענדיגע און די בלינדע, און אויף זיי פערשריבען די ווערטער פון דעם אָבמאַך און שבועה וואָס אברהם האָט זיי געגעבען, און זיי האָבען דאָס אוועקגע־שטעלט אויף די גאַסען פון ירושלים, וואו זיי זיינען גע־שטאַנען ביז דעם טאָג ווען דוד איז געקומען עראָבערען די שטאָדט.

ווען שרה איז געטראָגען געוואָרען אין דער הייהל אַריין צו דער קבורה, זיינען נאָכגעגאַנגען אַלע מענער, פרויען און קינדער פון שטאָדט און האָבען זי בעוויינט. און די אלמנות

און קינדער וועלכע שרה האט אין איהר לעבען בעזארגט מיט עסען און מלבושים זיינען איהר נאכגעגאנגען און האַ־בען יאָמערליך געוויינט, און נאכדערצעהלט איהרע גוטע מעשים.

59

אַ רויז צווישען דערנער

אין יענער צייט איז ביי בתואל בן נחור אַ טאָכטער געבוירען געוואָרען, און מ׳האט איהר אַ נאָמען געגעבען רבקה. דאָס מיידעל איז אויסגעוואקסען זעהר שעהן, און איהר גוטס־קייט האט אַלעמען בעוואונדערט. איהר זיינען ניט געפעלען געוואָרען די שלעכטע דרכים פון איהר פאָטער און ברודער און זי איז געווען גענייגט צו טהון נאר גוטעס. זי פלעגט געבען עסען די אָרימע לייט וואָס פלעגען קומען בעטען אין איהר הויז אריין און זיי בעזאָרגט מיט וואָס זי האָט נאר געקענט. ווען בתואל האָט פאר איהר געדונגען דיענסטען זי צו בעדיענען, האָט זי זיך מיט זיי ניט געוואָלט בענוצען, און זי האָט בעסער אליין געטהון די גאַנצע ארבייט אין שטוב. זי האָט געקאָכט, געבאקען, געשעפּט וואַסער און אנגעטרונקען די קעמלען.

און יעדעס מאָל ווען זי איז ארוים אין דרויסען ארבייטען און זי האָט געזעהן די אויפפיהרונגען פון די שטאָדט־מענשען וועלכע בעשווינדלען איינער דעם צווייטען, און זי האָט גע־הערט זייערע קריגערייען און גראָבע זידלערייען, האָט זי זיך זעהר געערגערט און געטראַכט: אַ, ווען איך וואָלט נאָר קענען פערלאָזען די דאָזיגע שטאָדט און ניט זעהן מעהר די אַלע אומווירדיגקייטען!

און אַלע אָרימע לייט וואָס פלעגען קומען נאָך חרן און וואָס האָבען געקענט די שלעכטסקייט פון די איינוואוינער

און די גוטסקייט פון רבקה׳ן, האבען זיך זעהר געוואונדערט און געזאגט איינער צום צווייטען

„אט איז א רויז צווישען דערנער!"

60

אליעזר זוכט א ווייב פאר יצחק׳ן

אברהם האט גערופען זיין קנעכט אליעזר און צו איהם געזאגט:

„איך האב דיר געמאכט פאר מיין פערטרויענסווערטען פערוואלטער איבער אלץ וואס איך פערמאג, ווייל איך האב געזעהן אז דו געהסט אין גאט׳ס וועגען און ביזט עהרליך מיט אלע מענשען וועלכע קומען מיט דיר אין בעריהרונג. דערפאר בין איך זיכער, אז דו וועסט אויך דאס מאל טהון אלץ, ווי איך וועל פון דיר פערלאנגען: איך וויל, אז דו זאלסט אוועק אין מיין געבורטסלאנד און דארט נעהמען א ווייב פאר מיין זוהן יצחק".

אליעזר האט אברהם׳ן צוגעזאגט אז ער וועט דורכפיהרען די שליחות עהרליך און געטריי. אברהם האט דאן געגעבען אליעזר׳ן א פאפיער אויף וועלכען עס איז געווען אויפגע־שריבען אונטער אברהם׳ס חתימה: „אלץ וואס איך פערמאג גיב איך אוועק צו מיין זוהן יצחק!"

„נעהם דאס דאזיגע פאפיער — האט אברהם געזאגט צו אליעזר׳ן — „און צייג עס צום פאטער פון דעם מיידעל וואס גאט וועט בעשערען יצחק׳ן!"

אליעזר האט גענומען צעהן קעמלען און זיך אוועקגעלאזט צו דער שטאדט פון נחור, אברהם׳ס ברודער. אזוי באלד ווי אליעזר איז אוועק האט אברהם בעפעהלען שם׳ן ער זאל

אהיימברענגען יצחק׳ן, און יצחק איז גלייך צוריקגעקומען אין זיין פאטער׳ס הויז.

און גאט האט געשיקט צוויי מלאכים, איינעם צו בע־וואכען אליעזר׳ן אויף זיין וועג און דעם צווייטען — צו ברענ־גען רבקה׳ן פאר אליעזר׳ן אין דערזעלבער מינוט וואס ער וועט קומען צום קוואל!

ווען אליעזר איז געווען אין מיטען וועג האבען ליכטיגע שטערען און בליצען פאר איהם געלויכטען און לייכטער גע־מאכט זיין רייזע. און אלס ער איז געגאנגען און האט גע־שטוינט פון די וואונדערבארע ליכט־בילדער, האט ער דערזעהן אז אט שטעהט ער שוין ביי א וואסער־קוואל אין חרן. אליעזר איז געווען אויסער זיך פון בעוואונדערונג. ער האט גע־וואוסט, אז פון אברהם׳ס הויז ביז חרן איז א מהלך פון זעכ־צעהן טעג, און דא האט ער געמאכט דעם וועג אין איין טאג! און ער האט פערשטאנען אז דאס איז א נס פון גאט, און ער האט מתפלל געווען אז גאט זאל איהם צושיקען דאס ריכטיגע מיידעל פאר יצחק׳ן פאר א ווייב... אין דער־זעלבער מינוט האט א מלאך ארויסגענומען רבקה׳ן פון הויז און איהר אריינגעגעבען דעם געדאנק צו געהן צום קוואל. רבקה האט גענומען די קרוג אויפ׳ן אקסעל און איז אוועק צום קוואל.

ווען אליעזר האט געזעהען ווי דאס וואסער פון דעם ברונען קומט אליין ארויף צו איהר אזוי באלד ווי זי האט אריינגעלאזט איהר קרוג, האט ער זיך זעהר געוואונדערט, און בעשלאסען זיך גוט צוצוקוקען צו דעם מיידעל און איהר בענעהמונג און אויסגעפינען פאר וואס גאט איז צו איהר אזוי גוט. ער האט דאן בעמערקט, ווי זי איז צוגעגאנגען צו א וויינענדיגען אינגעל און האט איהם געפרעגט מיט גרויס רחמנות: „וואס וויינסטו?“ דאס אינגעל האט גע־ענטפערט: „איך האב מיר א קלאפ געטאהן אין א שטיין

און עס רינט בלוט". רבקה האָט אויף גיך אַרונטערגעלאָזען די קריג פון אַקסעל און האָט אָפּגעוואַשען דעם קינד'ס פערוואונדעטען פוס, און מיט דער פאַטשיילע וואָס זי האָט געטראָגען אויפ'ן קאָפּ האָט זי באַנדאַזשירט די וואונד. זי האָט דאַן דאָס קינד געצערטעלט און געטרייסט, זאָגענדיג צו איהם:

„געה אַהיים צו דיין מאַמע און זאָרג ניט מעהר וועגען דיין פוס, ער וועט באַלד זיין אויסגעהיילט!"

דאָס קינד האָט זיך דערפרעהט פון רבקה'ס רייד און איז אַוועק ווי עס וואָלט איהם גאָרניט וועה געטאָהן.

אַוועקגעהענדיג פון דעם אינגעל איז איהר אַנטקעגענגעקומען אַ בלינדע פרוי.

„זאָג מיר" — האָט רבקה זי געפרעגט מיט גרויס צערטליכקייט — „ווערסטו קענען אַליין אַהיימגעהן?"

„אויב איך וועל בלאָנדזשען" — האָט די פרוי געענטפערט — „וועל איך בלייבען נעכטיגען אין פעלד, אַזוי ווי איך האָב נעכטען געטאָהן".

רבקה האָט זי געפרעגט וואו זי וואוינט און זי אַהיימגעפיהרט.

צוריקקומענדיג שנעל צום ברונען האָט זי זיך איינגעמאַטערט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ אָפּרוהען. אָבער באַלד האָט זי דערזעהן, ווי אַן אַלטער מידער מאַן קומט איהר אַנטקעגען. זי איז צו איהם צוגעלאָפען, איהם אַנגעבאָטען איהר פּלאַץ און געבעטען ער זאָל זיך אַוועקזעצען אָפּרוהען. דער זקן האָט איהר דערפאַר זעהר געדאַנקט און זי געבענשט. רבקה איז דאַן אַוועק צום קוואַל און האָט אָנגעפילט איהר קרוג.

צוזעהענדיג איהרע גוטע מעשים האָט אליעזר שוין פערשטאַנען, אַז אַזאַ בארמהערציגע מיידעל איז די ריכטיגע

פרוי פאַר יצחקן, און ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און גע־זאָגט:

„זיי אַזוי פריינדליך, גוטע מיידעל, און גיט מיר אביסעל וואַסער פון דיין קרוג!“

„טרינק, מיין האַר!“—האָט רבקה געענטפערט, און זי האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קרוג פון אַקסעל און איהם גע־געבען צו טרינקען. און ווען ער איז געווען פאַרטיג איז זי גלייך נאָך אַמאָל אַוועק צום ברונען און אָנגעשעפּט וואַסער פאַר אליעזר'ס אַלע קעמלען. אליעזר האָט דאַן אַרויסגע־נומען אַ נאָזבאַנד מיט אַ טייערען ברילליאַנט און צוויי בראַס־לעטען, עס איהר געגעבען און געזאָגט:

„זאָג מיר, קינד, וועמעס טאָכטער ביזטו—און איז דאָ אין דיין פאָטער'ס הויז אַ פּלאַץ פאַר אונז איבערצונעכ־טיגען די היינטיגע נאַכט?“

„איך בין בתואל'ס טאָכטער, נחור'ס איינִיקעל“, האָט רבקה געענטפערט, „ביי אונז איז פאַראַן גענוג שטרוי און אַלערליי פּיה־שפּייז, אויך אַ פּלאַץ צום שלאָפען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס דו וועסט וועלען איינשטעהן אין אונזער הויז!“

ווען אליעזר האָט געהערט דעם מיידעל'ס ווערטער, האָט ער זיך זעהר דערפרעהט און געבענשט גאָט פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט איהם געטאָהן און איהם געפיהרט גלייך אין דעם הויז אַריין פון זיין האַר'ס ברודער.

61

לבן און בתואל זוכען אליעזר'ס פריינדשאַפט

רבקה איז אַהיימגעלאָפען און דערצעהלט איהר מאַמע אַלץ וואָס האָט מיט איהר געטראָפען. און ווען לבן האָט דערזעהן דעם טייערען נאָזבאַנד, און די וואונדערליכע

בראַסלעטען אויף רבקה׳ס הענט, האָט ער זיך געטראַכט: דער מאַן מוז זיין זעהר רייך! איך וועל איהם דער׳הרג׳ענען און צונעהמען זיין גאָלד און זילבער.

לבן איז אויף גיך אוועק צום קוואַל. אליעזר האָט געזעהן ווי אַ מאַן לויפט צו איהם, און ער האָט זיך איינגעקוקט אין לבנ׳ס פּנים און ער האָט געזעהן דאָס פּנים פון אַ רוצח. אליעזר האָט דאַן אַרויסגעזאָגט דעם „שם" (גאָט׳ס נאָמען) און די קעמלען האָבען זיך אויפגעהויבען און געבליבען שטעהן אין דער לופטען. ער האָט נאָך אַמאָל דערמאָנט דעם „שם" און ער איז אליין אויפגעהויבען געוואָרען אין דער לופטען נאָך העכער פון די קעמלען. לבן איז ערשטוינט געבליבען און ער האָט שטאַרק מורא געקראָגען פאַר אליעזר׳ן.

„קום, דו גאָט־געבענשטער!" — האָט לבן געזאָגט — „צו וואָס זאָלסטו שטעהן אין דרויסען? איך האָב לכבוד דיר געמאַכט דאָס הויז און אַרויסגענומען אַלע געצענבילדער, ווייל איך וויים אַז דו וועסט ניט אַריינקומען אין אַ הויז וואו עס זיינען דאַ געצענבילדער!"

באַלד זיינען געקומען צו לויפען פיעלע מענשען צום ברונען; זיי האָבען געזעהן די שעהנע בראַסלעטען וואָס אליעזר האָט געגעבען רבקה׳ן, און זיי זיינען געקומען איהם דער׳הרג׳ענען און אוועקנעהמען זיין גאָלד און זילבער. נאָר ווען זיי האָבען דערזעהן די וואונדער וואָס אליעזר בעווייזט, שטעהענדיג אין דער לופטען מיט זיינע קעמלען, האָבען זיי זיך פאַר איהם דערשראָקען און זיך אָבגערוקט.

אליעזר איז צוגעקומען צו בתואל׳ן אין הויז אריין, האָט אויפגעשלאָסען די מיילער פון זיינע קעמלען, זיי געגעבען עסען און טרינקען, און אויך געגעבען עסען צו די מענשען וואָס זיינען מיט איהם מיטגעגאַנגען. אין דעם עסען וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרען פאַר אליעזר׳ן האָט בתואל

אריינגעטאָהן גיפט, כדי ער זאָל שטאַרבען און בתואל זאָל איהם ירש׳ענען, אָבער אליעזר האָט געזאָגט: „איך וועל ניט פריהער עסען ביז איך וועל האָבען גערעדט וואָס איך האָב צו ריידען". אין יענער מינוט האָט אַ מלאך, וואָס האָט געהיט אליעזר׳ן, אויסגעדרעהט די שיסלען אַזוי, אַז אליעזר׳ס שיסעל איז אויסגעקומען ביי בתואל׳ן און בתואל׳ס שיסעל ביי אליעזר׳ן. דער מלאך איז פערשוואונדען און קיינער אין הויז האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז אָפּגעטאָהן געוואָרען. בתואל האָט געהייסען אליעזר׳ן ריידען און אליעזר האָט אָנגעפאַנגען:

„איהר זאָלט מיך ניט בעטראַכטען פאַר קיין גרויסען און וויכטיגען מענש, ווייל איך בין ניט מעהר ווי אברהם׳ס קנעכט. און גאָט האָט געבענשט מיין בעל־הבית מיט אַלעם גוטען, און אויך מיט אַ זוהן וואָס שרה האָט איהם געבאָרען אויף דער עלטער. ער האָט דעם זוהן אוועקגעגעבען אַלץ וואָס ער פערמאָגט. אט איז דאָס געחתמ׳עטע פּאַפּיר, נעהמט און לייענט עס איבער און איהר וועט זעהן אַז איך דערצעהל אייך דעם אמת. און בעשוואוירען האָט מיך מיין האַר אברהם, איך זאָל ניט נעהמען קיין ווייב פאַר זיין זוהן פון די טעכטער פון לאַנד, נאָר פון זיין פאָטער׳ס משפּחה. בין איך היינט געקומען צום קוואַל און כ׳האָב גאָט געבעטען, ער זאָל מיר צושיקען אַ גוטע, אָרענטליכע און גאָט־פורכטיגע מיידעל. און גאָט האָט מיר צוגעשיקט אייער טאָכטער רבקה. איך האָב געזעהען איהרע גוטע מעשים און בעשלאָסען אַז זי איז די פרוי וואָס גאָט האָט אויסדערוועהלט פאַר מיין האַר׳ס זוהן! און איצט אויב איהר ווילט טאָהן אַ געפעליגקייט פאַר אברהם׳ן, זאָגט מיר, און אויב ניט — זאָגט מיר אויך, און איך וועל זיך ווענדען צו לוט׳ן אָדער צו ישמעאל׳ן".

ווען אליעזר האָט געענדיגט ריידען האָט לבן ניט געוואַרט ביז דער פאָטער וועט געבען דעם ענטפער, נאָר זיך

גליך אבגערופען: „רבקה איז דיין, נעהם דיר זי און געה!"
אבער אליעזר האט זיך ניט צוגעהערט צו דעם חוצפה־דיגען יונג וואס רעדט פאר דעם פאטער, און ער האט גע־ווארט אויף בתואל'ס ענטפער.

און ווען בתואל האט געזאגט: „די זאך איז פון גאט, נעהם רבקה'ן און זאל זי ווערען די פרוי פון דיין האר'ס זוהן" — האט אליעזר געוואוסט אז זיין שליחות איז ערפילט, און ער האט זיך געבוקט צו גאט און איהם געלויבט פאר זיין חסד.

62

רבקה און יצחק

אליעזר האט ארויסגענומען זילבערנע און גאלדענע כלים און טייערע קליידער און געגעבען רבקה'ן. אויך איהר ברודער און מוטער האט ער געגעבען מתנות.

ווען זיי האבען געענדיגט עסען און טרינקען, האט בתואל פלוצים גענומען שרייען פון טיעפע שמערצען: „אוי, ס'איז מיר שלעכט! דאס איז מיין סוף, איך שטארב!"

דאס האט בתואל גענעסען פון דעם שיסעל מיט גיפט וואס ער האט געהאט אוועקגעשטעלט פאר אליעזר'ן — און ער איז קראנק געווארען און געשטארבען.

צומארגענס, ווען אליעזר איז ארויס אין דרויסען, האט דער מלאך איהם געזאגט:

„האלט מיך ניט אויף לענגער אויף דעם דאזיגען פלאץ און קעהר זיך אום שנעל מיט רבקה'ן אהיים צו דיין האר!"

אליעזר איז דאן געקומען אין הויז אריין און געלאזט וויסען, אז ער לאזט זיך אין וועג אריין אהיים. אבער לבן און זיין מוטער האבען געזאגט:

„זאָל נאָך רבקה בלייבען אין דער היים ביז די זיבען טרויער־טעג וועלען פאַראיבער, נאָכדעם וועלען מיר איהר געבען גאָלד און זילבער, זי וועט זיך לאָזען מאַכען ציערונג ביים גאָלדשמידט און זי וועט זיך אויפנעהען איהרע חתונה־קליידער, און ווען דאָס יאָהר וועט זיין פאַראיבער, וועסטו זי נעהמען און זי ברענגען צו דיין האַר׳ס זוהן!“

אָבער אליעזר האָט ווידערהאָלט זיין בקשה, זיי זאָלען איהם אַהיימשיקען, און איהם ניט אָפּהאַלטען נאָכדעם ווי גאָט האָט מצליח געווען זיין שליחות. זיי האָבען דאַן גערופען רבקה׳ן און זי געפרעגט:

„ווילסטו געהן מיט דעם דאָזיגען מאַן אין דעם הויז פון אברהם׳ן און ווערען זיין זוהן יצחק׳ס ווייב?“

רבקה האָט שוין געהאָט געהערט וועגען אברהם׳ן און יצחק׳ן פיעלע מאָל, און זי האָט געוואוסט, אַז זיי ווערען געלויבט און געבענשט פון אַלעמען, און זי האָט געענט־פערט:

„מיט׳ן גאַנצען הארצען בין איך גרייט צו געהן אין דעם הויז פון אברהם׳ן, דער געבענשטער פון גאָט און פון מענ־שען!“

ווען די מוטער האָט איהר איבערגעפרעגט, ווי אַזוי זי וועט אוועק, אַז איהר ציערונג איז נאָך ניט צוגעגרייט, האָט רבקה געענטפערט:

„אַזעלכע קליינינגקייטען דאַרפען מיך ניט אָבהאַלטען!“

זיי האָבען דאַן אַרויסבעגלייט רבקה׳ן און אליעזר׳ן און איהר געוואונשען: זיי גליקליך און זאָלען פון דיר אַרויס־קומען גרויסע, מעכטיגע דורות!“

רבקה און איהרע מיידלעך זיינען אַרויף אויף זייערע קעמלען און אוועק מיט אליעזר׳ן. דערנעהנטערענדיג זיך צו באר־שבע האָט רבקה דערזעהן ווי א שעהן־געקליידעטער מאַן שטעהט אין פעלד, זיינע הענט זיינען אויסגעשפּרייט

צום הימעל און א מלאך פון גאָט שטעהט און וואַכט איבער איהם. זי האָט געפרעגט אליעזר׳ן, ווער יענער מאַן איז, און ער האָט איהר געזאָגט. אין יענעם מאָמענט האָט אויף איהר גערוהט דער רוח־הקודש און זי האָט געוואוסט, אַז עס וועט קומען א טאָג ווען זי וועט געבוירען א שלעכטען זוהן פון יצחק׳ן. זי האָט זיך אַזוי דערשראָקען פון דעם געדאַנק, אַז זי איז אַרונטערגעפאַלען פון קעמעל...

ווען רבקה איז געקומען אין אברהם׳ס הויז אַריין, האָט אליעזר דערצעהלט יצחק׳ן וועגען אַלע וואונדער וואָס גאָט האָט איהם געטאָהן אויפ׳ן וועג און ווי ער האָט מצליח געווען אין זיין שליחות. אין דערזעלבער מינוט זיינען געעפענט געוואָרען די טיהרען פון שרה׳ס געצעלט און ליכטיגע וואָל־קענס זיינען אַרונטערגעקומען פון הימעל און האָבען אַרומ־גערינגעלט דאָס הויז. און יצחק האָט געבראַכט רבקה׳ן אין געצעלט אַריין און ער האָט געזעהן ווי דאָס ליכט ברענט און זיין זיסע שיין איז אויסגעגאָסען איבער׳ן גאַנצען הויז. ער האָט אין דעם געזעהן א סימן, אַז גאָט האָט איהם בע־שערט א גוטע, געבענשטע פרוי, און ער האָט דערין געפונען א טרייסט נאָך זיין מוטער...

63

דער געבורט פון יעקב און עשו

יצחק האָט געוואוינט מיט זיין פאָטער אברהם אין לאַנד כנען און גאָט האָט זיי ביידען געבענשט מים אַלעם גוטען. רבקה איז אבער פאר צוואַנציג יאָהר דורכאַנאַנד געווען אַן עקרה און איהר הארץ האָט געלעכצט נאָך א קינד. איינמאָל האָט זי געזאָגט צו יצחק׳ן:

„איך האָב געהערט אַז אויך דיין מאַמע שרה איז געווען אַן עקרה, אָבער דיין פאָטער אברהם האָט פאַר איהר גאָט

נעבעטען און זי איז שוואַנגער געוואָרען. שטעל־זשע זיך אוועק פאַר גאָט און זיי אויך מתפלל, און ער וועט הערען דיין געבעט און מיך בעשענקען מיט אַ קינד.״

האָט יצחק געפאָלגט רבקה׳ן און זיי זיינען ביידע אוועק אויפ׳ן בארג מוריה, אויף דעם פּלאַץ וואו יצחק איז געבראַכט געוואָרען אויף דער עקדה, און יצחק האָט דאָרט מתפלל געווען און געזאָגט:

„אַלמעכטיגער גאָט! דו האָסט געבראַכט מיין פאָטער אברהם אין דעם דאָזיגען לאַנד, און דו האָסט איהם צוגע־זאָגט, אַז דו וועסט מעהרען זיינע קינדער ווי די שטערן אין הימעל און ווי דאָס זאַמד ביים ברעג ים און דו וועסט זיי אוועקגעבען דאָס דאָזיגע לאַנד, און איצט, זאָל מקוים ווערען דיין צוזאָג, אָ גאָט!״

און אויך רבקה האָט מתפלל געווען און געזאָגט: „גיב מיר קינדער, וואָס זאָלען זיין אַ ברכה פאַר דער וועלט!״

גאָט האָט אָנגענומען זייער געבעט און רבקה איז שוואַנ־גער געוואָרען מיט אַ צווילינג. איינמאָל, ווען רבקה איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ הויז פון געצענבילדער האָט זי דערפיהלט אַ וועהטאָג אין איהר בויך; און ווען זי איז פאַר־בייגעגאַנגען פאַר אַ בית־המדרש האָט זי ווידער דערפילט אַ שרעקליכען וועהטאָג. דאָס האָט זי זעהר פערביטערט און זי איז אוועק צו איהרע שכנות און זיי געפרעגט:

„האָט איהר אויך געפיהלט אַ וועהטאָג ווען איהר פלעגט פאַרבייגעהן אַ בית־המדרש אָדער פאַר אַ הויז פון געצענ־דיענסט?״

און ווען די פרויען האָבען איהר געענטפערט, אַז מיט זיי האָט קיינמאָל אַזעלכעס ניט פּאַסירט, איז רבקה אוועק אין דעם בית־המדרש פון שם־ועבר און דאָרט האָט מען איהר ערקלעהרט די כונה פון גאָט.

„צוויי פערשידענע זיהן זיינען אין דיין בויך, און ווען

די צוויי קינדער וועלען געבוירען ווערען וועל'ן זיי זיך פונ־אנדערגעהן: איינער וועט זיך איבערגעבען צו די פערגע־ניגנס פון דער וועלט, און דער צווייטער וועט זיך ווידמען צו די ערהאבענקייטען פון יענער וועלט!"

און רבקה האט טאקי געבארען א צווילינג. האט מען דעם ערשטען א נאמען געגעבען עשו און דעם צווייטען — יעקב.

64

די וועגען פון יעקב און עשו

ווען די אינגלאך זיינען גרויס געווארען און די איינ־וואוינער פון דער שטאדט האבען געזעהען זייערע בענעה־מונגען, האבען זיי געזאגט: „דער ערשטער איז א שטע־כענדער דארן און דער צווייטער — א שעהנע פרעכטיגע בלום". ווארים עשו איז געווען א בייזער ביטערער מענש, געשיקט אין אבטאהן שפיצלעך, און ער האט זיך געלערענט שיסען און חיות פאנגען, בעת יעקב איז געווען אן ערנסטער מענש, א נאט־פארכטיגער און האט ליעב געהאט שלום און ווען די קינדער זיינען דרייצעהן יאהר אלט געווארען, און די עלטערען האבען זיי מעהר ניט געצוואונגען צו געהן לערנען, האט יעקב בעשלאסען אוועקצוגעהן אין בית־המדרש פון שם־ועבר און דארט פארטזעצען זיינע למודים און עשו האט זיך געפרעהט וואס מען האט פון איהם ארונטערגע־נומען דעם שווערען יאך פון לערנען און ער האט בעשלאסען צו פערברענגען זיין צייט אין פעלד מיט פאנגען חיות און כאפען פויגעל.

איינמאל האט עשו געהערט, אז עס זיינען געכאפט געווארען צוויי מענער, איינער א גנב און איינער א מער־

דער, אָבער מ׳קען זיי ניט משפּט׳ען, ווייל זיי ווילען זיך ניט מודה זיין. עשו האָט געבעטען דעם אויפזעהער פון תפיסה ער זאָל איהם צולאָזען צום גנב און ער וועט שוין פון איהם ארויסקריגען די וידוי. „האָסטו גע׳גנב׳עט?"—האָט עשו געפרעגט דעם אַרעסטאַנט. און ווען יענער האָט גע־ענטפערט אַז ניין, האָט איהם עשו אַזוי פערדרעהט מיט פערשידענע גוטע ריידעלעך ביז דער גנב האָט זיך ארויסגע־כאַפּט, אַז דער מאַן וואָס האָט זיך מיט איהם געטהיילט אין דער גנבה, איז אַנטלאָפען...

צו דעם מערדער איז עשו געקומען מיט אַן אַנדער המצאה. ער האָט איהם געפרעגט:

„זאָג מיר, איך בעט דיך, ווי קומט דאָס וואָס דער ער־מאָרדעטער האָט דיך געפּאַטשט?"

„ס׳אַליגען! — האָט דער אַרעסטאַנט געענטפערט מיט כעס—גלויבסטו, אַז אַזאַ מאַן ווי איך וואָלט זיך לאָזען פּאַטשען פון אַזאַ שוואַכלינג ווי עס איז געווען דער מאַן וועלכען איך האָב ערמאָרדעט?... פרעג די איינוואוינער פון מיין שטאָדט און זיי וועלען דיר זאָגען, אַז אַזאַ גבור ווי איך איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט!..."

פאַר די דאָזיגע שפּיצלעך עשו׳ס האָבען איהם די איינ־וואוינער פון שטאָדט גערופען „מויל־יעגער", ווייל ער האָט געפאַנגען מענשען מיט זיינע מויל־דרעהדלאַך.

עשו האָט געוואוסט אַז זיין פאָטער יצחק איז אַ הייליגער מענש און אַז וועמען ער בענשט איז געבענשט. האָט ער זיך בעמיהט צו געפינען חן אין זיינע אויגען און ער האָט איהם געבראַכט דעם בעסטען ווין און דאָס בעסטע פליש. און ווען ער פלעגט קומען בעדיענען זיין פאָטער האָט ער אָנגעטאָהן זיינע שעהנסטע קליידער מיט דער כונה, אַז יצחק זאָל זעהן דעם כבוד וואָס עשו גיט איהם און זאָל איהם דערפאַר בענשען. און ווען ער האָט געזעהן אַז יצחק קוקט זיך

אויף דעם ניט אום, האָט ער געזוכט פאַר איהם זיך צו צייגען אַלס אַ מאַן וואָס גיט אַ סך צדקה און טראַכט שטענדיג ווי גאָט צו דיענען... איינמאָל ווען ער איז געקומען צו יצחק׳ן איהם בעדיענען, האָט דער פאָטער איהם געפרעגט:

„וואו ביזטו געוועזן מיין זוהן?“

„כ׳בין געוועזן לערנען תורה!“ האָט עשו געענטפערט.

האָט יצחק זיך געפרעהט און געזאָגט: „גוט טוסטו, מיין זוהן!“ און עשו האָט פאַרגעזעצט זיינע ליגענס און האָט דערצעהלט:

„און איך גיב אויך אוועק צו אַרימע לייט אַ צעהנטעל פון אַלץ וואָס גאָט בעשערט מיר, און דערפאַר וויל איך דיך טאַקע פרעגען, טאַטע: זאָג מיר, ווי אַזוי נעהמט מען מעשר פון זאַלץ און פון שטרוי?“

מיט אַזעלכע פראַגען האָט עשו זעהר אויסגענומען ביי יצחק׳ן און איהם געמאַכט דענקען אַז ער איז כסדר עוסק אין גוטסקייט און פרומקייט.

און ווען גאָט האָט געזעהן, אַז יצחק איז גענייגט צו בענשען עשו׳ן, האָט ער געזאָגט: זאָלען יצחק׳ס אויגען פאַר־דונקעלט ווערען, אַזוי אַז ער זאָל ניט קענען גוט זעהן, און דער גוטער יעקב זאָל אוועקנעהמען עשו׳ס ברכה...

65

נמרוד, עשו און דער טאָפּ ליגזען

איינמאָל, ווען עשו איז אוועק אין פעלד שיסען חיות, האָט ער דאָרט געטראָפען נמרוד׳ן און זיינע גבורים. זע־הענדיג ווי פיעלע חיות און עופות פערזאַמלען זיך אַרום נמרוד׳ן, ווייל זיינע קליידער אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעמאָהלט אַלערליי חיות און עופות האָבען זיי צו־געצויגען, האָט איהם עשו מקנא געווען, און ער האָט געוואָלט

האבען די קליידער. און ווען נמרוד׳ס גבורים זיינען אוועק אין וואלד אריין און ער איז געבליבען בלויז מיט צוויי מענער, האט זיך עשו צו איהם צוגע׳גנב׳עט הינטערווייל׳עכטס און איהם אפגעשניטען דעם קאפ מיט זיין שווערד. ווען די צוויי מענער זיינען צו איהם צוגעלאפען און זיך גענומען מיט איהם ראנגלען, האט עשו זיי איבערמעכטיגט און זיי אויך ערמארדעט.

עשו האט דאן צוגענומען נמרוד׳ס קליידער און זיך געלאזען אוועקגעהן. ווען נמרוד׳ס גבורים האבען דערהערט דאס געשריי זיינען זיי געקומען צו לויפען אויסגעפינען וואס עס האט געטראפען. עשו האט פאר זיי מורא געקראגען און ער איז אנטלאפען אהיים און האט בעהאלטען די קליידער.

די דאזיגע מלחמה מיט נמרוד׳ן און מיט זיינע צוויי מענ־שען האט עשו׳ן זעהר פערמאטערט און אבגעשוואכט און איהם האט זיך געדאכט אז ער געהט שטארבען. ווען ער האט זיך גענומען פיהלען זעהר שלעכט איז ער אוועק צו יעקב׳ן, געפינענדיג יעקב׳ן א וויינענדיגען האט ער זיך זעהר געוואונדערט און געפרעגט:

„פאר וואס וויינסטו, און ווי קומט דאס וואס דו האסט היינט אנגעקאכט אזעלכע לינזען וואס עס עסען נור ארימע לייט?“

יעקב האט שווער אפגעזיפצט און געענטפערט:

„אה, ברודער טייערער! האסטו ניט געהערט אז גאט האט פון אונז צוגענומען אונזער זיידען, אברהם׳ן וועלכער איז פאר אונז געוועזן א כבוד און א שטאלץ?“

ווען עשו האט דאס געהערט, האט ער אויסגעשריען צו יעקב׳ן:

„אויב דער דאזיגער זקן איז אויך געשטארבען ווי אלע מענשען, ווי זשע קען איך גלויבען אין גאט און אין דעם לויז וואס ער גיט צו די וואס געהען אין זיינע וועגען און

טהון נאַר גוטעס?! ווייזט אויס, אז עס איז טאַקע קיין אונטערשיעד ניטאָ צווישען דעם צדיק און דעם רשע, און איינער ווי דער צווייטער מוז שטאַרבען און געהן אין קבר אריין!...״

עשו האָט זיך דאַן געווענדעט צו יעקב׳ן און געזאָגט:

„ווי דו זעהסט בין איך מיעד און מאַט און האָב קיין כח ניט אַליין זיך צו נעהמען עסען, דעריבער בעט איך דיך, טו מיר א געפעליגקייט און פיל מיך אָן מיט די לינזען וואָס דו האָסט דאָ!״

„אויב דו וועסט מיר פערקויפען דיין בכורה (געבורט־רעכט) וועל איך טהון וואָס דו פערלאַנגסט״ — האָט יעקב געזאָגט.

„סיי־ווי־סיי געה איך שטאַרבען — האָט עשו געזאָגט — וואָס־זשע דאַרף איך די בכורה?״

יעקב האָט פון איהם אָ שבועה געפאָדערט, און עשו האָט איהם געשוואָרען, אז ער פערקויפט איהם די בכורה. עשו האָט דאַן ברייט זיין מויל אויפגעעפענט, און יעקב האָט אהין אריינגעשאָטען דעם טאָפּ לינזען.

ווען עשו האָט זיך געהאט אָנגעגעסען מיט די לינזען און צוריקגעקראָגען זיין כח, האָט ער זיך צולאַכט און געזאָגט:

„אוי, דו נאַר איינער! האָסט היינט ביי מיר אָבגעקויפט א זאַך וואָס איז ניט ווערטה א פרוטה!...״

יעקב האָט איהם דערויף גאַרניט געענטפערט, ווייל ער איז שוין געוואוינט געווען צו הערען בעליידיגונגען פון עשו׳ן און שווייגען. און ווען עשו איז געווען פאַרטיג אָבשפּאָטענדיג פון יעקב׳ן, איז ער ארויס אין דרויסען און אריינגערופען זיינע פוסטע, נאַרישע חברים, און אויך זיי דערצעהלט ווע־גען זיין „געשעפט״ מיט דער בכורה. אַלע צוזאַמען האָבען זיי אָבגעשפּאָט פון יעקב׳ן און חוזק געמאַכט פון דער מציאה וואָס ער האָט אויסגעהאנדעלט ביי עשו׳ן...

66

עשו און דער שטן

עס איז געווען אין דער נאכט פון פסח. יצחק האט צוגערופען צו זיך עשו'ן און געזאגט:

„הער זיך גוט איין, מיין זוהן, וואס איך וועל דיר זא־גען. די היינטיגע נאכט ווערען געעפענט די אוצרות פון טהוי, און די מלאכים זינגען צו גאט און בעטען צו איהם ער זאל געבען טהוי און רעגען אויף דער ערד. גאט הערט זייער געבעט, ווייל דאס איז די נאכט ווען די תפלות ווערען אנגענומען און בעוויליגט. דעריבער געה, מיין זוהן, אין פעלד אריין, פאנג דארט עפעס, און מאך מיך שפייזען, כדי איך זאל דיך, מיין זוהן, בענשען אין דער דאזיגער גוטער שעה!"

„איך געה!" — האט עשו געזאגט. אבער איידער ער איז אוועק האט יצחק איהם געווארענט: „נעהם דיין שווערד און בויגען און פאנג עפעס, אבער אבגעהיט זאלסטו ווערען פון ברענגען מיר אזעלכעס וואס איז גע׳גנב׳עט אדער גע־גזלט!"

אבער אזוי באלד ווי עשו איז אוועק פון יצחק׳ן, האט ער זיך געטראכט: „נו, דאס וועלען מיר שוין זעהן. אויב איך וועל ניט בעוויזען עפעס צו פאנגען, וועל איך אוועקגעהן ערגעץ און גנב׳ענען א לעמעלע אדער א ציג און דערפון מאכען שפייז פאר מיין פאטער..."

ווען עשו איז געקומען אין פעלד אריין האט גאט אויף איהם אנגעשיקט דעם שטן צו צושטערען זיין ארבייט און איהם אבצוהאלטען אין פעלד. ווען עשו האט געפאנגען א הירש, איז געקומען דער שטן און האט צוריסען די שטריק און דער הירש איז אנטלאפען. ווען עשו האט געבראכט דעם צווייטען הירש און ער האט געזעהן אז דער ערשטער איז

ניטא, האט ער זיך זעהר געוואונדערט און זיך אליין איינ־גערעדט, אז ער האט איהם אודאי ניט גענוג געבונדען. ער האט דאן דעם צווייטען הירש שוין פעסטער געבונדען און איז אוועק פאנגען א דריטען, אבער אזוי באלד ווי ער איז נור אבגעטראטען פון דעם פלאץ, איז געקומען דער שטן און האט ארונטערגענומען די שטריק פון דעם הירש און איהם פרייגעלאזען. און ווען עשו האט זיך אומגעקעהרט מיט דעם דריטען הירש און געזעהן, אז דער געבונדענער הירש איז ניטא, האט ער אין פערצווייפלונג געקלאפט מיט די הענד און געשריען: וואס איז דא געשעהן מיט מיר! זעה איך ניט מעהר — און איז מעגליך אז מיינע שטריק זיינען אזוי שוואך, אז די הירשען האבען זיי געקענט אזוי לייכט צו־רייסען?... און ער האט גענומען נייע שטריק און געבונדען דעם הירש, איהם אנגעהאנגען אויף א בוים ביי די פיס און געזאגט: „דער דאזיגער הירש וועט זיך שוין פון מיינע הענט ניט ראטעווען!"

עשו איז דאן אוועק כאפען פייגעלעך. און ווידער איז געקומען דער שטן און צוריסען די שטריק פון דעם דריטען הירש און איהם געלאזט אוועקלויפען אין וואלד אריין. דער־נאך האט דער שטן אנגעמאכט א שטורם צווישען די פויגעל, זיי איבערגעשראקען און זיי זיינען זיך פונאנדערגעפלויגען, אזוי אז עשו האט ניט בעוויזען צו כאפען מעהר ווי איין פייגעלע, און ער האט זיך געלאזט געהן צוריק צום הירש וואס ער האט צוגעבונדען צום בוים — איהם ברענגען אין שטאדט אריין און מאכען מאכלים פאר זיין פאטער...

67

רבקה און יעקב

רבקה האָט דאָן געגומען נאָכדענקען: „עשו פערדיענט ניט די ברכה וואָס יצחק וועט איהם געבען. ער האָט יצחק׳ן אָבגענאַרט צייגענדיג זיך פאַר איהם אַלס גוטער און פרו־מער, און מ׳דאַרף זעהן עפּעס צו טאָהן, אַז זיין אָבנאַרעריי זאָל איהם ניט געלינגען!...“

„געה, מיין זוהן, און ברענג מיר פון מיין סטאַדע צוויי יונגע ציגען, וועל איך פון זיי מאַכען מאכלים פאַר דיין פאָטער, דו וועסט זיי איהם ברענגען און ער וועט בענשען דיך אָנשטאָט דיין ברודער עשו“.

יעקב האָט זיך זעהר דערשראָקען פאַר זיין מוטער׳ס רייד און ער האָט גענומען זי בעטען, אַז זי זאָל איהם אַזאַ זאַך ניט הייסען טאָהן. אָבער רבקה האָט איהם בעפעהלען מיט׳ן שטרענגען וואָרט: טהו ווי איך הייס דיר, און זיי ניט אונגעהאָרכזאַם!“

יעקב איז אוועק צו דער סטאַדע און געטאָהן אַלץ ווי די מאַמע האָט איהם געהייסען, און דעם גאַנצען וועג צוריק אַהיים האָט ער געוויינט...

„וואָס וויינסטו, מיין זוהן? וואָס ביזטו אַזוי געפאַלען ביי זיך?“ — האָט איהם רבקה געפרעגט.

„עס שמערצט מיך זעהר — האָט יעקב געענטפערט — צו טהון די זאַך וואָס דו הייסט מיך, דערפאַר בין איך טרוי־עריג און איך וויין“.

„זאָל עס דיך ניט אַרגען — האָט רבקה איהם אויסגע־רעדט — איך וויים גאַנץ גוט אַז גאָט האָט דיך ליעב און דאָס וועט דיר פאַר קיין זינד ניט בעטראַכט ווערען“.

אָבער יעקב האָט נאָך אַלץ געוויינט און געטהאָן וואָס רבקה האָט איהם געהייסען מיט אַ שווער געמיטה. רבקה

האָט די פּעלעכלעך פון די ציגען צוזאַמענגענייהט און עס אנגעטאָהן יעקב'ן אויף די הענט, איהם אָנגעטאָהן עשו'ס שעהנע קליידער און איהם גענעבען די מאכלים וואָס זי האָט צוגעגרייט.

ווען יעקב איז געקומען צו יצחק'ן איז דאָס גאַנצע הויז פול געוואָרען מיט אַ ריח פון גן־עדן. יצחק האָט געהאַט גרויס פערגעניגען.

„ווער ביזטו, מיין זוהן? וואָס האָסטו מיר געבראַכט?"

יעקב האָט געזאָגט:

„נעהם, ליעבער פּאָטער, און עס די מאכלים וואָס איך האָב דיר געבראַכט!"

„ווי אזוי האָסטו אזוי שנעל געקראָגען די שפּייזען?" — האָט יצחק זיך געוואונדערט.

„גאָט האָט מיר צוגעשיקט" — האָט יעקב געענטפערט.

יצחק האָט ניט געקענט פערשטעהן: „וואָס איז דאָס? זאָל דאָס זיין עשו? ער דערמאָנט דאָך קיינמאָל ניט גאָט'ס נאָמען!"

„קום אהער, מיין זוהן — האָט יצחק געזאָגט — איך וועל אנטאַפּען דיינע קליידער!"

ווען יעקב האָט דאָס געהערט האָט איהם דאָס הארץ גענומען קלאַפּען און די פיס ציטערען. און גאָט האָט איהם צוגעשיקט צוויי מלאכים און זיי האָבען איהם אונטערגע־האַלטען פון ביידע זייטען ער זאָל ניט פאַלען, און איהם צוגעפיהרט צו יצחק'ן. ער האָט געפּיהלט זיינע הענט און קליידער און געזאָגט:

„דאָס קול איז דאָס קול פון יעקב'ן, אָבער די הענט זיינען עשו'ס!..."

יצחק האָט געגעסען די שפּייזען און פון זיי אַ הנאה געהאַט. ער האָט געזאָגט: „דער ריח פון מיין זוהן איז

ווי דער ריח פון פעלד וואס גאט האט געבענשט און וואס קוויקט דאס הארץ און די נשמה!" יצחק האט ארויפגע־לענט די הענט אויף יעקב'ס קאפ און איהם געבענשט.

68

עשו'ס געוויין און יעקב'ס רחמנות

ווען עשו איז געקומען צו דעם בוים, אויף וועלבען ער האט געהאט אנגעבונדען דעם דריטען הירש און געזעהן אז ער איז ניטא, האט ער אויסגעשריען פערצווייפעלט:

„וועה איז מיר! איך וועל דאך אהיימקומען צום טא־טען מיט ליידיגע הענט!" ער איז אוועק און געכאפט נאך א פייגעלע און עס געבראכט צו יצחק'ן אין דערזועלבער מי־נוט וואס יעקב איז פון איהם אוועק מיט דער ברכה. עשו איז אריינגעקומען צו יצחק'ן מיט א שטורעם אז די ווענט האבען זיך געטרייסעלט, און אויסגעשריען:

„שטעה אויף, טאטע!"

אין יענער מינוט האט יצחק פאר זיך דערזעהן א שרעק־ליך בילד: א גרויס פייער, ווי דאס פייער פון גיהנם, פלא־קערט פאר איהם, און זיין זוהן עשו שטעהט דערביי און לענט צו פייער און פיעל האלץ צו פערגרעסערען די פלאמען... יצחק האט זיך זעהר דערשראקען און געפרעגט:

„ווער ביזטו?"

„איך בין דיין עלטסטער זוהן עשו" — האט עשו גע־ענטפערט.

„ווער־זשע איז געווען דער, וואס האט מיר נאר־וואס געבראכט אזעלכע גוטע שפייזען און איך האב איהם גע־בענשט?" — האט יצחק געפרעגט, און גלייך צוגעגעבען: — „אך, זאל ער שוין זיין געבענשט!"

„זאג מיר, טאטע, ווער איז דאס געווען?“ — האט עשו געפרעגט.

„איך ווייס ניט! — האט יצחק געזאגט — נאר וויסען זאלסטו, מיין זוהן, אז אזעלכע מאכלים האב איך נאך ווי לאנג איך לעב ניט געגעסען!“

ווען עשו האט דאס געהערט האט ער זיך יאמערליך צעוויינט און געשריען מיט רציחה:

„נאר יעקב האט דאס געטאהן! איינמאל האט ער מיך שוין אבגענארט מיט'ן טאפ לינזען, און איצט האט ער דיך אויך אבגענארט מיט מאכלים!“

„זאג מיר נאר — האט יצחק געפרעגט — וואס האט ער ביי דיר גענומען פאר די לינזען?“

„מיין בכורה האט ער גענומען!“ האט עשו געשריען.

ווען יצחק האט דאס געהערט האט ער זיך בערוהיגט און געטראכט: איצט זעה איך, אז מיין ברכה איז צוגעפאסט צו יעקב'ן — זאל ער זיין געבענשט איצט און אייביג!

עשו האט געשאלטען יעקב'ן און איהם געזידעלט, עטליכע מאל אויסגעשפיגען און ווידער זיך ביטער צעוויינט — עשו'ס געוויין האט געווירקט אויף יצחק'ן און ער האט אויף איהם רחמנות געקראגען און געוואלט אויך איהם געבען א ברכה. אבער גאט האט געזאגט צו יצחק'ן:

„ניט בענש איהם, ווארים וואס גרעסער עס וועט זיין זיין רייכטום אלץ מעהר וועט ער שלעכטס טהון, וואס מעהר תענוגים ער וועט האבען אלץ מעהר געמיינעס וועט ער אפטהון!“

יצחק האט דאן געבעטען צו גאט רחמנות צו האבען אויף עשו'ן.

„ער איז א רשע!“ — האט גאט געזאגט.

„ער האט מיך תמיד בכבוד געהאלטען, מיך בעדיענט און צו מיר גוט געווען“ — האט יצחק גע'טענה'ט.

„דערפאר — — גאָט נאָט געזאָגט — וועט ער מצליח זיין אין זיינע מלחמות מיט די קינדער פון יעקב׳ן, און ער וועט הויבן זיין האנד אויף גאָט׳ס בית־המקדש עס צו פער־ניכטען!“

„האלט־איין דיין צאָרן, א גאָט, און לאָז מיך ריידען נאָר דאָס איינע מאָל — האָט יצחק געבעטען — שענק עשו׳ן א סך תענוגים אויף דער וועלט און זאָל ער ניט זעהן דיין ערהאבענקייט אויף יענער וועלט!“

און גאָט האָט געזאָגט:

„דערפאר וואָס עשו האָט געוויינט אויס ליעבע צו זיין פאָטער׳ס ברכה, וואָס איז אין זיינע אויגען אזוי טייער, וועל איך איהם דעריבער געבען פאר א נחלה דעם בארג שעיר, און זיין גליק זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען!...“

עשו האָט זיך נאָך אלץ געבעטען: „בענש מיך אויך, טאַטע!“

און יצחק האָט געזאָגט:

„אין א נויט און געבענשט לאַנד זאָלסטו זיצען און עס זאָל דיר גאָר ניט פעהלען. און אז מיין זוהן יעקב וועט טאָהן גאָט׳ס געבאָט און געהן אין די וועגען פון זיין תורה זאָלסטו איהם דיענען — און אויב ניט זאָלסטו איהם פערשקלאַפען...“

69

אַ שרעקליכער פּלאַן

עשו׳ס שנאה צו יעקב׳ן איז געוואָרען אלץ טיעפער מיט יעדען טאָג און זיין מח האָט געטראַכט אזוי:

„אויב איך וועל דער־הרג׳ענען יעקב׳ן, וועט מען מיך דערפאר משפּט׳ן און איך וועל האָבען א ביטערען סוף. וועל איך בעסער געהן צו מיין פעטער ישמעאל און מיר נעהמען זיין טאָכטער פאר א ווייב, און איך וועל איהם איינריידען

ער זאָל זיך קריגען מיט יעקב׳ן צוליעב מיין בכורה, און איך וועל איהם אנרייצען אויף יעקב׳ן, ער זאָל איהם דער־הרג׳ענען. דאן וועל איך זיך בייזערען אויף ישמעאל׳ן און איהם זאָגען: פאַר וואָס האָסטו פערגאָסען מיין ברודער׳ס בלוט? ווייס־זשע, אז איך בין זיין בלוט־ערלייזער און איך וועל זיך אָן דיר נוקם זיין... און דאן וועל איך איהם בע־פאַלען און איהם ערמאָרדען, און אזוי אַרום וועל איך ירש׳ענעןביידען אין איין טאָג!..."

נאָט האָט געוואוסט עשו׳ס פּלענער און ער האָט זיי צושטערט. גאָט האָט געלאָזט וויסען רבקה׳ן, אַז עשו פּלאַנט צו טויטען יעקב׳ן און אַז ער האָט שוין אויף דעם חשבון געהוליעט מיט זיינע אויסגעלאַסענע חברים און זיי געלאָזט וויסען ביי א גלאַז וויין, אַז דאָס איז א כוס פון נקמה אַז זיין ברודער יעקב, וועמען ער בעטראַכט שוין פאַר טויט און בעגראָבען! .

רבקה האָט גערופען יעקב׳ן און צו איהם געזאָגט:

„דיין ברודער עשו פּלאַנעוועט דיר שלעכטס צו טאָהן; דערפאַר, מיין זוהן, פאָלג מיר און אנטלויף נאָך חרן צו מיין ברודער לבן און בלייב דאָרט ביז עשו וועט זיך פערגעסען אָן דעם וואָס דו האָסט איהם געטאָהן; דאן וועל איך שיקען נאָך דיר און דיך צוריקברענגען פון דאָרט. אויב דו טוסט דאָס ניט, זאָגט מיר מיין הארץ, קען מיט אייך ביידען אַן אונגליק טרעפען."

70

לבן און יעקב

יעקב איז אָנגעקומען אין חרן, הינטער דער שטאָדט, אויפ׳ן פעלד, האָט ער דערזעהן א ברונען און דערנעבען דריי סטאַדעס שעפּסען און אויף דעם ברונען ליגט א זעהר גרוי־

סער שטיין, וואס ניט וועניגער פון פערציג מענשען וואלטען איהם קענען פון ארט ריהרען. יעקב איז צוגעגאנגען צו די פאסטוכער און זיי געפרעגט:

„ברידער, פון וואנען זיינט איהר?"

„פון חרן" — האבען זיי געענטפערט.

„קענט איהר לבנ'ען, דעם זוהן פון בתואל?" — האט ער געפרעגט.

„מיר קענען איהם", איז געווען דער ענטפער.

און יעקב האט זיך אויסגעפרעגט אויף לבנ'ען און זיין הויזגעזונט און וועגען אלץ וואס עס האט מיט איהם גע־טראפען. די פאסטוכער האבען דערצעהלט:

„א מגפה האט היינט אויסגעבראכען צווישען לבנ'ס שאף און עס איז פון זיי וועניג־וואס געבליבען, האט לבן איבערגעגעבען די שאף צו זיין טאכטער רחל זיי צו פא־שען — און אט באלד וועט זי קומען און דו וועסט זי קענען אויספרעגען וועגען אלץ וואס דו ווילסט".

זעהענדיג ווי פריינדליך די מענשען זיינען, האט יעקב זיי געפרעגט:

„מיינע ברידער, פאר וואס האט איהר היינט צונויפ־געזאמעלט די שאף ארום דעם ברונען? ווילט איהר זיי דען שוין אהיימטרייבען? זייט איהר געדונגען אויפ'ן טאג — איז דאך נאך די זון ניט אונטערגעגאנגען און דער טאג איז נאך ניט פאראיבער; זיינען ווידער די שאף אייערע, פאר וואס זשע זאלט איהר זיי ניט לאזען אביסעל ארומ־לויפען אויפ'ן גראז? האט רחמנות אויף אייערע שאף, מיינע ברידער, און פאשעט זיי אין פעלד ביז די זוהן געהט אונטער".

„מיר קענען דאס ניט טאהן — האבען די פאסטוכער געענטפערט, „ביז אלע פאסטוכער און זייערע סטאדעס וועלען זיך צונויפקומען און מען וועט אראפקייקלען דעם גרויסען

שטיין פון דער ברונעם און אנטרינקען די שאף; ערשט דאן קענען מיר אנפאנגען זיי פאשען."

אין מיטען זייער ריידען איז רחל אנגעקומען מיט איהר פאטער'ס שאף. ווען יעקב האט געזעהן רחל'ן, איז ער צו־געגאנגען צו דעם ברונען און פון דארט ארונטערגענומען דעם שטיין ווי איינער נעהמט ארויס א קארק פון א פלאש. די פאסטוכער האבען זיך זעהר געוואונדערט, ווען זיי האבען געזעהן ווי לייכט יעקב האט דאס געטאהן.

יעקב האט דאן אנגעטרונקען לבנ'ס שאף און ער האט געקושט רחל'ן און געוויינט... ער האט איהר געזאגט ווער ער איז, און זי איז אוועקגעלאפען צום פאטער און האט איהם דערצעהלט. ווען לבן האט דאס געהערט האט ער זיך געטראכט: אז אליעזר האט מיט זיך געבראכט גאלד און זילבער און טייערע שטיינער, האט דאך יעקב, רבקה'ס און יצחק'ס געליעבטער זוהן, אודאי און אודאי געמוזט ברענגען מיט זיך אן עשירות!... און לבן איז איהם אנטקעגען גע־לאפען. זעהענדיג אז יעקב האט ניט קיין קעמלען און קיין קנעכט, האט ער זיך געטראכט: ער מוז האבען בעהאלטען די גאלד און זילבער אין די טאשען פון זיינע קליידער — איך וועל איהם קושען און אין דערזעלבער צייט אנטאפען זיינע קליידער... לבן האט יעקב'ן געהאלזט און געטאפט זיינע קליידער, און געזעהן אז דארט איז גאר ניטא... האט ער זיך געטראכט: אפשר האט ער מיט זיך געבראכט טייערע פערל און ער האלט זיי אונטער דער צונג... כ'וועל איהם קושען און זעהן וואס ער האט אין מויל. און ווען לבן האט יעקב'ן געקושט און געזעהן אז אויך דארט איז גאר ניט פאראן, האט דאס איהם זעהר פערדראסען... און ער האט געזאגט צו יעקב'ן:

„ווי א ביין וואס מ'האט פון איהם דאס פלייש ארונ־

טערגענומען, ביזטו אין מיינע אויגען... געדענקט האָב איך דיך זעהר צו בעעהרען, און איצט — פערבלייב אין מיין הויז עטליכע טעג!..."

71

יעקב׳ס אָבמאַך מיט לבן

ניט מיט ליידיגע הענט איז יעקב געזעסען אין דעם הויז פון זיין פעטער לבן. ער האָט געטאָהן די גאנצע ארבייט אין הויז און אין פעלד. „איך וועל ניט עסען, האָט ער געזאָגט, לבנ׳ס ברויט אומזיסט!"

ווען לבן האָט געזעהן יעקב׳ס שווערע אַרבייט, האָט ער געזאָגט:

„און אַז דו ביזט שוין מיין קרוב, דאַרפסטו פאַר מיר אַרבייטען אומזיסט? — זאָג מיר, וואָס איז דיין לוין?"

„איך וועל ביי דיר אַרבייטען זיבען יאָהר פאַר רחל׳ן, ווייל זי איז מיר געפעלען!" — האָט יעקב געזאָגט.

„עס איז מיר ליעבער זי צו געבען דיר איידער צו אַן אַנדער מאַן" — האָט לבן איינגעשטימט.

איינמאָל האָט יעקב געפרעגט ביי זיינע בעקאַנטע: פאַר וואָס זיינען לאה׳ס אויגען אַזוי טריעב? און די בעקאַנטע האָבען איהם געענטפערט:

„אימיצער האָט געזאָגט לאה׳ן, אַז זי וועט אָוועקגעגעבען ווערען צו עשו דעם רשע פאַר אַ ווייב, האָט זי אַ לאַנגע צייט געוויינט און גאָט געבעטען ער זאָל זי ניט איבערגעבען אין עשו׳ס הענט. פון איהרע אויגען האָבען זיך טאָג און נאַכט טרעהרען געגאָסען, און פון דעם זיינען זיי קראַנק געוואָרען!"

דעם טאָג ווען יעקב האָט אָנגעפאַנגען אַרבייטען ביי לבנ׳ען פאַר זיין טאָכטער רחל, איז ער געקומען צו לבנ׳ען און איהם געזאָגט:

„איך האָב אויסגעפונען, אַז די מענשען פון דעמדאָזיגען אָרט זיינען זעהר פאַלש, און זיינען אונעהרליך איינער צום צווייטען. דערפאַר האָב איך בעשלאָסען, איך זאָל דיך פרעגען נאָך אַמאָל: וואָס ווילסטו מיר געבען פאַר מיין אַרבייט ביי דיר זיבען יאָהר?"

„איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט" — האָט לבן געענטפערט — „רחל'ן וועל איך דיר געבען פאַר דיין אַרבייט".

„עס זיינען פאַראַן אַ סך מיידלעך אין דער דאָזיגער שטאָדט וואָס הייסען רחל!" — האָט יעקב געזאָגט.

„מ י י ן ט אָ כ ט ע ר רחל וועל איך דיר געבען" — האָט לבן פערזיכערט.

אָבער יעקב האָט זיך מיט דעם ניט בעגנוגענט און געזאָגט:

„דו קענסט דאָך ענדערען זייער נאָמען און רופען לאה'ן רחל און רחל'ען לאה!"

און לבן האָט געענטפערט:

„רחל, בתי הקטנה — רחל, מיין קליינע טאָכטער, וועל איך דיר געבען פאַר דיין אַרבייט".

72

לבן נאַרט אָב יעקב'ן

יעקב האָט געדיענט ביי לבנ'ען זיעבען יאָהר און געטאָהן זיין אַרבייט מיט'ן גאַנצען האַרץ און נשמה. ער האָט געפאַשעט די שאָף און זיי אָפּגעהיט ביי טאָג און ביי נאַכט. די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען דאָס צוגעזעהן און זיך געוואונדערט, וואָס אַזאַ מענש ווי יעקב זאָל זיך איבערגעבען צו לבנ'ען אַלס אַ שקלאַף און אַזוי שווער אַרבייטען.

ווען די זיבען יאָהר זיינען אַוועק און עס איז געקומען

דער טאג ווען רחל האט געזאלט געגעבען ווערען יעקב׳ן פאר א ווייב, האט לבן צוזאמענגערופען אלע איינוואוינער פון שטאדט און זיי געזאגט:

„איהר ווייסט אז גאט האט אונז אלע געבענשט מיט אלעם גוטען פון דעם טאג וואס יעקב, מיין שוועסטער׳ס זוהן, איז צו אונז געקומען. ער האט געשיקט א ברכה אינ׳ם וואסער פון ברונען און עס איז דא גענוג פאר אונז און אונזערע בהמות. און איצט האבען זיך געענדיגט די זיבען יאהר וואס ער האט ביי מיר געדיענט פאר מיין טאכטער רחל, און ווען איך וועל זי איהם איצט אוועקגעבען וועט ער זי נעהמען און זיך אומקעהרען אין זיין געבורטה־לאנד — און צו אונז וועלען זיך אומקעהרען די שלעכטען טעג און מיר וועלען זיין ארים ווי מיר זיינען געווען!“

„וואס־זשע איז דיין עצה — האבען די מענשען געפרעגט פערטרויערט — וואס קען מען טאהן עס זאל אונז אויך גוט זיין?“

„אויב איהר ווילט אז יעקב זאל מיט אונז בלייבען וואוינען — האט לבן געזאגט — האב איך א פלאן: איך וועל איהם אבנארען און וועל איהם אוועקגעבען לאה׳ן אנשטאט רחל׳ען, און ער וועט דעריבער ביי מיר דארפען דיענען נאך זיבען יאהר!“

די מענשען האבען זיך זעהר דערפרעהט מיט לבנ׳ס עצה און זיי האבען געזאגט: „זעהר גוט! טו ווי דו זאגסט!“

„אויב איהר מיינט עס טאקע ערנסט“ — האט לבן פארטגעזעצט — „זאל מיר יעדער איינער פון אייך געבען א משכון, א גאלדענע אדער זילבערנע כלי, אום איך זאל זיין זיכער, אז איהר וועט מיין סוד ניט אויסזאגען יעקב׳ן און איך וועל ניט פערשעהמט און בעליידיגט ווערען“.

די מענשען האבען איינגעשטימט צו געבען משכנות. זיי זיינען שנעל געלאפען אהיים און געבראכט צו לבנ׳ען

אלערליי גאָלדענע און זילבערנע כּלים, און זיינען צו־פרידענע אוועק.

לבן האָט גענומען די טייערע זאַכען און האָט פאַר זיי געקויפט וויין און אויל און פלייש און געמאַכט אַ גרויסע סעודה. די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען דערפון ניט געוואוסט און זיי זיינען געקומען צו לבנ׳ען עסען און טרינ־קען און זיך משמח זיין.

ביי נאַכט האָט לבן גענומען לאה׳ן און זי געבראַכט אין יעקב׳ס צימער אריין. אין דערזעלבער צייט איז יעקב גע־זעסען ביים טיש מיט די פרעהליכע געסט. און ער האָט זיי געבענשט פאַר דער פריינדליכקייט, וואָס זיי זיינען גע־קומען זיך פרעהען אויף זיין שמחה. זיי האָבען איהם בע־דאַנקט און איהם געלויבט אַלס געטליכער מענש, וואָס האָט אריינגעבראַכט אַ ברכה אין דער געמיינדע.

און ווען די געסט האָבען זיך גוט אָנגעטרונקען מיט וויין האָבען זיי גענומען זינגען און שרייען: „האַליאַ!“ „האַליאַ!“ (דאָס איז לאה! דאָס איז לאה!) ביז זיי זיינען הייזעריג געוואָרען. און זיי האָבען ניט פערשטאַנען, די פאַלשע, אַז יעקב אין זיין עהרליכקייט, האָט גאָר ניט פער־דעכטיגט און האָט זיך וועגען גאָר ניט געזאָרגט.

ווען עס איז געקומען אין דער פריה און יעקב האָט גע־זעהן, אַז עס איז לאה, האָט ער געזאָגט צו לבנ׳ען: „פאַר וואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט?“

„עס פיהרט זיך ניט אַזוי אין אונזער אָרט — האָט לבן געענטפערט — אויסצוגעבען די יונגע טאָכטער פאַר דער על־טערער... און אויב דו וועסט ביי מיר אַבדיענען נאָך זיבען יאָהר, וועל איך דיר צום סוף געבען אויך רחל׳ן.“

באַלד זיינען אָנגעקומען די איינוואוינער פון שטאָדט צו לבנ׳ען און געפאָדערט: „גיב אונז די גאָלדענע און זיל־בערנע כּלים וואָס מיר האָבען דיר נעכטען געגעבען!“ לבן

האָט זיי דערצעהלט וואָס ער האָט מיט די גאָלדענע און זילבערנע כלים געטאָהן. זיי זיינען אויף לבנ׳ען זעהר בייז געוואָרען און זיי האָבען געמוזט אויסלייזען פאַר געלט די זאַכען ביי די פלייש און וויין פערקויפער.

פון דאַמאָלס אָן האָבען זיי איהם מעהר ניט גערופען „לבן בן בתואל", נאָר „לבן הארמי", לבן דער שווינדלער, ווייל ער האָט בעשווינדעלט אַלע איינוואוינער פון שטאָדט.

73

די ערשטע מטבעות

ווען יעקב האָט געזעהן ווי די איינוואוינער פון שכם דריקען די אָרימע לייט פון שטאָדט, לאָזען זיי ניט צוקומען צום וואַסער זיך באָדען, און לאָזען צו זיי ניט צו קיין שטיקעל פלייש צום עסען, האָט ער אויפגעבויט גרויסע און בעקוועמע באָד־הייזער און געלאָזט וויסען אַלע אָרימע־לייט, אַז זיי קענען קומען אַהין זיך באָדען בחנם. דערנאָך האָט ער אויפגעבויט אַ גרויסע שחט־הויז און געשחט׳ען שאָף און רינדער און פערקויפט דאָס פלייש פאַר אַזאַ בילינען פרייז, אַז יעדער אָרימאַן האָט דערצו געקענט שטייגען. די אָרימע לייט האָבען זיך געפרעהט מיט יעקב׳ס נייער איינפיהרונג און זיי האָבען איהם דערפאַר געלויבט און געבענשט.

איינמאָל זיינען זיך די אָרימע לייט צוזאַמענגעקומען ביי יעקב׳ן און זיך פאַר איהם בעקלאָגט:

„די רייכע פון שטאָדט בעשווינדלען אונז און זיי גיבען אונז פאַר אונזער אַרבייט זילבער־שקלים, צו וועלכע עס פעלט אין וואָג, און אַזוי ווי מיר האָבען ניט קיין וואָג־שאָלען די זילבער אָבצואוועגען, קומט אונז אוים צו אַרבייטען כמעט

פאַר אומזיסט און דעריבער זיינען מיר זעהר פעראַרימט געוואָרען.״

ווען יעקב האָט דאָס געהערט איז ער געקומען צו די הויפּט־פיהרער פון שכם און האָט זיי געזאָגט:

„פאַר וואָס טוט איהר דאָס צו די דאָזיגע מענשען וואָס אַרבייטען פאַר אייך? פאַר וואָס בערויבט איהר און בעשווינדעלט זיי? זיי וועלען מיד ווערען פון אייך און פערלאָזען די שטאָדט, און ווער וועט דאַן טהון אייער אַרבייט?״

ווען די רייכע פון שכם האָבען געפרעגט יעקב׳ן וואָס די אַרבייטער האָבען איהם וועגען זיי דערצעהלט, האָט יעקב זיי איבערגעגעבען וועגען די זילבער־שקלים אונטער׳ן געוויכט, וואָס די אָרימע לייט קריגען פאַר זייער אַרבייט. די רייכע האָבען זיך פערענטפערט, אַז זיי אַליין קריגען אויך די זעלבע שקלים, און זיי קענען ניט געבען די אַרבייטער קיין אַנדערע ווי זיי האָבען. יעקב האָט דאַן פאַר זיי פאָרגעשלאָגען:

„אויב איהר ווילט באמת אויסמיידען דעמדאָזיגען שטרייט, לאָזט מיך מאַכען מטבעות, און די אַרבייטער וועלען צו אייך מעהר קיין פּרעטענסיע ניט האָבען.

די איינוואוינער פון שכם האָבען געפאָלגט יעקב׳ן און צו איהם געבראַכט זייער זילבער. יעקב האָט עס אָבגעוואוגען אויף אַן עהרליכער וואָגשאָל, האָט עס צושמאָלצען און עס אַריינגעגאָסען אין פורמען פון מטבעות פון פערשידענע גרויסען, און דאַן אומגעקערט די מטבעות צו די וואָס האָבען איהם געבראַכט די זילבער.

פון דאַמאָלס אַן האָבען די אָרימע לייט געקראָגען עהרליך בעצאָהלט פאַר זייער אַרבייט, און עס זיינען מעהר ניט געהערט געוואָרען קיינע עולות אויף די גאַסען פון שכם.

74
רבקה׳ס טויט

און גאָט האָט זיך בעוויזען צו יעקבן און געזאָגט: „נעה אוועק נאָך בית־אל און בעזעץ זיך דאָרט און שטעל־אויף א מזבח אלס לויב צו גאָט וואָס האָט געראַטעוועט דיך און דיין הויז געזויד פון די הענט פון עשו׳ן און לבנ׳ען.“

יעקב האָט גענומען זיין פאַמיליע און אלץ וואָס האָט בעלאַנגט צו איהם און איבערגעצויגען קיין בית־אל, ווי גאָט האָט געהייסען.

אין יענער צייט זיינען געקומען יצחק׳ס קנעכט צו יעקבן און דערצעהלט: „דיין בארמהארציגע מאַמע איז געשטאָר־בען און מיר האָבען זי מקבר געווען“.

יעקב האָט פיעל געוויינט ווען ער האָט געהערט די שלעכטע בשורה, און ער האָט געמאַכט נאָך זיין מוטער א גרויסען הספד. יעקב האָט דאַן געפרעגט יצחק׳ס קנעכט, וואָס עס זיינען געווען זיין מוטער׳ס לעצטע ווערטער? די מענשען האָבען דערצעהלט:

„ווען עס איז געקומען דער טאָג פון איהר טויט האָט זי אונז גערופען און געזאָגט: וועה איז מיר! מיין גוטער זוהן יעקב איז ניט אין דערהיים, און יצחק קען ניט אַרויס־געהן, ווייל ער איז בלינד. אויב איהר וועט זיך נעהמען בעשעפטיגען מיט מיין קבורה ביי טאָג, וועט זיך עשו דער־וויסען וועגען מיין טויט און קומען צו דער לויה; די מענשען פון שטאָדט, ווען זיי וועלען איהם זעהן, וועלען מיך שעלטען און זאָגען: געשטאָרבען די מאַמע פון דעם אויסגעלאַ־סענעם יונג!... דעריבער בעט איך ביי אייך די געפעליגקייט: פיהרט מיך אין מיין קבר נאָר ביינאַכט, און בעגראָבט מיך שטילערהייד עס זאָל קיין מענש ניט וויסען, און מען זאָל מיך ניט פערשילטען אין דעם טאָג פון מיין טויט! — מיר

האבען געטאהן אזוי ווי זי האט אונז געהייסען און מיר האָבען זי אוועקגעטראָגען ביי נאכט אין דער מערת המכפלה!..."

די דאָזיגע געשיכטע האט יעקב'ן פערזעצט אין טיפען טרויער און ער האט געוויינט אהן אויפהער. און גאָט האט געזעהן יעקב'ס גרויסען צער, און ער האט זיך צו איהם בעוויזען, איהם געטרייסט און געזאגט:

„ניט יעקב וועט מעהר זיין דיין נאמען נאר ישראל, און דו וועסט זיך פרוכפערען און מעהרען און פון דיר וועלען ארויסקומען קעניגע!"

פון דעמזעלבען אָרט וואו ער האט גערעדט צו יעקב'ן איז גאָט ארויף אין הימעל אריין. יעקב האט דאָרט אוועקגעשטעלט א מאָנומענט און גערופען דאס אָרט „בית אל" (דאס הויז פון גאָט).

75

דער ערשטער פרעה

אין בבל האט אמאל געלעבט א מאן וועלכער איז געוועזען א גרויסער חכם און א געלעהרטער און דערצו א שעהנער, א העלד. אבער ער איז געוועזען זעהר ארים. זיין נאמען איז געוועזען רקיון. איינמאל אז די נויט האט איהם שטארק צוגעדריקט, איז ער אוועק אין מצרים צו אשוירוש בן ענם וועלכער האט דאָרט דאן געקיניגט, אום איהם צו צייגען זיין חכמה, אפשר וועט דער קעניג איהם געבען א שטעלע אז ער זאל האבען פון וואס צו לעבען.

ווען רקיון איז אנגעקומען אין מצרים און זיך נאָכגעפרעגט ווי מען קען זעהן דעם מלך האט מען איהם געזאגט, אז דער קעניג געהט נישט ארויס א גאנץ יאהר פון זיין פאלאסט, בלויז איין טאג אין יאהר צייגט ער זיך פאר זיין

פאלק, און אין יענעם טאג הערט ער אוים אלע קלאגען און בקשות, און ער משפט זיינע מענשען. און נאכדעם אז דער טאג געהט אוועק קעהרט זיך דער מלך צוריק אין זיין פאלאסט און מען זעהט איהם ניט מעהר פאר א גאנצען יאהר.

און ווען רקיון האט דאס געהערט איז איהם געווארען זעהר ניט גוט אויפ'ן הארצען. ער האט לאנג געדארפט ווארטען אויף דעם טאג אין וועלכען דער מלך צייגט זיך פאר'ן פאלק. ביינאכט האט ער אויסגעזוכט אן אלטע פער־לאזענע חורבה און האט זיך דארט געלעגט שלאפען א פער־אומערטער און א הונגעריגער. אבער ער האט ניט געקענט איינשלאפען. ער האט געטראכט פון דעם וואס וועט ער קענען טהאן, אן עלענדער, א פרעמדער און אהן געלד, ביז דעם טאג אין וועלכען ער וועט קענען צוקומען צום קעניג. פון וואס וועט ער די גאנצע צייט זיך ערנעהרען?

אין דער פריה איז ער אויפגעשטאנען און זיך געלאזט געהן איבער'ן שטאדט. ער האט געזעהן ווי מענשען האנדלען מיט גרינצייג. האט ער זיי געפרעגט ווענגען זייער מסחר, און זיי האבען איהם געענטפערט אז די גרינצייג קויפען זיי אין דארף און פארקויפען עס אין שטאדט. אזוי ווי ער האט קיין געלד געהאט אויף צו קויפען, איז ער אוועק אויסען שטאדט און האט אליין אנגעריסען פערשידענע גרינצייג. אבער ווי ער איז געקומען אין שטאדט זיינען איהם באפאלען נאסען יונגען און האבען ביי איהם צורויבט זיין גאנצע סחורה.

מיט א צובראכענע הארץ איז רקיון צוריק אוועק אין דער פערלאזענער חורבה און האט דארט צוגעבראכט א צווייטע נאכט טראכטענדיג פון פערשיעדענע פלענער. אין דער פריה איז ער אויפגעשטאנען, האט צוזאמענגעקליבען דרייסיג בעוואפענטע באנדיטען און האט זיי געדונגען צו

ארבייטען פאר איהם. ער האט זיי אוועקגעפיהרט צום בית הקברות, האט זיי דארט געשטעלט ביים טויער, און ער האט צו זיי געזאגט: „אין נאמען פון קעניג זאג איך אייך אז איהר זייט דא געשטעלט געווארען אויפצופאסען אז קיינער זאל דא באגראבען זיין טויטען סיידען ער וועט מיר צוערשט באצאהלען 200 זילבער שטיק. אזוי איז דער בעפעהל פון קעניג".

אכט מאנאטען צייט האט רקיון דורך זיינע באנדיטען איינגעמאהנט די שטייערען פאר די טויטע, און אין דער צייט האט ער אנגעקליבען גרויסע פארמעגענס פון גאלד, זילבער און בריליאנטען. רקיון האט פארגרעסערט די צאהל פון זיינע באנדיטען און איז געווארען דער רייכסטער מאן אין גאנץ מצרים, ווייל ער האט געהאט זיינע שטייער איינמאהנער איבער'ן גאנצען לאנד. נאך דעם איז געקומען דער טאג אין וועלכען דער מלך צייגט זיך פאר'ן פאלק און הערט אוים זייערע קלאגען און זייערע בקשות. זיינען געקומען מענשען פון גאנצען לאנד פאר'ן מלך און האבען געקלאגט:

„פאטער קעניג! ווי שיקט זיך דאס אז דו זאלסט אויף אונז ארויפלעגען אזא טאקסע? מיר ווייסען אז עס איז רעכט פאר א מלך צו נעהמען צינזען פון לעבעדיגע, אבער וואו איז דאס געהערט געווארען אז מען זאל פאדערען צינזען פון טויטע? מיר האבען נאך קיינמאל געהערט פון א קעניג וואס זאל רייסען פון טויטע אזוי ווי פון לעבעדיגע!"

ווען דער קעניג האט געהערט די ווערטער איז ער געווארען שטארק בייז, דען ער האט ניט געוואוסט וועגען וואס זיי ריידען. „ווער האט ביי אייך גענומען שטייערען פאר טויטע?" האט דער קעניג געפרעגט. די מענשען האבען איהם דערצעהלט און דער קעניג האט גלייך געשיקט נאך רקיון מיט זיינע לייט.

רקיון האט זיך ניט דערשראקען. ער האט צוזאמענ־

גענומען טויזענד קינדער, אינגלעך און מיידלעך, האָט זיי אַלע אַנגעטהאָן אין זיידענס און זיי געשיקט מיט זיינע מענשען, רייטענדיג אויף פערד. ער האָט אויך מיטגענומען אַ מתנה פאַר'ן קעניג, גאָלד, זילבער און טהייערע בריליאַנטען. אַליין האָט ער גערימען אויף אַ שעהנעם שטאַרקען פערד. און ווען ער איז מיט זיין גאַנצער סוויטע געקומען צום קעניג, האָט ער זיך פאַר'ן קעניג געבוקט, און דער קעניג מיט זיינע קנעכט און אַלע מענשען האָבען בעוואונדערט דעם גרויסען פּאַראַד וואָס רקיון האָט געמאַכט, דער קעניג האָט איהם געבעטען זיצען און איהם אַרומגעפרעגט וועגען וואָס ער טהוט. רקיון האָט איהם אַלעס דערצעהלט. דער קעניג האָט בעוואונדערט זיין גרויסע חכמה און ער איז איהם שטאַרק געפעהלען געוואָרען. און ניט בלויז דעם קעניג אַליין, נאָר אַלע זיינע קנעכט און די מענשען פון פאָלק איז ער אויך שטאַרק געפעלען געוואָרען און אַלע האָבען איהם שטאַרק ליעב בעקומען.

„דיין נאָמען זאָל מעהר נישט זיין רקיון“, האָט דער קעניג געזאָגט, „פון יעצט אָן און ווייטער זאָלסטו הייסען פּרעה, ווייל דו האָסט געריסען צינזען פון די בירגער פון מצרים“. („פּרע“, מיינט רייסען און אויך צאָהלען).

די איינוואוינער פון מצרים האָבען זיך שפּעטער בע־

רעבענט אַז עס וואָלט פאַר זיי געווען פיעל גלייכער אַז רקיון זאָל זיין זייער מלך, איידער דער קעניג אשוירוש. האָבען זיי זיך צוזאַמענגערעדט און אַראָבגעוואָרפען זייער אַלטען קעניג וועלכער פלעגט זיך צייגען פאַר זיין פאָלק בלויז איין מאָל אין יאָהר און אויף זיין אָרט האָבען זיי אַרויפגעזעצט רקיון־פּרעה אַז ער זאָל זיך לאָזען זעהן פאַר'ן פאָלק דעם גאַנצען יאָהר. פּרעה האָט איבערגענומען די מלוכה און האָט זיין פאָלק געפיהרט מיט קלוגשאַפט און מען האָט איינגע־

שריבען א געזעץ אז אלע מלכים וואס וועלען קיניגין אין מצרים נאך איהם, זיי, זייערע קינדער און זייערע קינדס קינדער, זאלען אויך הייסען פרעה.

76
מכירת יוסף

נאכדעם ווי די ברידער האבען יוסף'ן ארייגעווארפען אין גרוב, זיינען זיי אוועק פון דארט, אום זיי זאלען ניט הערען זיינע געשרייען, און זיי האבען זיך געזעצט עסען זייער מאהלצייט.

דערווייל איז אנגעפאהרען א קאראוואן מדינים, סוחרים, און זייענדיג זעהר דארשטיג, זיינען די מדינים געלאפען צום ברונען, מיינענדיג אז דארט געפינט זיך וואסער, אבער ווען זיי זיינען צוגעקומען האבען זיי געהערט יוסף'ן וויינען און ווען זיי האבען ארונטערגעקוקט האבען זיי געזעהן אז דאס וויינט א זעלטען שעהנער בחור'ל, האבען זיי אויסגעשטרעקט צו איהם א פאר הענד, איהם ארויסגעצויגען און איהם מיט גענומען מיט זיך.

אויף'ן וועג איז זיי אויסגעקומען פערבייצוגעהן יוסף'ס ברידער, און ווען די ברידער האבען געזעהן יוסף'ן ביי די מדינים, האבען זיי געפרעגט: „מיט וואס פאר א רעכט נעהמט איהר צו אונזער קנעכט? מיר האבען דעם יונג ארייגעווארפען אין גרוב אלס שטראף פאר דעם וואס ער האט אונז ניט געפאלגט. גיט אונז צוריק אונזער קנעכט!“

האבען די מדינים געזאגט: „אט דער איז אייער קנעכט? אדער איז ער אייער דיענער? אפשר זייט איהר אלע זיינע קנעכט? ער איז שעהנער און איידעלער פון אייך. צו וואס זאלט איהר ריידען אזעלכע ליגענס?

„גיט אונז צוריק אונזער קנעכט!“ האבען די ברידער געזאגט. „ווילט איהר דען אלע שטארבען אונטער אונזער שווערד?

האבען די מדינים אופגעהויבען א גרויסען לארם, האבען ארויסגעצויגען זייערע שווערדען און האבען געוואלט מלחמה האלטען מיט יעקב׳ס קינדער. האט שמעון זיך אויפגעהויבען געגעבען א שפרונג, און מיט שווערד אין האנד איז ער צו־געגאנגען צו די מדינים און האט ארויסגעלאזען אזא גרויסען געשריי, דאס מען האט עס געהערט פאר מיילען, און די ערד האט אזש געציטערט. און שמעון האט געזאגט: „איך האב מיט מיינע ברידער חרוב געמאכט די גאנצע שטאדט שכם און די שטאדט פון דעם אמורי. זאל מיר גאט אזוי העלפען, אויב עס וועלען אפילו קומען אייערע אלע ברידער, די מדינים, און די מלכים פון כנען וועלען זיי מיט מיר ניט קענען מלחמה האלטען. גיט מיר אב דעם יונג, אויב ניט וועל איך געבען אייער פלייש פאר די פויגלען צו עסען“.

די מדינים האבען זיך פאר איהם דערשראקען, און זיי זיינען צוגעגאנגען מיט פחד, מיט מורא און מיט ווייכע רייד, זאגענדיג: „איהר האט דאך אליין געזאגט אז דער קנעכט פאלגט אייך ניט, וואס טויג א קנעכט וואס פאלגט ניט זיין הער? פארקויפט איהם אונז“.

האבען די ברידער איינגעוויליגט און האבען יוסף׳ן פאר־קויפט פאר צוואנציג זילבער, און די מדינים האבען איהם מיטגענומען און זיינען אוועק ווייטער, קיין גלעד.

אויפ׳ן וועג האבען זיי אנגעהויבען חרטה צו האבען וואס זיי האבען געקויפט דעם שעהנעם יונגען בחור׳ל. אפשר האט מען איהם גע׳גנב׳עט פון אידען און מען זוכט איהם? און ווען מען וועט איהם געפינען ביי זיי וועלען די אידען זיי אלעמען אוים הרג׳ענען. זיי האבען דאך שוין היינט געזעהן וואס פאר א גבורים די אידען זיינען.

און אזוי ווי די מדינים ריידען צווישען זיך און זוכען א וועג ווי פטור צו ווערען פון דעם אידישען בחור'ל, איז זיי אנגעקומען אקעגען א קאראוואן ישמעאלים. האבען די מדינים געזאגט צווישען זיך: „קומט לאמיר איהם פערקויפען צו די ישמעאלים און מיר וועלען צוריק קריגען אונזער געלד וואס מיר האבען בעצאהלט פאר איהם". און אזוי האבען זיי געטאהן.

ווען יוסף האט געהערט אז די ישמעאלים פיהרען איהם אין מצרים, האט ער אנגעהויבען צו וויינען און שרייען, ווייל דאס איז געווען אזוי ווייט פון זיין היים אין לאנד כנען. האט איינער פון די ישמעאלים איהם אראבגעשלעפט פון קעמעל און יוסף האט געמוזט געהן צופוס. אבער ער האט ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו שרייען: „פאטער, פאטער!" האט איינער פון די ישמעאלים איהם געגעבען א פאטש, האט יוסף זיך נאך מעהר צואוויינט, אזש ער האט שוין ניט געקענט געהן. האבען זיי איהם אלע געשלאגען און איהם געשראקען, ער זאל אויפהערען וויינען.

דער אייבערשטער האט געזעהן יוסף'ס צער און פיין, האט ער אראבגעשיקט אויף די ישמעאלים א פינסטערניס און א שרעק, און יעדע האנד וואס האט יוסף'ן געשלאגען איז געווארען ווי א שטיק האלץ. „וואס אזוינס האט גאט אויף אונז אנגעשיקט?" האבען די ישמעאלים געפרעגט. זיי האבען ניט געוואוסט אז דאס איז צוליעב יוסף'ן. און זיי זיינען געגאנגען ווייטער, ביז זיי זיינען אנגעקומען אויפ'ן וועג פון אפרת, וואו עס געפינט זיך רחל'ס קבר.

ווען יוסף האט דערזעהן דעם ארט וואו זיין מוטער ליגט, איז ער צוגעלאפען צום קבר און האט גענומען וויינען און טענה'ן:

„מוטער! מוטער! שטעה אויף פון דיין שלאף, און קום ארויס און זעה ווי דיין זוהן איז פערקויפט געווארען פאר

א קנעכט און עס איז ניטא ווער עס זאל רחמנות האבען אויף איהם. קום ארויס און זעה דיין זוהן און בעוויין זיין אונגליק, און זעה זיינע ברידער, די שלעכטע. די העמד האבען זיי פון מיר אראב געריסען און מיך פארקויפט פאר א קנעכט, און מיך אבגעריסען פון מיין פאטער. מוטער! שטעה שוין אויף און וואך אויף פון דיין דרעמעל, און זעה ווי מיין פאטער'ס הארץ און נשמה געהען אויס נאך מיר. שטעה אויף און געה איהם טרייסטען ....“

און אזוי האט יוסף געוויינט און געקלאגט אויף זיין מוטער'ס קבר, ביז ער איז געבליבען ליגען ווי א שטיין, און ער האט געהערט ווי א שטימע פון קבר רעדט צו איהם: „מיין זוהן! יוסף מיין זוהן! איך האב געהערט דיין געוויין און דיין געשריי. איך האב געזעהן דיינע טרעהרען און איך ווייס דיין אונגליק, מיין זוהן! און עס האט מיר א סך שמערצען פערשאפט און דו האסט צוגעגעבען טרויער צו מיין טרויער. און יעצט מיין זוהן האף צו גאט און פערלאז זיך אויף איהם, ווייל ער איז מיט דיר און ער וועט דיך בעשיצען פון יעדען אונגליק. שטעה אויף, מיין זוהן, און געה קיין מצרים, און זאלסט גאר קיין מורא האבען!“ ...

יוסף האט זיך שטארק געוואונדערט צו הערען אזעלכע ווערטער און ער האט ווידער געוויינט, איז איינער פון די מענשען שטארק בייז געווארען אויף איהם, האט איהם פערטריבען פון קבר, איהם געשלאגען און געשלאגען. האט יוסף זיך געבעטען ביי די מענשען: „טהוט מיר די געפעליגקייט, קעהרט מיך אום צו מיין פאטער ער וועט אייך געבען א גרויסען פערמעגען פאר מיר“. האבען זיי געענטפערט: „דו ביזט דאך א קנעכט, היינט וואו האסטו א פאטער, ווען דו וואלסט געהאט א פאטער וואלט מען דיך ניט פערקויפט צוויי מאל פאר אזא קליינעם מקח!“

האבען זיי איהם נאך מעהר געשלאגען, און ער האט נאך מעהר געוויינט.

האט דער אייבערשטער געזעהן יוסף'ס צרות און ער האט די ישמעאלים אויך געשטראפט. אראבגעשיקט אויף זיי א פינסטערניס, מיט א שטורם, און בליצען און דונערען, און די ערד האט געציטערט פון דעם שטורם, און די מענשען, אזוי ווי די פיה און די קעמלען, זיינען געווען אין גרויס שרעק און האבען ניט געקענט ווייטער געהן. זיינען זיי געבליבען ליגען אויף דער ערד. האבען זיי איינע די אנדערע געפרעגט: „פאר וועלכע זינד שטראפט אונז גאט?" האט איינער געזאגט: „אפשר פאר די זינד וואס מיר האבען בע־גאנגען נעגען דעם קנעכט, בעט איהם און רעדט צו איהם אז ער זאל אונז מוחל זיין". האבען זיי גערעדט צו יוסף'ן און איהם געבעטען, און ער האט זיי מוחל געווען און תפלה געטאהן צו גאט. זיין תפלה איז געהערט געווארען און דער שטורם איז אוועק. נאכדעם זיינען זיי געגאנגען ווייטער.

און די ישמעאלים האבען געזאגט: „יעצט ווייסען מיר אז צוליעב דעם יונגען מאן איז אויף אונז געקומען אזא צרה, טא וואס זאלען מיר אויף זיך ברענגען דעם טוידט? לאמיר אויסגעפינען, א גלייכע עצה וואס צו טהאן מיט דעם קנעכט". האט איינער געזאגט: „מיין עצה איז, אז מיר זאלען איהם פיהרען צו דעם ארט וואס ער האט אונז געזאגט, און דארט וועלען מיר אבנעהמען אונזער געלד פאר איהם". האט אן אנדערער געזאגט: „ניין, דאס איז צו ווייט פון דאנען. היינט קומען מיר אן אין מצרים, דארט וועלען מיר איהם פערקויפען פאר א סך געלד און מיר וועלען פטור ווערען פון איהם". די עצה איז אלעמען געפעלען געווארען, און אזוי איז יוסף געבראכט געווארען אין מצרים.

דארט איז ער אנגעקומען דיענען אין הויז פון פוטיפר.

77
די האַרץ פון אַ וואָלף

נאָכדעם ווי יעקב האָט בעוויינט און בעקלאָגט זיין פערלאָרענעם זוהן יוסף, האָט ער געזאָגט צו זיינע זיהן:

„נעהמט אייערע בויגענס און שווערדען און געהט אַרויס אין פעלד, און אויב איהר וועט געפינען יוסף׳ס קערפּער זאָלט איהר איהם בעערדיגען. און זוכט אויס די חיות, און די חיה וואָס איהר וועט צוערשט טרעפען זאָלט איהר ברענגען צו מיר. טאָמער וועט דער אייבערשטער זעהן מיין פּיין און ער וועט אייך צושיקען די חיה וואָס האָט פערצוקט מיין זוהן, און איך וועל נעהמען נקמה."

אזוי האָט געזאָגט יעקב מיט אַ געוויין און אַ געשריי, קלאַפּענדיג אַ האַנד אָן אַ האַנד.

די זיהן האָבען אזוי געטאָהן און זיינען אוועק אין מדבר, און עס איז זיי אַנטקעגען געקומען אַ וואָלף. האָבען זיי איהם געכאַפּט און געבראַכט צו זייער פאָטער. האָט זיך יעקב אַ שטעל געטאָהן און האָט מיט אַ פערביטערטע האַרץ אויסגעשריען צו דער חיה: „וואָרום האָסטו אויפגעגעסען יוסף מיין זוהן? און ווי האָסטו קיין מורא געהאַט פאַר דעם האַר פון דער וועלט? און האָסט פערצוקט מיין זוהן, וועלכער האָט דיר ניט געטאָהן קיין שלעכטס!"

און דער אויבערשטער האָט געעפענט דעם מויל פון וואָלף, אום יעקב זאָל זיך טרייסטען מיט זיינע רייד, און דער וואָלף האָט געענטפערט:

„איך שווער ביי דעם גאָט וואָס האָט אונז אַלעמען בעשאַפען און איך שווער ביי דיין לעבען, מיין האַר, אַז איך האָב דיין זוהן אפילו ניט געזעהן. איך קום פון אַ ווייטער לאַנד צו זוכען מיין אייגענעם זוהן, דען דאָס וואָס דיר האָט געטראָפען מיט דיין זוהן, האָט מיר געטראָפען מיט

מיין זוהן. שוין צעהן יאָהר אַז איך געה אַרום און זוך מיין טייער קינד, און איך וויים ניט, אויב ער לעבט, אָדער ער איז שוין טויט. און היינט אַז איך בין אַרומגעגאַנגען אין פעלד, זוכענדיג מיין זוהן, האָבען מיך דיינע זיהן גע־טראָפען, זיי האָבען מיך געפאַנגען און מיר צוגעלעגט נייע צרות אויף מיינע אַלטע צרות. און יעצט, דו מענש, בין איך אין דיינע הענט און דו קענסט מיט מיר היינט טאָהן וואָס דו ווילסט. אָבער איך שווער דיר, אַז איך האָב דיין זוהן קיינמאָל געזעהן און איך האָב איהם ניט פערצוקט, און קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך פערזוכט מענשען פלייש".

און ווען יעקב האָט געהערט די רייד פון דער חיה, האָט ער זיך זעהר געוואונדערט און ער האָט זי געלאָזט געהן.

78

דער וואונדערליכער כוס

איינמאָל האָט פוטיפר געזאָגט צו יוסף'ן:

„ברייננג מיר אַ גלאָז הייסע וואַסער".

ווען יוסף האָט איהם געבראַכט אַ גלאָז הייסע וואַסער, האָט פוטיפר געזאָגט:

„כ'האָב געמאַכט אַ טעות: כ'האָב דיך געהייסען ברענ־גען הייסע וואַסער און געמיינט האָב איך לעבליכע וואַסער".

„דאָס איז לעבליכע וואַסער, ווי מיין האַר האָט פער־לאַנגט" — האָט יוסף געענטפערט.

פוטיפר האָט אַריינגעשטעקט דעם פינגער אין גלאָז, און געזעהן אַז עס איז טאַקע לעבליך. ער האָט זיך געוואונ־דערט און באַלד ווידער געזאָגט:

„ניט קיין לעבליכע וואַסער האָב איך דיר געהייסען ברענגען, נאָר בשמים־וויין!"

„טרינק, מיין האר, פון דעמזועלבען גלאז און דו וועסט זעהן, אז דארט איז דא בשמים־ווייז,“ האט יוסף געענטפערט.

פוטיפר האט געטרונקען און געזעהן צו זיין גרויסער בע־וואונדערונג, אז ס׳איז טאקי בשמים־וויין. ער האט ווייטער געזאגט:

„נאך דעם וואלט איך אבער זעהר וועלען טרינקען אבי־סעל ווערמוטה־וויין.“

„טרינק פון דעמזועלבען גלאז“ — האט יוסף געזאגט — „און דו וועסט האבען אויך דעם וויין“.

פוטיפר האט געטרונקען, געזעהן אז עס איז ריכטיג און ער האט געזאגט:

„געה ברענג מיר געקאכטען וויין!“

„טרינק פון זעלבען גלאז“ — האט יוסף געענטפערט — „און דו וועסט האבען געקאכטען וויין.“

פוטיפר האט געטרונקען און געבליבען ערשטוינט פון יוסף׳ס וואונדער מיט דעם גלאז. ער האט זיך איבערצייגט אז גאט איז מצליח יוסף׳ן אין אלע וואס ער טוט, און ער האט גענומען אלע שליסלען פון זיינע אוצרות און זיי אוועק־געגעבען יוסף׳ן און איהם געמאכט פאר פערוואלטער איבער אלע וואס ער האט פערמאגט. א דאנק דעם וואס יוסף איז גע־ווארען דעם בעל־הבית האט גאט געשיקט א ברכה אין פוטיפר׳ס באלעבאטישקייט און פוטיפר האט געבענשט דעם טאג ווען ער האט אבגעקויפט יוסף׳ן פאר א קנעכט.

ווען יוסף האט געזעהן, אז זיין בעל־הבית איז צו איהם אזוי גוט, האט ער זיך זעהר געפרעהט און גענומען עסען גוטע מאכלים און זיך פוצען. „געלויבט איז גאט — האט ער געזאגט — וואס האט מיך ביז איצט ניט פערלאזען און היט מיך אויף אלע מיינע וועגען“.

און גאט האט געזאגט:

„דערפאר וואס יוסף האט גענומען לעבען אין פערגעניגענס און זיך פוצען, און ער האט פערגעסען זיין פאטער, וועלכער טרויערט אויף איהם ביי טאג און ביי נאכט, וועל איך אויף איהם אנרייצען זליכה׳ן, זיין האר׳ס ווייב, צו פערביטערען זיין לעבען, כדי ער זאל זיך דערמאנען אן זיין פאטער, און אין דעם לאנד פון זיין געבורטה!...“

79

זליכה׳ס ליעבע

ווען זליכה האט צום ערשטען מאל דערזעהן יוסף׳ן אין איהר מאנ׳ס הויז האט זי זיך אין איהם שטארק פערליעבט, ווייל אזא שעהנעם בחור מיט אזעלכע שעהנע אויגען ווי יוסף האט געהאט, האט זי נאך קיינמאל געזעהן. האט זי טאג פאר טאג גענומען צו איהם ריידען וועגען איהר ליעבע צו איהם, אבער יוסף האט איהר ניט געענטפערט און אפילו ניט געוואלט קוקען אויף איהר.

„ווי שעהן דו ביזט!“ האט זי צו איהם געזאגט. „איך האב נאך קיינמאל געזעהן אזא שעהנעם יונגען מאן ווי דו“.

„דערזעלבער גאט וואס האט מיך בעשאפען האט בעשאפען אלע מענשען“, האט יוסף געענטפערט.

„ווי שעהן זיינען דיינע אויגען!“ האט זי ווייטער געזאגט.

„מיינע אויגען זיינען שעהן אזוי לאנג ווי איך לעב“, האט יוסף געענטפערט, „אבער אז דו וואלסט זיי זעהן, ווען איך בין שוין אין קבר, וואלסטו זיך דערוויטערט פון זיי“.

„איך ליעב אזוי צו הערען דיין זיסע שטימע“, האט זי צו איהם געזאגט. „נעהם דעם פידעל וואס דא ליגט און שפיעל און זינג פאר מיר“.

„מיין שטימע איז נאָר שעהן, ווען איך זינג די שבחים פון מיין גאָט“, האָט יוסף געענטפערט.

„וואָס פאַר אַ שעהנע האָר דו האָסט!“ האָט זי אויס־געדופען. „נעהם אָט דעם גאָלדענעם קאָם און קאָם די האָר פון דיין קאָפּ.“

„ווי לאַנג וועסטו ריידען צו מיר אַזעלכע רייד?“ האָט יוסף זי פאַרגעהאַלטען. „פערגעס די אַלע זאַכען און גיב זיך אָב מיט די ווירטהשאַפט פון דיין הויז.“

„קיין זאַך אין מיין הויז אינטערעסירט מיך ניט, אויסער דו“, האָט זי איהם געענטפערט.

און אַזוי האָט זי איהם טאָג־טעגליך גערייצט און געבעטען. זי האָט געדראָהעט מיט בייזען, אָבער יוסף האָט אפילו ניט געוואָלט קוקען אויף איהר און ווען זי פלעגט צו איהם ריידען, פלעגט יוסף האַלטען די אויגען אַרונטער צו דער ערד.

פון גרויס ליעבע איז זליכה אַריינגעפאַלען אין אַ שווערע און געפעהרליכע קראַנק. זיינען די פאַרנעהמסטע פרויען פון מצרים זי געקומען מבקר חולה זיין, און זיי האָבען זי געפרעגט: „פאַרוואָס ביזטו געוואָרען אַזוי דאַר און מאָגער? דו ביזט דאָך די פרוי פון אַזאַ גרויסען האַר וואָס איז זעהר געאַכטעט ביים קעניג, און דיר פעהלט דאָך קיין זאַך, און אַלע דיינע פערלאַנגענס ווערען דיר געגעבען.“

האָט זליכה זיי געענטפערט: „היינט וועט איהר וויסען פון וואָס מיין קראַנקהייט איז מיר געקומען.“ און זי האָט געגעבען אַ בעפעהל צו איהרע דיענסטען און זיי זאָלען גרייטען צום טיש און מאַכען אַ מאָהלצייט פאַר די דאַמען. און מען האָט זיי געגעבען שאַרפע מעסערס אָבצושיילען די אַפּעלסינען וואָס זיינען געווען אויפ׳ן טיש. צו דערזעלבער צייט האָט זליכה געהייסען איהרע דיענער, אַז זיי זאָלען יוסף׳ן אָנטאָהן אין די טייערסטע קליידער און איהם

ברענגען פאר איהרע געסט. האבען אלע פרויען געקוקט אויף יוסף׳ן און ניט געקענט אראבנעהמען זייערע אויגען פון איהם. און דערווייל האבען זיי זיך צושניטען די פינגער מיט זייערע מעסערס, די אפּעלסינען זיינען געוואָרען רויט פון בלוט, אבער די פרויען האבען דאס גאָרניט געפיהלט און געגעסען יוסף׳ס שעהנקייט מיט זייערע אויגען.

„וואס האט איהר געטאהן?״ האט זליכה אויסגערופען צו איהרע געסט. „אייערע הענט זיינען פערבלוטיגט און דאס בלוט רינט אַרונטער אויף אייערע קליידער״.

האבען די פרויען געזעהן, אז זייערע הענט זיינען טאקע פערבלוטיגט און דאס בלוט רינט אַרונטער אויף זייערע קליידער, האבען זיי געענטפערט:

„אט דער קנעכט האט אונז צורייצט און צוטומעלט און מיר האבען אונזערע אויגען ניט געקענט אבווענדען פון איהם.״

„זעהט איהר״, האט זליכה געזאגט. „אט אין דעם אוי־גענבליק וואס איהר האט איהם דערזעהן האט אייך געטראפען אזא זאך און איהר האט זיך ניט געקענט בעהערשען פון זיין שעהנקייט, ווי נאך מעהר מוז ליידען איך, וואס איך בין מיט איהם אין הויז יעדען טאג? ווי זאל איך ניט איינדארען און שטארבען פון דעם?״

„עס איז אמת וואס דו זאגסט״, האבען די דאמען גע־ענטפערט, „אבער ער איז דאך דיין קנעכט! פאר וואס זאלסטו איהם ניט זאגען וואס ביי דיר איז אין הארצען? צו וואס זאלסטו אזוי אוועקשטארבען?״

„איך האב זיך געפּלייסט מיט אלע מיטלען איהם צו מאכען, אז ער זאל מיך ליעבען״, האט זליכה ערקלעהרט, „אבער ער וויל ניט הערען מיינע רייד. איך האב איהם צוגעזאגט אל דאס גוטס, אבער ער דערווייטערט זיך פון

מיר. און דערפאר בין איך אזוי אויסגעצעהרט געוואָרען ווי איהר זעהט מיך".

קיינער אין הויז, ניט די דיענער ניט פוטיפר אליין, האָבען געוואוסט אז זליכה איז קראַנק געוואָרען פון גרויס ליעבע צו יוסף׳ן. איין טאָג, ווען יוסף איז געזעסען אליין און געארבייט, איז אריינגעקומען זליכה און איז איהם גע־פאַלען צו די פיס. יוסף האָט זיך אויפגעשטעלט און זי גע־לאָזט זיצען אויף דער ערד. זליכה האָט פאַר איהם גענומען וויינען און בעטען אז ער זאָל זי ליעבען. טרעהרען האָבען זיך גענאָסען אויף איהרע באַקען, און מיט אַ בעטענדע שטימע און אַ פערביטערטע הארץ האָט זי גע׳טענה׳ט: „האָסטו ווען געזעהן אָדער געהערט פון אַ פרוי וואָס איז אזוי שעהן ווי איך אָדער נאָך שעהנער פון מיר, וואָס איך דאַרף צו דיר ריידען יעדען טאָג, און איך בין איינגעדארט געוואָרען אוים ליעבע צו דיר, און דו ווילסט מיך נאָך אַלץ ניט הערען און מיך פערהיטען פון טויט?"

אָבער יוסף האָט אַלץ ניט געוואָלט הערען איהר גע־בעט, און ער האָט געענטפערט: „גענוג! הער שוין אויף דיינע רייד און פערגעס!"

80

די חכמה פון יוסף הצדיק

איינמאָל האָט פרעה געזאָגט צו זיין אויפזועהער איבער די געטרענקע (שר המשקים): „דערלאַנג מיר אַ גלאָז וויין!"

דער דיענער האָט דערלאַנגט דאָס גלאָז וויין און ווען פרעה האָט גענומען טרינקען און האָט דערזעהן אַ פליג אין גלאָז, איז ער געוואָרען זעהר אויפגערעגט אויף דעם משקה אויפזועהער. אין דערזעלבער מינוט האָט דער געבעקס־

אויפזועהער (שר האופים) דערלאַנגט פּרעה׳ן ברויט, און פּרעה האָט אין דעם ברויט געפונען קליינינקע האָלץ־שפּליטערס. ער האָט געהייסען בינדען דעם געטראַנק־אויפזועהער און דעם געבעקס־אויפזועהער און זיי פערשפּאַרען אין תפיסה, וואו זיי זיינען געווען א יאָהר צייט. דער הויפּט פון תפיסה האָט בעפוילען יוסף׳ן ער זאָל זיי בעדיענען.

ביי ענדע יאָהר האָט זיךביידע פער׳משפּט׳ע גע׳חלומ׳ט א חלום אין דערזעלבער נאַכט. דעם געטראַנק־אויפזועהער האָט זיך גע׳חלומ׳ט אז ער שטעהט פאַר פּרעה׳ן און דער־לאַנגט איהם א גלאָז וויין, און אז זיין פריינד דער געבעקס אויפזועהער ווערט אויפגעהאנגען.

און דעם געבעקס־אויפזועהער האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אז ער טראָגט אויף׳ן קאָפּ דריי קערב מיט אלערליי פּרעה׳ס געבעקסען און א פויגעל עסט ארויס פון דעם אויבערשטען קאָרב. אויך האָט ער געזעהן ווי זיין פריינד, דער געטראַנק־אויפזועהער ווערט צוריקגעשטעלט אויף זיין אַמט און ער דערלאנגט פּרעה׳ן א גלאָז וויין.

אין דער פריה, ווען יוסף איז געקומען זיי בעדיענען, האָט ער געזעהן, אז זייערע פּנימ׳ער זיינען פערכמאַרעט.

„אונז האָט זיך גע׳חלומ׳ט א חלום", האָבען זיי געזאָגט יוסף׳ן. „און מיר האָבען ניט ווער עס זאָל איהם פּותר זיין. דערפאַר בעטען מיר דיך, דו זאָלסט פועל׳ן ביים תפיסה אויפ־זעהער, ער זאָל אונז שיקען איינעם פון די שטערנזעהער, וועלכע זאָלען אונז ערקלעהרען די בעדייטונג פון די חלומות".

„צו־וואָס דאַרפט איהר די שטערנזעהער" — האָט יוסף געזאָגט. „דערצעהלט מיר אייערע חלומות! אפשר וועט מיר גאָט געבען פערשטאַנד און איך וועל אייך קענען ער־קלעהרען וואָס איהר האָט געזעהן!"

דער געטראַנק־אויפזעהער איז בייז געוואָרען אויף יוסף'ן און ער האָט איהם גענומען זידלען:

„דו ביזט דאָך אַ קנעכט דאָ אין תפיסה — זייט ווען ביזטו געוואָרען אַ פותר־חלומות? קען אַן אייזעל זיין אַ שטערנזעהער, אָדער אַ פערד אַ כישוף־מאַכער?"

יוסף האָט געענטפערט:

„האָט איהר אַמאָל געהערט וועגען דעם גרויסען דאָקטאָר קימטאָם?"

„זיכער האָב איך געהערט — האָט דער געטראַנק־מייסטער געענטפערט — ניטאָ נאָך אַזאַ גרויסער דאָקטאָר אין גאַנצען לאַנד."

„אויב אַזוי," האָט יוסף געזאָגט. „לאָזט מיך אייך דערצעהלען וואָס עס האָט איינמאָל אין זיין לעבען מיט איהם פּאַסירט."

„נו, דערצעהל, לאָמיר הערען", האָבען די צוויי בעלי־חלומות געזאָגט.

און יוסף האָט דערצעהלט:

„גרויס און בעריהמט איז געווען דער דאָקטאָר קימטאָם, און זיין נאָמען איז געווען בעוואוסט אין אַלע לענדער. איינמאָל האָט ער ביי זיך בעשלאָסען: איך וועל אוועק אין ווייטע לענדער, אפשר וועל איך געפינען בעסערע און קליגערע דאָקטוירים פון מיר — וועל איך פון זיי לערנען און נאָך מעהר בערייכערען מיין וויסען. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין אייזעל, אָנגעפילט זיין רייזע זאַק מיט רעצעפּטען און ארומגערייזט איבער פיעלע שטעדט און פערשידענע לענדער. אויפ'ן וועג האָט ער געהיילט אָרימע קראַנקע לייט בחינם, און אַלע האָבען איהם דערפאַר געעהרט און געשעצט.

„ווען ער איז אָנגעקומען אין איינער פון די גרויסע שטעדט אין לאַנד כנען, און ער האָט זיך געפיהלט זעהר מיעדע, איז ער ארונטער פון אייזעל און זיך אוועקגעזעצט

אויף דער ערד אַברוהען. ער האָט אוועקגעלעגט דעם רייזע זאַק אונטער'ן קאָפּ און איז איינגעשלאָפען. דאַן איז פערבייגעגאַנגען אַ גנב, אַן אָפּגעריסענער, און זעהענדיג קימ־טאָס'ן שלאָפען, האָט ער פון זיך אַרונטערגעצויגען די צורי־סענע קליידער און זיי אוועקגעלעגט אויף דער ערד, דערנאָך האָט ער אַרונטערגעצויגען קימטאָס'עס טייערע בגדים און זיך זיי אָנגעטאָהן; דאַן האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן אייזעל און אוועקגעריטען.

„ווען קימטאָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער געזעהן אַז ער איז נאַקעט און באָרוועס און נעבען איהם ליגען צוריסענע קליידער, לויטער שמאַטעס, און אויך דער אייזעל איז נישטאָ! ער האָט גלייך בעגריפען, אַז דאָס איז די אַרבייט פון אַ גנב און ער האָט זיך געטראַכט: „איצט איז אויף מיר מקוים געוואָרען דאָס קלוגע ווערטעל: „דער וואָס שלאָפט אַ סך מוז טראָגען צוריסענע קליידער". קימ־טאָס האָט אויף זיך אַרויפגעצויגען די צוריסענע שמאַטעס און איז אוועק אין שטאָדט אריין. פאַרבייגעהענדיג פאַר אַ גרויסער, שעהנער הויז, האָט ער דערהערט אַ געוויין, פון וועלכען ער איז זעהר געריהרט געוואָרען. ער איז אריין אין הויז און געזעהן ווי אַ אינגעל ליגט אַ קראַנקער אין בעט און פאָטער און מוטער שטעהען ביי איהם און בעטען זיך ביי דריי דאָקטוירים: „דערבאַרימט זיך, ראַטעוועט אונזער קינד פון טויט!" קימטאָס האָט בעטראַכט דעם קראַנקען אינגעל און געזאָגט צו די פאָטער און מוטער: „הערט זיך איין: לאָזט דעם קראַנקען צו מיר, איך וועל איהם היילען מיט מיינע רעצעפּטען". די דאָקטוירים האָבען אויף איהם געקוקט מיט פעראַכטונג און געזאָגט: „אָט דער אָבגעריסע־נער וויל גאָר היילען קראַנקע!" און דער פאָטער פון דעם אינגעל האָט זיך צושריען מיט כעס און געזאָגט: „קומסטו פון מיר חוזק מאַכען, דו נאַרישער, געמיינער מענש?" און

זאגענדיג דאס, האט ער אנגעכאפט קימטאס׳ן ביי די האר, איהם צוגעשלעפט צו דער טיהר און איהם ארויסגעווארפען פון הויז.

„ווען די דריי דאקטוירים זיינען געווען אוועקגעגאנגען, האט די פרוי געזאגט צו איהר מאן: „שלעכט האסטו גע־טאהן, וואס דו האסט ארויסגעטריבען דעם ארימאן פון אונ־זער הויז, און איהם ניט געוואלט אויסהערען. אפשר וואלט ער דאך געהיילט אונזער זוהן און איהם געראטעוועט פון טויט!“ — „פארוואס רעדסטו אזוי“, האט דער מאן געזאגט. „האסטו ניט געזעהן זיינע אבגעריסענע קליידער און זיין זאק אין וועלכען עס האט זיך ניט מעהר געפונען ווי טרו־קענע ברויט און אלטע שיך? דאס איז דאך געווען א משוגע׳נער, וואס איז געקומען צו אונז צייגען משוגע׳נע שטיק!...“

„באלד איז דאס אינגעל געשטארבען און זיינע פאטער און מוטער האבען געוויינט אהן אויפהער.

„קימטאס האט פערשטאנען, אז די מענשען האבען איהם ארויסגעטריבען מיט שאנדע פון הויז, ווייל ער האט ביי זיי אויסגעזעהען ווי א משוגע׳נער און ער האט בעשלאסען צו דערצעהלען די איינוואוינער פון שטאדט ווער ער איז, און הייסען די קראנקע זיי זאלען צו איהם קומען זיך היילען. צו מארגענס איז קימטאס ארומגעגאנגען איבער די גאסען פון שטאדט און געשריען: „ווער עס איז קראנק זאל קומען צו מיר און איך וועל איהם אויסהיילען, ווייל איך בין דאק־טאר קימטאס!“ אבער אלע וואס האבען איהם געהערט הא־בען איהם בעטראכט פאר א משוגע׳נעם און זיך פון איהם אפגעקעהרט.

„ווען קימטאס האט געזעהן, אז קיינער הערט איהם ניט און מען קוקט זיך אויף איהם ניט אום, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, ארויסגענומען די רעצעפטען

פון זיין פעקעל און זיי אויסגעשטעלט נעבען זיך. אלע פער־בייגעהער האבען דערפיהלט דעם פיינעם ריח פון די רע־צעפטען און עס האבען זיך ארום איהם פערזאמעלט פיעלע מענער און פרויען און געזאגט: „אויב עס איז אמת, וואס דו זאגסט, אז דו ביזט קימטאס, פארוואס־זשע זעהסטו אויס ווי אן ארימאן א שנארער? קימטאס האט זיי דערצעהלט אלץ וואס מיט איהם האט געטראפען און פארוואס ער טראגט צוריסענע קליידער. עס האבען דאן צו איהם גענומען קומען קראנקע פרויען און מענער און ער האט זיי אויסגעהיילט און געזונט געמאכט.

ווען דער פאטער פון דעם פערשטארבענעם בן־יחיד האט זיך פון דעם דערוואוסט, האט ער צוריסען זיינע קליידער און געוויינט און געשריען: „איך האב אליין אומגעבראכט מיין איינציגען זוהן! וואלט איך ניט געווען מבזה געווען דעם ארימאן, וואס איז צו מיר געקומען, וואלט מיין קינד געהיילט געווארען און וואלט איצט געלעבט!... איצט ווייס איך, אז ניט לויט די קליידער און אויסזעהן דארף א מענש בעהאנדעלט ווערען, נאר לויט זיין שכל און זיינע מעשים!...“

ווען יוסף האט געענדיגט זיין ערצעהלונג, האט ער גע־זאגט צום געטראנק־מייסטער:

„דו האסט מיר בעטראכט פאר א קנעכט און דערפאר האסטו מיך פערשעהמט און געפרעגט: זייט ווען זיינען קנעכט פותר חלומות? — זאלסטו אבער וויסען, אז ניט קיין קנעכט און ניט קיין זוהן פון א קנעכט בין איך, נאר דער זוהן פון א גרויסען חכם און צדיק, וועלכער האט מיך געלע־רענט חכמה און וויסענשאפט! איך בין אוועקגע׳גנב׳עט געווארען פון מיין געבורטה־לאנד און פערקויפט געווארען פאר א קנעכט. און אויך דא האב איך קיין זינד ניט בעגאנ־גען, וואס זיי האבען מיך פערשפארט אין תפיסה!“

ווען די צוויי פער׳משפט׳ע האבען געהערט יוסף׳ס קלוגע

רייד, האָבען זיי איהם דערצעהלט זייערע חלומות און יוסף האָט זיי געזאָגט דעם באַשייד:

„אין דריי טעג אַרום וועט דער געבעקס־מייסטער אויפ־געהאנגען ווערען און דער געטראנק־מייסטער וועט צוריק־קריגען זיין שטעלע".

81

אויסגעזונגען די גוטע בשורה

ווען יעקב'ס קינדער זיינען צוריקגעקומען פון מצרים נאך כנען, האָבען זיי ביים גרעניץ געזאָגט: „ווען מיר וועלען יעצט קומען צו אונזער פאָטער און איהם פּלוצלונג אָנזאָגען אַז יוסף לעבט, וועט דאָס זיין פאַר איהם אַזוי אונערוואַרטעט דאָס ער וועט אונז ניט וועלען גלויבען. מיר מוזען געפינען אַ מיטעל ווי איהם אָנצוזאָגען די שמחה".

ווען זיי זיינען שוין געווען נאָהענט פון זייערע הייזער האָבען זיי געזעהן סרח, די טאָכטער פון אשר, זיי לויפען אַנקעגען. די מיידעל איז געווען אַ זעהר געראָטענע, אַ קלוגע און האָט געקענט שפּיעלען פידעל. האָבען זיי זי צוגערופען, און זי האָט זיך צוקושט מיט זיי. נאָכדעם האָבען זיי איהר געגעבען אַ פידעל און צו איהר געזאָגט: „געה צו אונזער פאָטער, שפּיעל אויפ'ן פידעל און זינג פאַר איהם די ווער־טער וואָס מיר וועלען דיר זאָגען. סרח האָט געפאָלגט. זי האָט גענומען די פידעל, זיך אָוועקגעזעצט פאַר יעקב'ן און געזונגען: „דער פעטער יוסף לעבט! אין מצרים אַ מלך געוואָרען!" און נאָך אַזוינס האָט זי געזונגען. יעקב האָט זיך צוגעהערט וואָס זיין געראָטענע אייניקעל זינגט, און עס איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען. איינמאָל האָט ער זיך צוגעהערט, אַ צווייטען און אַ דריטען מאָל, ביז די רייד־

זיינע איהם אריין אין הארצען, און יעקב האט אנגעהויבען צו פיהלען אז דאס וואס זי זינגט איז אמת. האט ער מיט פרייד אויסגערופען: „אייביג זאלסטו לעבען, מיין קינד, דערפאר וואס דו האסט מיין גייסט ניי בעלעבט!“ און אין דער מינוט זיינען אנגעקומען זיינע זיהן אויף פערד און רייטוואגענס, אנגעטהאן אין בגדי מלכות, מיט קנעכט וואס זיינען געלאפען פאראויס, און האבען אויסגערופען: „עוד יוסף חי — יוסף לעבט נאך!“

82

פרעה'ס חלום

הונדערט און דרייסיג יאהר נאכדעם ווי די אידען האבען זיך בעזעצט אין מצרים האט פרעה'ן זיך גע'חלום'ט אזא חלום:

ער זיצט אויף זיין קעניגליכען שטוהל, און ווען ער הויבט אויף זיינע אויגען זעהט ער אז עס שטעהט אנקעגען איהם אן אלטער מאן און אין זיינע הענד האלט ער א פאאר וואגשאלען, און דער אלטער מאן האט גענומען די וואגשאלען און האט זיי אויפגעהאנגען פאר פרעה'ן. און נאכדעם האט דער אלטער גענומען אלע עלטסטע פון מצרים, אלע מיניסטארען און אלע גרויסע לייט פון לאנד, האט זיי צוזאמענגעבונדען אין איין בינטעל און ארויפגעלייגט אויף איין וואגשאל. נאכדעם האט ער גענומען א קליין שעפעלע און האט עס ארויפגעלייגט אויף דער אנדער שאל. און די שעפעלע האט זיי אלעמען אריבערגעוואויגען.

און פרעה האט זיך אויפגעכאפט און געזעהן אז עס איז א חלום.

איז פרעה גאנץ פריה אויפגעשטאנען פון זיין געלעגער

און האָט פעררופען אַלע זיינע הויף־דיענער און ער האָט זיי דערצעהלט דעם חלום. איז אויף די מענשען אַנגעפאַלען אַ שרעק. און פּרעה האָט געזאָגט צו זיינע ראַטהגעבער, די גרויסע חכמים פון לאַנד, „ערקלערט מיר די בעדייטונג פון דיזען חלום!“

האָט זיך אָנגערופען בלעם בן בעור: „דאָס איז ניט אַנדערש ווי אַ סימן אַז עס קומט אַ גרויס אונגליק אויף מצרים. אַ קינד וועט געבוירען ווערען ביי די אידען וואָס וועט חרוב מאַכען גאַנץ מצרים און וועט אונגליקליך מאַכען די איינוואוינער און ער וועט ארויספירען די אידען מיט אַ שטאַרקער האַנד פון לאַנד. און יעצט, מיין האַר קעניג, זוך אַז עצה ווי צו פערמיידען די זאַך און צו פערניכטען די אידישע מאַכט און זייער האָפנונג, איידער דער אונגליק קומט אויף גאַנץ מצרים“.

„אָבער וואָס קענען מיר טאָהן?“ האָט דער מלך געזאָגט צו בלעם׳ן. „מיר האָבען שוין פיעלע עצות אָפּגעהאַלטען וועגען די אידען און מיר האָבען זיי ניט געקענט בייקומען. יעצט גיב דו אונז אַ עצה מיט וואָס מיר קענען זיי בעקעמפּפען“.

און בלעם האָט געענטפערט: „שיק נאָך אַלע דיינע ראַטהגעבער, רוף זיי צוזאַמען און לאָמיר זעהן וואָס זייער עצה איז, און נאָכדעם וועט ריידען דיין קנעכט“.

האָט דער מלך געשיקט רופען זיינע צוויי ראַטהגעבער, רעואל פון מדין און איוב פון עוץ, און האָט צו זיי געזאָגט: „גיט מיר אַן עצה וואָס צו טאָהן מיט די אידען און מיט וואָס קענען מיר זיי בייקומען“.

„אויב דער מלך וויל פאָלגען מיין עצה“, האָט רעואל געזאָגט, „זאָל ער צורוה לאָזען די אידען און זיי ניט אָנריהרען, ווייל זייער גאָט האָט זיי אויסגעוועהלט נאָך פון אַלטע צייטען פון אַלע אַנדערע פעלקער, און וואו איז דאָ

איינער וואס האט ארויפגעלייגט זיין האנד און איז ארוים אונבעשטראפט? דו ווייסט דאך ווי אברהם איז אנטלאפען קיין מצרים און דער דאמאלסדיגער פרעה האט ביי איהם צוגענומען זיין פרוי, האט דער אייבערשטער אנגעשיקט א פלאג אויף פרעה'ן און אויף זיין גאנצע הויז געזינד, און ערשט נאכדעם ווי ער האט אברהם'ן אומגעקעהרט זיין ווייב שרה איז דער קעניג געהיילט געווארען. און אבימלך דער קעניג פון פלישתים האט דער אייבערשטער אויך געשטראפט פאר שרה'ן, די פרוי פון אברהם. און פאר יצחק'ן איז דער זעלבער מלך אויך געשטראפט געווארען און נאכדעם ווי ער האט זיי פערטריבען פון גרר, איז געווארען א שרעקליכע טריקעניש אין לאנד, אלע וואסער קוואלען זיינען אויסגע־טריקענט געווארען און קיין פלאנצונג איז ניט געוואקסען, ביז אבימלך און זיין פעלד־מארשאל פיכול זיינען געקומען צו יצחק'ן, געפאלען איהם צו די פיס, איהם ועבעטען אז ער זאל תפלה טאהן פאר זיי, און נאט האט געהערט זיין געבעט און די טריקעניש האט אויפגעהערט. דער פרומער יעקב איז ניצול געווארען דורך זיין פרומקייט פון עשו זיין ברודער און פון לבן הארמי וועלכע האבען געזוכט איהם צו טאהן שלעכטס. אויך פון די מלכים פון כנען וועלכע זיינען געקומען אלע צוזאמען אויף יעקב'ן מיט זיינע קינדער און זיי געוואלט פערטיליגען, האט זיי גאט מציל געווען, און האבען צוריק בעפאלען זייערע שונאים און זיי אויסגע'הרג־עט. דען וואו איז דא איינער וואס הויבט אויף א האנד נעגען די אידען און בלייבט אונבעשטראפט? דער אמאליגער פרעה, דיין גרויספאטער, האט יוסף'ן געמאכט גרעסער ווי אלע זיינע מיניסטארען ווייל ער האט געזעהן ווי גרוים זיין חכמה איז געווען, ווייל מיט זיין חכמה האט ער געראטעוועט דאס גאנצע לאנד פון הונגער. און יעצט אויב דו ווילסט פאל־נען מיין עצה, הער אויף צו טאהן שלעכטעס די אידען, און

אויב דו ווילסט אז זיי זאלען בלייבען זיצען אין מצרים שיק זיי אוועק פון דאנען נאך כנען, די היים פון זייערע עלטערן".

ווען פרעה האט געהערט די רייד פון רעואל איז ער גע־ווארען בייז אויף איהם, און רעואל האט פערלאזען דעם קעניג מיט גרויס שאנדע און איז אוועק פון מצרים אין דעם זעל־בען טאג נאך זיין לאנד מדין וואו ער האט געהייסען יתרו. און ער האט מיטגענומען יוסף'ס שטעקען.

האט דער קעניג געזאגט צו איוב פון עוץ: „וואס איז דיין עצה וועגען די אידען?" און איוב האט געענטפערט: „אלע איינוואוינער פון לאנד זיינען דאך אין דיינע הענד. טוה ווי דו פערשטעהסט".

דא איז בלעם ארויס און האט געזאגט: „אלע עצות וואס מען האט דעם מלך געגעבען וועגען די אידען טויגען ניט, דען די אידען קענען זיך ארויסדרעהען פון יעדער צרה. ווען אפילו זאלסט זיי וועלען פערברענען אין א פלאם פייער וועסטו זיי ניט קענען בייקומען, ווייל אט האט דאך זייער נאט געראטעוועט אברהם'ן פון קאלך אויוועז. און אויב דו זאלסט זיי וועלען מיט א שווערד אויסקוילען, וועלען זיי אויך ניצול ווערען, ווייל יצחק, זייער פאטער איז אויך געראטעוועט גע־ווארען פון מעסער און א באראן איז געקוילעט געווארען אנשטאט איהם. און אויב מיט שווערע ארבייט דענקסטו זיי צו פערמאטערען וועסטו אויך גארנישט אויספיהרען, ווייל אט האט יעקב זייער פאטער געדיענט לבנ'ען מיט אלע שווערע ארבייט, און ער איז פון דעם נאך גליקליך געווארען. און יעצט, מיין האר קעניג, הער צו מיינע רייד, און דאס איז מיין עצה מיט וועלכער דו וועסט זיי בייקומען. אויב דעם מלך געפעלט מיין עצה, זאל ער געבען א בעפעהל אז פון היינט אן און ווייטער זאלען די אידעןווארפען זייערע געבוירענע קינדער אין וואסער אריין. און מיט דעם וועסטו קענען אפמעקען זייער נאמען פון דער וועלט. ווייל קיינער פון זיי, און אויך

נים פון זייערע עלטערן, איז נאר געפּרואווט געוואָרן מיט אזא גזרה".

און אז דער קעניג האָט געהערט בלעם'ס רייד איז איהם און זיינע מיניסטאָרן געפעלען געוואָרן. און דער מלך האָט געטאָהן אזוי ווי בלעם האָט איהם געראַטהען. און פרעה האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז יעדער זוהן וואָס ווערט געבוירען ביי אידען זאָל מען איהם אריינוואַרפען אין טייך. און נאר א טאָכטער זאָל מען לאָזען לעבען.

83

משה און פרעה'ס קרוין

איינמאָל, ווען פרעה איז געזעסען ביים טיש און געזעסען צוזאַמען מיט דער קעניגין אלפרעונית, בתיה מיט משה'ן אויף איהר שויס, און בלעם מיט אלע זיינע זיהן און די מלוכה מיניסטאָרן, האָט משה אויסגעשטרעקט די האַנט, און ארונטער גענומען די קרוין פון פרעה'ס קאָפּ און דאָס זיך אנגעטאָהן אויף זיין קאָפּ. דער קעניג און די מיניסטאָרען זיינען געוואָרען שרעקליך איבערראַשט און פרעה האָט געזאָגט צו זיינע שטערנזעהער:

„זאָגט מיר וואָס בעדייט דאָס וואָס דער דאָזיגער קליינער אינגעל האָט איצט געטאָהן?"

„זאָל זיך דער קעניג דערמאָנען דעם חלום וואָס האָט איהם גע'חלום'ט און דעם בעשייד וואָס ער האָט געקראָגען". האָט בלעם געענטפערט,—„און ער וועט וויסען אז דאָס מיינט דאָס דער דאָזיגער אינגעל וועט פון איהם אוועקנעהמען זיין מלוכה און ער וועט קעניגען אויף זיין אָרט, און פערדאַרבען דעם גאַנצען לאַנד. דעריבער איז מיין עצה אז מען זאָל דאָס קינד טויטען כדי ער זאָל קיין שטערונג ניט קענען זיין פאַר דעם קעניג!"

יתרו האָט זיך אבגערופען:

„זאָל דער קעניג ניט פערגיסען דאָס בלוט פון דעם דאָזיגען אינגעל איידער ער ווערט אויספּראָבירט און איידער מען ווייסט אַז ער האָט אַרונטערגענומען די קרוין פון דעם קעניג'ס קאָפּ מיט אַ בייז הארץ. און איצט אויב דער מלך וויל פאָלגען מיין עצה, זאָל מען ברענגען אַ שיסעל אָנגעפילט מיט ברענעדיגע קויהלען און בריליאַנטען, און דאָס אַוועקשטעלען פאַר דעם קינד. מיר וועלען הייסען נעהמען וואָס ער וויל. ווען ער נעהמען די בריליאַנטען וועט מען וויסען אַז טאַקי אויס חכמה האָט ער אַרונטערגענומען דעם קעניג'ס קרוין, און ער פערדיענט די שטראָף וואָס בלעם האָט פאַר איהם געפאָדערט; נאָר אויב ער וועט נעהמען די קויהלען — דאַרף ער בעפרייט ווערען פון יעדע שטראָף. מיר וועלען דאַן וויסען אַז דאָס דריי יעהריגע אינגעל האָט געזינדיגט געגען קעניג ניט וויסענדיג".

יתרו'ס עצה איז דעם קעניג געפעלען געוואָרען. ער האָט בעפעהלען אַזוי צו טאָהן.

און ווען מען האָט אַוועקגעשטעלט די שיסעל פאַר משה'ן און איהם געהייסען נעהמען וואָס ער וויל, האָט משה גלייך אויסגעשטרעקט די האַנט צו די בריליאַנטען... אין דער זעלבער סעקונדע איז געקומען דער מלאך גבריאל און האָט פערקירעוועט משה'ס האַנט צו די ברענענדע קויהלען, און משה האָט זיי גענומען און צוגעלענט צו די ליפּען. פון יענעם טאָג אַז איז ער געווען שווער אויפ'ן לשון און האָט געשטאַמעלט.

84

משה זעהט די ליידען פון זיין פאָלק

ווען משה איז געוואָרען צוואַנציג יאָהר אַלט האָט איהם פּרעה גרויסגעמאַכט און דערהויבען. ער האָט איהם אָנגעטאָהן

קעניגליכע קליידער און א טייערען ברילִיאַנט אויפ'ן קאָפּ. ער האָט איהם געגעבען קנעכט איהם צו בעדיענען און איהם נאָכצוטראָגען זיין געוועהר. משה איז דאַן געוואָרען געשעצט און געעהרט איבער'ן גאַנצען לאַנד.

איינמאָל איז משה ארויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער די אידען וועלכע האָבען געבויט פּתום און רעמסס, און ווען ער האָט געזעהן די שווערע ארבייט וואָס די מצריים ה־בען אויף זיי ארויפגעלעגט, די ליים און ציגעל וואָס זיי מאַכען, און זייערע איינגעבויגענע רוקענס — האָט ער זיך צעוויינט און אויסגעשריען: „אָה, הלואי וואָלט איך בעסער געשטאָר־בען איידער צוזועהן די דאָזיגע שרעקליכע ליידען און שווערע ארבייט צווישען די קינדער פון מיין פאָלק!...“ און אזוי ווי משה האָט דאָס געזאָגט, האָט ער פערלאָזען זיינע קנעכט, וועלכע האָבען איהם נאָכגעטראָגען זיינע כלי־זיין און איז אוועקגעלאָפען צו די אידען זיי צו העלפען און פער־לייכטערען זייער ארבייט. ער האָט אונטערגעשפּאַרט זיינע אַקסלען אונטער די שווערע משאות וואָס עס האָבען גע־טראָגען די קליינע און די שוואַכע און זיי געהאָלפען טראָגען די ליים און די ציגעל. ער האָט זיי געטרייסט און זיי אריינ־געגעבען מוטה און האָפענונג אויף בעסערע צייטען.

די דאָזיגע טהאָט איז גאָט זעהר געפעלען געוואָרען און ער האָט געזאָגט צו משה'ן:

„דערפאַר וואָס דו האָסט געטאָהן וואָס איז גוט אין מיינע אויגען, און דו האָסט פערלאָזען דיינע פערגעניגענס אין פּרעה'ס הויז און ביזט אַוועק העלפען מיין פאָלק ישראל, און האָסט זיך אויף זיי דערבאַרימט ווי א ברודער — וועט קומען אמאָל א טאָג ווען איך וועל ניט שענקען קיין אויפ־מערקזאַמקייט צו הימעל און ערד און וועל בעסער רעדען נאַר צו דיר“.

85

אַ פאַמיליען טראַגעדיע

די אידען וואס האבען געשקלאַפט פאַר פרעה׳ן האבען אויף זיך געהאט שוטרים און נוגשים. אויף יעדע צעהן אידען איז געווען איין איד אַ שוטר, אויף יעדע צעהן אידישע שוטרים איז געווען אַ נוגש, אַ מצרי. יעדען פאַרטאָג פלעגען די נוגשים געהן צו די אידישע שוטרים זיי אויפוועקען מיט׳ן ערשטען קרעה פונ׳ם האָהן, אַז זיי זאָלען געהן טרייבען זייערע ברידער צו דער ארבייט.

איינמאָל, ווען אַ נוגש, אַ מצרי, איז אַריין אין דעם הויז פון אַ אידישען שוטר איהם צו וועקען, האָט ער זיך פערקוקט אויף זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַ זעלטענע שענהייט, גאַר אהן אַ שום פעהלער. און נאָכדעם ווי דער איד איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק צו דער ארבייט, האָט זיך דער מצרי צוריקגעקעהרט און איז אַריין צו דער פרוי און זי, מיינענדיג אַז דאס איז איהר מאַן, האָט איהם אויפ־גענומען. דער מאַן האָט עפּעס בעקומען אַ פערדאַכט אַז דער מצרי טהוט אַן אונרעכט, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים און האָט געזעהן ווי דער מצרי געהט ארויס פון זיין הויז. האָט ער געפרעגט זיין פרוי: „האָט ער דיך אפשר אנגעריהרט?“ האָט די פרוי געענטפערט: „יאָ, אָבער איך האָב געמיינט אַז דאס ביזטו“.

דער איד איז אַוועק צו דער ארבייט, און דער מצרי, וועלכער האָט זיך אַנגעשטויסען אַז דער איד וויס פון זיין פערברעכען, האָט ער איהם געצוואונגען צו טאָהן שווערע ארבייט, און ער האָט איהם געשלאָגען און געוואָלט הרג׳ענען. אין דעם איז אָנגעקומען משה, און ווען דער געשלאָגענער האָט איהם דערזעהן, איז ער געפאַלען צו זיינע פיס און

נעבעטען אז ער זאָל איהם העלפען. דען משה האָט זיך דאָן ערצויגען אין פּרעה'ס הויז און איז געווען זעהר געאַכטעט אין קעניגליכען פּאַלאַץ, און די אידען האָבען איהם אויך געקענט. דער איד האָט איהם אַלעס דערצעהלט: „מיין פרוי האָט ער פערהאָנרייניגט און יעצט וויל ער מיך טויטען".

ווען משה האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען שטאַרק בייז אויף דעם מצרי, האָט איהם דער'הרג'עט און בעגראָבען אין זאַמד. נאָכדעם איז דער איד אַוועק צו זיך אַהיים און משה איז אַוועק צוריק אין קעניגליכען פּאַלאַץ. ווען דער איד איז געקומען אַהיים, האָט ער געוואָלט פערטרייבען זיין פרוי, ווייל ער האָט מעהר מיט איהר ניט געוואָלט וואוינען. די פרוי איז אַוועק און האָט דערצעהלט צו איהרע ברידער, און זיי זיינען געקומען און האָבען געוואָלט דעם מאַן הרג'נען, און ער איז קוים אַרויס מיט'ן לעבען פון זייערע הענד.

86

שבת אין מצרים

ווען משה האָט געזעהן ווי פּרעה מאַכט אַלץ שווערער די אַרבייט אויף די אידען, האָט דאָס איהם זעהר וועה געטאָהן און ער איז ערשיענען פאַר פּרעה'ן און געזאָגט:

„מיין האַר קעניג! דו האָסט בעפעהלען דיינע קנעכט מיך צו לערנען חכמה און וויסען און איך האָב געלערענט מיט פלייסיגקייט און זיך פערטיעפט אין אַלץ וואָס די לעהרער האָבען מיר געזאָגט. און איצט מיט דיין ערלויבניש וויל איך פון דיין טובה וועגען דיר איבערגעבען אַ זאַך וואָס איך האָב געלערענט".

„גוט, לאָמיר הערען!" — האָט פּרעה געזאָגט.

„וואלט דער קעניג וועלען אז די קנעכט וואס טהוען זיין ארבייט זאלען אויסשטארבען?“ — האט משה געפרעגט.
„איך וועל ניט לאזען זיי אויסשטארבען!“ — האט פרעה געזאגט.
„זאל טאקי דער קעניג וויסען“ — האט משה ווייטער געזאגט — „אז אלע זיינע קנעכט וועלען אויסשטארבען, אויב ער וועט זיי ניט געבען קיין רוה איין טאג אין וואך!“
„געה אוועק צו די ארבייטער — האט פרעה איהם בעפעהלען — און בעשטים פאר זיי א טאג אין וועלכען זיי זאלען רוהען יעדע וואך!“
משה איז מיט גרוים שמחה אוועקגעלאפען צו זיינע ברידער און זיי אנגעזאגט די בשורה. ער האט פאר זיי בעשטימט שבת אין וועלכען זיי זאלען רוהען פון יעדער ארבייט.

87

צוגעאיילט די גאולה

אין דעם הונדערט און אכציגסטען יאהר ווי די אידען זיינען געקומען נאך מצרים, איז אויפגעשטאנען א מאןביים נאמען יגנון, פון שבט אפרים, און ער האט זיך געווענדעט צו די אידען און געזאגט:
„גאט האט זיך צו מיר בעוויזען און מיר בעפעהלען: פיהר ארוים די קינדער ישראל פון לאנד מצרים ווייל עס איז שוין געקומען די צייט“.
די אידען האבען אבער געדענקט די לעצטע ווערטער פון יעקב'ן פאר זיין טויט, און זיי האבען געזאגט:
„מיר וועלען פון דעם דאזיגען לאנד ניט ארויסגעהן ביז עס וועט קומען דער מאן וואס וועט צו אונז ריידען די אלע רייד וואס עס האט צו אונז גערעדט יעקב אבינו!“

אבער די קינדער פון אפרים האבען גענלויבט אין יגנון'ען און זיך געשטיצט אויף זיין גבורה. זיי האבען אנגעטאהן זייערע כלי־זיין און זיינען ארויס פון מצרים נאך א קאמפף מיט פרעה'ס אויפזעהער. זיי האבען קיין שפייז אין וועג אריין ניט מיטגענומען, נאר זייער גאלד און זילבער, טראכטענדיג זיך, אז עסען וועלן זיי קויפען פאר געלד פון די פלשתים, און אויב די פלשתים וועלען ניט וועלען פערקויפען, וועלען זיי ביי זיי נעהמען מיט געוואלד.

די קינדער פון אפרים האבען זיך געלאזט אין וועג אריין, און זיי זיינען אנגעקומען נאך גת. זיי האבען געזעהן פאסטוכער פאשען זייערע שאף אין פעלד.

„פערקויפט אונז שאף צום עסען, ווארים מיר זיינען הונגעריג!" — האבען די קינדער פון אפרים צו זיי געזאגט. די פאסטוכער האבען זיי געענטפערט: „מיר קענען אייך ניט קיין שאף פערקויפען ווייל זיי בעלאנגען ניט צו אונז". די קינדער פון אפרים זיינען דאן אריין צווישען די סטאדעס און געוואלט נעהמען די שאף מיט געוואלד. די פאסטוכער האבן גענומען שרייען מיט שרעקליכע קולות, וואס זיינען געהערט געווארען ווייט צווישען די איינוואוינער פון גת. די איינוואוינער האבען זיך שנעל צונויפגעזאמעלט אויפ'ן געשריי פון די פאסטוכער און זיינען ארויס אויף א מלחמה מיט די קינדער פון אפרים. עס איז געווען א גרויסע שלאכט און פון ביידע זייטען זיינען געפאלען פיעלע קרבנות.

דעם צווייטען טאג האבען די איינוואוינער פון גת געשיקט א שליח צו די פלשתים בעטענדיג זיי: „קומט און העלפט אונז שלאגען די קינדער פון אפרים, וועלכע זיינען ארויס פון מצרים און ווילען מיט געוואלד ביי אונז אוועקנעהמען אונזערע שאף. מיר האבען זיי קיינמאל קיין שלעכטס ניט געטאהן און קיינמאל קיין עולה ניט בענאנגען געגען קיין איינציגען פון זיי".

ווען די פלשתים האבן דאס געהערט, זיינען זיי באלד געקומען צוהילף די איינוואוינער פון גת. און גאט האט איבערגעגעבן די קינדער פון אפרים אין די הענט פון שונא און פיעלע פון זיי זיינען געפאלען קרבנות אין דעם טהאל פון גת. און דער טהאל איז געווען פול מיט מענשליכע קערפערס אזוי לאנג, ביז עס איז געקומען יחזקאל הנביא און זיי אויפגעלעבט מיט זיינע נבואה־ווערטער.

די אפרים־קינדער וואס האבן בעוויזען צו אנטלויפען האבן זיך אומגעקערט נאך מצרים און האבן דארט דער־צעהלט די אידען אלץ וואס האט מיט זיי געטראפען. זייער פאטער אפרים האט א לאנגע צייט געטרויערט נאך זיינע אומגעקומענע קינדער.

—◇—

88

משה און יתרו'ס טעכטער

אין מדין האט אין יענע צייטען געוואוינט א מאן וואס האט געהייסען יתרו. דער מאן איז געווען א גלח, וואס האט געדיענט און זיך געבוקט צו הילצערנע און שטיינערנע געטער. און האט געלערענט די איינוואוינער פון זיין לאנד צו טאהן דאס זעלבע. און ווען ער האט נאך לאנגע יאהרען געזעהן אז ער האט פון זיינע פיעלע אפגעטער קיין נוצען ניט, האט ער צוזאמענגערופען די איינוואוינער פון זיין שטאדט און האט צו זיי געזאגט:

„איך בין אלט און גרוי געווארען און איך טויג ניט מעהר צו זיין אייער דיענער ביי די פיעלע געטער, דעריבער ראטה איך אייך: קלייבט זיך אויס א יונגען גלח און זאל ער פאר אייך דיענען די געטער!“

די דאָזיגע ווערטער האָבען זעהר דערצאָרענט די איינ־וואוינער פון מדין און זיי האָבען געלאָזט אויסרופען איבעראַל: „פערשאָלטען זאָל זיין דער וואָס וועט זיך חבר'ן מיט יתרו'ן און וועט טאָהן זיין ארבייט אָדער פּאַשען זיינע שאָף“.

ווען יתרו האָט געזעהן ווי אַלע איינוואוינער פון לאַנד האָבען זיך פון איהם דערווייטערט און עס איז מעהר ניטאָ איין מאַן וואָס זאָל וועלען פּאַשען זיינע שאָף, האָט ער בע־פעהלען זיינע טעכטער צו ווערען פּאַסטוכער און אכטונג געבען אויף די שאָף יעדען טאָג. ווען די איינוואוינער פון מדין האָבען דאָס געזעהן האָבען זיי גענומען פּלאַנעווען שלעכטס געגען יתרו'ס טעכטער, זיי פלעגען זיי אוועקטרייבען יעדען טאָג פון ברונען און זיי ניט געלאָזט פּאַשען די שאָף אין פעלד.

אין יענער צייט איז משה אָנגעקומען נאָך מדין, ער האָט צו געזעהן ווי די פּאַסטוכער פערפאָלגען יתרו'ס טעכ־טער און לאָזען זיי ניט טאָהן זייער אַרבייט, האָט דאָס איהם זעהר פערדראָסען, און אויס רחמנות צו זיי האָט ער זיי געהאָלפען אָנטרינקען זייערע שאָף.

און גאָט האָט געזאָגט: „דערפאַר וואָס משה האָט גע־טאָהן די דאָזיגע גוטע זאַך און ער האָט זיך דערבאַרימט איבער די הילפלאָזע מיידלאַך — זאָל ער גערופען ווערען „דער קנעכט פון גאָט“, און אַלע מענשען וועלען וויסען אַז מיינע קנעכט זיינען גוט צו אַלעמען און זיי האָבען רחמנות אויף אַלע גאָט'ס בעשעפענישען!“

89

פרעה'ס צרעת

אין יענער צייט, ווען פרעה'ס האנט האט גענומען אלע שווערער דריקען די אידען, האט גאט געשלאגען פרעה'ן מיט צרעת און ער איז קרעציג געווארען פון קאפ ביז פיס. דאך האט פרעה ניט גרינגער געמאכט דעם יאך פון די אידען, און האט ווייטער זיי געפייניגט און געדריקט.

פרעה'ס קרענק איז געווארען אלץ ערגער און עס איז איהם מיאוס געווארען דאס לעבען. ער האט צו זיך פעררופען אלע זיינע שטערענזעהער און מכשפים און פון זיי פערלאנגט אן עצה וואס צו טאהן, כדי אויסגעהיילט צו ווערען פון דעם צרעת. די שטערענזעהער און די מכשפים האבען איהם געענטפערט:

„קיין צרעת־געשלאגענער קען ניט געהיילט ווערען סיידען ער וואשט זיין לייב אין דעם בלוט פון אידישע קינדער!"

פרעה האט זיי געפאלגט, און בעפעהלען, ארויסצורייסען מיט געוואלד אידישע קינדער פון דער שוים פון זייערע מאמעס, און זיי אויסקוילען; מיט דעם בלוט פון די קינדער האט מען געמאכט א באד פאר פרעה צו באדען זיין קרעציגען קערפער.

אבער ניט נאר האבען איהם די דאזיגע בלוט־בעדער ניט געהיילט, נאר האבען נאך זיין קרענק ערגער געמאכט.

אין דער זעלבער צייט זיינען געקומען צוויי פון פרעה'ס דיענער אין גושן און זיך פאר איהם בעקלאגט, אז די אידען זיינען פויל און טהוען ניט די ארבייט וואס איז אויף זיי ארויפגעלעגט געווארען. הערענדיג דאס האט פרעה געשריען מיט רציחה:

„זיי ווייסען די אידען, אז איך בין זעהר קראנק, דעריבער האבען זיי אויפגעהערט צו טאהן מיין געבאט. שפאנט גיך איין מיין רייט־וואגען און פיהרט מיך נאך גושן; איצט וועלען שוין די אידען דערפיהלען מיין גאנצען צארען!“

פרעה איז אריינגעזעצט געווארען אין רייט־וואגען און ער האט מיט זיך מיטגענומען צוואנציג רייטער אויף פערד, און צוואנציג זיינען איהם נאכגעגאנגען צו פוס. און זיי זיינען אוועק נאך גושן. ווען זיי זיינען אנגעקומען צו דער גרענעץ פון לאנד, און פרעה׳ס פערד איז אויסגעקומען דורכ־צוגעהן א שמאלען פלאץ, האט זיך דאס פערד דערשראקען און א שפרינג געטאהן אויף צוריק. דער קעניג איז ארונטער־געפאלען. דאס פערד האט זיך אויסגעגליטשט און איז גע־פאלען אויף פרעה׳ן וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד. פרעה האט געמאכט ווילדע קולות פון וועהטאג, ווייל דער גאנצער קערפער איז געווען פול מיט קרעץ און וואונדען. ווען די קנעכט האבען געזעהן אז דעם קעניג׳ס ליידען זיינען אזעלכע שווערע, האבען זיי איהם אויף די הענט צוריקגע־טראגען קיין מצרים און איהם אוועקגעלעגט אויפ׳ן בעט. פרעה האט געוואוסט אז זיין סוף דערנעהנטערט זיך. עס זיינען געקומען די קעניג׳ן, אלע מיניסטארען און דיענער, און זיי האבען ביטער געוויינט קוקענדיג אויף פרעה׳ס צעוואונדעטען, פערבלוטיגטען קערפער.

די מיניסטארען זיינען צוגעגאנגען צו פרעה׳ן און איהם געראטען ער זאל איבערגעבען די מלוכה צו איינעם פון זיינע זיהן. פרעה האט געהאט דריי זיהן: דער עלטסטער האט געהייסען עתרו (אסרא), דער מיטעלסטער אדיקאם, און דער יונגסטער, מאריאן, און צוויי טעכטער, בתיה און אכוזיה. עתרו איז געווען א נאר און א פלוט, און אדיקאם איז געווען קלוג און כיטרע און געלערענט אין דער עגיפטיאנישער וויסענשאפט. ער איז געווען א מיאוס׳ער און קליין גע־וויקסיגער. פרעה האט איינגעשטימט איבער צו געבען די

מלוכה אדיקאמ׳ען. זיין צרעת איז געווארען אלץ ערגער און דער ריח פון זיין קערפער איז געווען אזוי ווי פון א נבלה.

פרעה האט געלאזט אויסרופען איבער׳ן גאנצען לאנד מצרים: „אדיקאם איז קעניג!“

נאך דריי יאהר איז פרעה געשטארבען, און זיין טויט איז געווען א חרפה און א בושה פאר׳ן גאנצען פאלק, ווייל צוליעב דעם שלעכטען ריח פון זיין קערפער איז ער ניט באלזאמירט געווארען ווי אלע עגיפטיאנישע קעניגע, און זיינע דאקטוירים האבען ניט געקענט צו איהם צוטרעטען.

אבער אדיקאם האט געצוואונגען די קנעכט, זיי זאלען איהם אוועקטראגען קיין צוען, מצרים, וואו עס האבען זיך געפונען די קברים פון די עגיפטיאנישע קעניגע, און איהם דארט בעגראבען.

90

קינדער אנשטאט ציגעל

די מצריים האבען גערופען אדיקאמ׳ען „פרעה“, וואס דאס איז דער נאמען פון אלע קעניגע וואס האבען געקעניגט אין מצרים; אבער די עגיפטישע געלעהרטע האבען איהם גערופען „אבוז“, וועלכעס מיינט אין עגיפטיאניש, קליין-געוויקסיג.

אדיקאם האט געפיהרט זיין מלוכה נאך מיט מעהר שלעכטקייט ווי זיין פאטער און ער האט נאך מעהר געלאזט פיהלען זיין יאך אויף די אידען. ער איז אוועק מיט זיינע קנעכט נאך גושן און שווערער געמאכט די ארבייט אויף די אידען, און בעשטימט אידישע אויפזעהער, און איבער זיי האט ער בעשטימט פאליציאנטען פון צווישען זיינע עגיפ-טישע קנעכט.

די פּאַליציאַנטען האָבען דאַן אין פּרעה׳ס נאָמען געגעבען צו די אידישע אויפזעהער דעם דאָזיגען בעפעהל:

„די ארבייט מוז געטאָהן ווערען יעדען טאָג און די זעלבע צאָהל ציגעל מוז געשאַפען ווערען; נאָר אויב איהר וועט ניט פאַלגען און ניט מאַכען די בעשטימטע צאָהל יעדען טאָג — וועלען מיר אויפ׳ן פּלאַץ פון די ציגעל איינמויערען אייערע קינדער“.

און יעדעס מאָל ווען די אידען האָבען אויסגעאַרבייט וועניגער ציגעל ווי די בעשטימטע צאָהל, זיינען די פּאַליציאַנטען אַוועק צו די אידישע מאַמעס, האָבען פון זיי אַוועקגעריסען זייערע קינדער און אריינגעמויערט די קינדער אויפ׳ן פּלאַץ פון ציגעל.

פּרעה איז געוואָרען אַלץ מעהר אכזריות׳דיג צו די אידען און ער האָט זיי געצוואונגען זיי זאָלען אַליין איינמויערען זייערע קינדער אין די ווענט פון די געביידעס. און ווען אַ אידישער טאַטע האָט אַוועקגעלעגט זיין אייגען קינד אויף דער מויער און אַרויפגעטאָהן ליים און ציגעל, האָבען זיך פון זיינע אויגען טרעהרען געגאָסען און פון זיין האַרץ האָט געטריפט בלוט... די לעבעדיג־בעגראָבענע קינדער האָבען געוויינט און געשריען, אָבער קיינער האָט זיך אויף זיי ניט דערבאַרימט, און ראַטעווען זיי האָט קיינער ניט געטאָרט!

אַ זעהר טרויעריגע צייט האָבען אידען דורכגעלעבט אין יענע יאָהרען. און זיי האָבען געשריען צו גאָט, זיך צו איהם אומגעקערט מיט׳ן גאַנצען האַרצען, געוויינט און געבעטען צו איהם. זייער געשריי איז דערהערט געוואָרען, און גאָט האָט געזאָגט:

„איצט וועל איך זיי בעפרייען פון פּרעה׳ס הענט!“

91

משה און די ציגעלע

איינמאל, ווען משה האט געפאשעט די שאף פון זיין שווער יתרו, האט ער געזעהן אז א קליין ציגעלע איז ארויס פון דער סטאדע און איז אנטלאפען. משה האט זיך געלאזען נאכלויפען די ציגעלע, אויס מורא זי זאל ניט פערבלאנדזשעט ווערען אין מדבר און שטארבען פון הונגער און דארשט.

נאכלויפענדיג האט משה דערזעהן ווי די ציג געהט־צו צו א קוואל וואסער און זי טרינקט. דאן האט משה פער־שטאנען אז די ציג איז געווען דורשטיג און דערפאר איז זי אנטלאפען פון סטאדע. משה איז דאן צוגעגאנגען און האט געזאגט:

„טייערע ציגעלע מיינע, ווען איך וואלט געוועןן וויסען אז דו ביסט דורשטיג, וואלט איך דיך ניט געוועןן נאכגעיאגט“.

ווען די ציג האט געענדיגט טרינקען, האט משה מיט גרויס רחמנות זי גענומען אויף זיינע אקסלען און זי גע־טראגען דעם גאנצען וועג ביז ער איז צוריקגעקומען צו דער סטאדע. דאס ציגעלע איז יונג און שוואך, האט ער זיך געטראכט, און דערפאר מוז איך עס טראגען.

דאס איז זעהר געפעלען געווארען אין גאט'ס אויגען און ער האט געזאגט צו משה'ן:

„גרויס איז דיין רחמנות! און דערפאר וואס דו האסט חס געהאט אויף דער ציג, וועסטו זיין דער פיהרער פון מיין פאלק ישראל און זוכה זיין צו ווערען זייער געטרייער פאסטוך“.

92

די גרויסע זעהונג

משה האָט געפּאַשעט זיינע שאָף אויף דער צווייטער זייט מדבר אום זיי צו דערוויטערען פון פרעמדע פעלדער. איינמאָל ווען משה איז צוגעקומען צו דעם באַרג חורב האָט ער געזעהן ווי דאָרט וואַקסט־אויס אַ דאָרען. און זעהר מיאוס האָט אויסגעזעהן דער דאָרן. ער איז געווען נידעריג און זיינע בלעטער זיינען געווען פול מיט שטעכעכץ. קוקענדיג אויף איהם האָט משה געטראַכט:

„צו דעם דאָרן אין מדבר ביסטו געגליכען, מיין פאָלק ישראל. ביסט אַזוי פערמיאוסט ווי ער, און אַלע וואָס זעהן דיך דערווייטערען זיך פון דיר!"

ווי ער איז אַזוי געשטאַנען פערזונקען אין מחשבות וועגען די ליידען פון זיין פאָלק — האָט ער דערזעהן ווי עס האָט פּלוצים אַרויסגעשפּאַרט אַ פלאַם פון דעם דאָרן! משה האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזאָגט:

„צו דעם דאָזיגען דאָרן האָב איך פערגליכען מיין פאָלק ישראל, און עס איז פּלוצים אַרויס דער פלאַם איהם צו פערטיליגען... וועט טאַקי מיין פאָלק אונטערגעהן?"

און ווען משה האָט געזעהן ווי דער דאָרן ברענט אין פייער און ווערט דאָך ניט פערברענט, איז זיין טרויער פערשוואונדען און ער איז געוואָרען פרעהליך. באַלד האָט ער דערהערט אַ שטימע וואָס האָט צו איהם גערעדט:

„פּונקט ווי דער דאָרן איז ניט פערברענט געוואָרען פון דעם פלאַם וואָס פלאַקערט אין איהם, וועט אויך דאָס אידישע פאָלק ניט אויפהערען צו לעבען. יעדעם פייער וואָס מ'וועט אויף זיי אַנצינדען וועט פערלאָשען ווערען, און קיין צרה און אומגליק וועט זיי פערטיליגען!"

93

אידישע טרייהייט

ווען פרעה האט געזאגט „הבה נתחכמה", לאמיר זיך קליגען געגען די אידען האט ער צוזאמענגעקליבען די אידען און האט צו זיי געזאגט: „איך בעט אייך העלפט מיר היינט א ביסעל ארבייטען". פרעה האט גענומען א קארב מיט א גראב־אייזען, האט געגראבען די ערד און געמאכט ציגעל. היינט קען מען זיך פארשטעלען אז ווער עס האט געזעהן פרעה'ן גראבען ליים און מאכען ציגעל האט ער אויך גע־מאכט ציגעל. דען ווי קען אנדערש זיין? באלד זיינען אנגע־קומען אלע אידען און פלייסיג זיך גענומען צו דער ארבייט צו מאכען ציגעל. און געארבייט האבען זיי מיט אלע כחות, ווייל די אידען זיינען געווען געזונטע, שטארקע מענשען.

ווען עס איז געווארען פארנאכט, האט פרעה בעשטעלט „נוגשים", שקלאפען טרייבער, און האט זיי געהייסען איבער־צעהלען די ציגעל וואס די אידען האבען געמאכט אין דעם טאג. די נוגשים האבען איבערגעצעהלט. האט נאכדעם פרעה געזאגט צו די אידען: „אזוי פיעל וועט איהר מיר צושטעלען יערען טאג".

די נוגשים זיינען געווען מצרים און זיי האט פרעה בעשטימט איבער אידישע שוטרים, און די אידישע שוטרים זיינען געווען פעראנטווארטליך פאר די אידען. ווען פרעה האט ארויסגעגעבען זיין געזעץ אז מעהר זאל מען די אידען ניט געבען שטרוי צו מאכען ציגעל, און אז זיי זאלען אליין זוכען שטרוי, האבען די נוגשים געפונען אז עס פעהלט אויס ציגעל, די אידען האבען ניט געמאכט די בעשטימטע צאהל. פלעגען די נוגשים שלאגען די אידישע שוטרים אום זיי צו צווינגען אז זיי זאלען ארויסגעבען יענע אידען וואס האבען ניט געמאכט די בעשטימטע צאהל, אבער די שוטרים

האבען בעסער זיך געלאזט שלאגען און זיי האבען ניט ארויסגעגעבען זייערע ברידער.

דערפאר שפעטער, ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים, און דער אייבערשטער האט געהייסען משה'ן אז ער זאל אויסוועהלען זיבעציג זקנים, עלטסטע וואס זאלען משפט'ן דאס פאלק, האט משה רבינו געזאגט פאר'ן אייבערשטען: „איך ווייס ניט ווער עס איז פאסענד פאר אזא אמט און ווער עס איז ניט פאסענד". האט איהם דער אייבערשטער געענטפערט: „אט יענע טרייע אידען, די שוטרים וואס האבען זיך געלאזט שלאגען פאר זייער פאלק, זיי זאלסטו מאכען פאר די ריכטער פון פאלק". פון דעם לערנען מיר אז דער וואס אפפערט זיך פאר אידען איז ער זוכה צו כבוד און גדולה און צו רוח הקודש.

94
די גרעניצען פון מצרים

אין יענע צייטען איז פארגעקומען א שטרייט צווישען דער מלוכה פון מצרים און דער מלוכה פון כוש איבער די גרענעצען פון די צוויי לענדער. די מצריים האבען בעפעהלען

די כושים זיי זאלען ניט אריבערגעהן די עגיפּטיאנישע גרענעץ און ניט קומען אויף עגיפטען'ס פעלדער. די כושים האבען געענטפערט, די פעלדער זיינען זייערע און די מצריים האבען אין זיי קיין חלק ניט.

עס איז אנגעגאנגען א לאנגע מלחמה צווישען די צוויי פעלקער און פיעל בלוט איז פערגאסען געווארען. נאר ווען נאט האט פערפלייצט דאס לאנד מצרים מיט זשאבעס, האבען שוין דאן ביידע, די מצריים און די כושים, געוואוסט וואס

עס זיינען די גרענעצען פון זייערע לענדער. די גאנצע שטרעקע לאנד וואו עס זיינען קיין זשאבעס ניט געקומען האט בע־לאנגט צו די כושים, און די איבעריגע לענדערייען וואס זיינען פערפלייצט געווארען פון זשאבעס האבען בעלאנגט צו מצרים. די עגיפטיאנער האבען דאן בעשטימט זייערע גרענעצען און שלום געמאכט מיט די כושים.

—◇—

95

די שטראף פון שוועכלינגע

ווען משה איז געקומען נאך מצרים האט ער זיך גע־ווענדעט צו די עלטסטע פון פאלק און געזאגט:

„זייט אזוי גוט און קומט מיט מיר און מיט מיין ברודער אהרן צו פרעה דעם קעניג פון מצרים און לאמיר איהם איבערגעבען אלץ וואס אונזער גאט האט געהייסען!“

דאס פאלק האט געזעהן דעם כבוד וואס משה האט אויסגעטיילט צו די עלטסטע פון דער געמיינדע און זיי זיינען געווען צופריעדען. משה און אהרן און די זקנים האבען זיך געלאזט צו פרעה׳ס פאלאץ. אבער ווען זיי האבען זיך דערנעהנטערט צום פאלאץ, האבען זיך די אידישע פיהרער דערשראקען, און זיך איינער נאכ׳ן צווייטען צוריק־געצויגען, ביז עס איז ניט געבליבען איינער פון זיי. אלע זיינען שטילערהייד אוועק אהיים. גאט האט אויף דעם פער־איבעל געהאט און געזאגט:

„דערפאר וואס זיי האבען דאס געטאהן, דעריבער ווען זיי וועלען קומען אויפ׳ן בארג סיני מקבל זיין די תורה — וועל איך זיי הייסען ארונטערגעהן פון דארט“.

96

אין פרעה'ס פאלאץ

א גרויסע מויער האט ארומגערינגעלט פרעה'ס פאלאץ און אין איהם האבען זיך געפינען פיער הונדערט טיהרען. ביי יעדער טיהר זיינען געשטאנען לייבען און בערען און לעמפערטען, גרייט צו פערצוקען יעדען מענשען וועלכער קומט אין פאלאץ א ניט־געלאדענער. און ווען געלאדענע מענשען האבען זיך געמעלדעט צום קעניג, האט פרעה גע־געבען א בעפעהל צו זיינע כשוף־מאכערס זיי זאלען אונטער־טעניג מאכען די ווילדע חיות, אז זיי זאלען די בעזוכער ניט אנריהרען.

און ווען משה און אהרן זיינען צוגעקומען צו דער מויער, האבען זיך ארום זיי צונויפגעזאמעלט אלע חיות און זיי האבען געלעקט זייערע פיס ווי א הונט זיין בעל הבית. משה און אהרן זיינען דורכגעגאנגען די מויער און געקומען ביז צום טויער פון פאלאץ. ווען די כשוף־מאכערס האבען זיי דערזעהן, האבען זיי אויף זיי אנגערייצט צוויי יונגע לייבען. משה האט אויפגעהויבען א שטעקען, און די לייבען זיינען דערשראקען געווארען, און זיי האבען אויך גענומען לעקען די פיס פון משה און אהרן און זיך מיט זיי געפרעהט ווי א הונט ווען זיין בעל הבית קומט אהיים. ווען משה און אהרן זיינען אריינגעקומען אין פאלאץ און פרעה האט זיי דערזעהן, איז ער דערשראקען געווארען, און ער האט אויס־געשריען:

„צום טויט זאלען געפיהרט ווערען די וועכטער פון די טויערען, דערפאר וואס זיי האבען געלאזט דיזאזיגע מענשען אנקומען אין פאלאץ!“

די וועכטער זיינען גערופען געווארען פאר פרעה'ן, וועלכער האט זיי געזאגט:

„פאַר וואָס האָט איהר דאָס געטאָהן — פאַר וואָס האָט איהר געלאָזט אריינקומען די מענשען, וועלכע איך האָב ניט גערופען?"

די וועכטער האָבען געענטפערט:

„ביי דיין לעבען שווערען מיר, אונזער האַר קעניג, אַז מיר האָבען די מענשען ניט געזעהן און מיר ווייסען ניט ווער עס האָט זיי געבראַכט אהער!"

פרעה האָט זיי ניט געגלויבט און געגעבען אַ בעפעהל זיי צו טויטען.

נאָכדעם האָט פרעה געזאָגט צו משה'ן און אהרן'ען:

„זאָגט מיר, ווער זייט איהר?"

„מיר זיינען די שלוחים פון גאָט" — האָבען משה און אהרן געענטפערט.

„און וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?" — האָט פרעה געפרעגט.

„מיר גיבען דיר איבער דעם בעפעהל פון גאָט — האָבען זיי געענטפערט — שיק ארויס זיין פאָלק און לאָז עס צו איהם דיענען".

ווען פרעה האָט דאָס דערהערט האָט ער געשריען מיט כעס:

„ווער איז דאָס דער גאָט, וואָס איך זאָל זיך צו איהם צוהערען און בעפרייען דאָס פאָלק ישראל? איז איהם נאָך וועניג, וואָס ער האָט מיר קיין מתנה ניט געשיקט ווי עס טהוען אַלע וואָס קענען מיין נאָמען, און ער וואָגט נאָך פון מיר צו פערלאַנגען אַזאַ זאַך? איך קען ניט אייער גאָט, און די אידען וועל איך ניט ארויסשיקען!"

ווען פרעה האָט געענדיגט ריידען און ער האָט געקוקט אויף משה און אהרן, האָט ער געזעהן אַז זייער הויך איז ווי פון אַ צעדערבוים און זייערע אויגען לייכטען ווי די זון,

ער האָט זיך אויך פּערטראַכט אין דעם וואונדערבאַרען שטעקן וואָס משה האָט געהאַלטען אין האַנט, און ער האָט חרטה געהאַט אויף די בייזע ווערטער וואָס ער האָט צו זיי גערעדט. באַלד האָט ער געזאָגט:

„וואַרט דאָ, איך וועל אַריין אין מיין ביבליאָטעק, אפשר וועל איך געפינען וואָס מען האָט געשריבען וועגען אייער גאָט און איך וועל וויסען וואָס ער איז".

פּרעה איז אַוועק און געפונען ווי עס שטעהט פערשריבען אין זיינע ביכער: דער גאָט פון מואב און דער גאָט פון עמון און דער גאָט פון צידון. ער האָט זיך אומגעקערט צו משה און אהרן און געזאָגט:

„צווישען די געטער פון אַלע לענדער האָב איך געזוכט און איך האָב קיין געדעכעניש ניט געפונען פון אייער גאָט!"

משה און אהרן האָבען געענטפערט:

„נאַריש ביסטו צו זוכען דעם גאָט פון די אידען צווישען די טויטע געטער! אַ לעבעדיגער גאָט איז אונזער גאָט און ער איז דער קעניג פון דער וועלט!"

„וואָס איז אייער גאָט" — האָט פּרעה געפרעגט — „איז ער יונג אָדער אַלט? האָט ער פיעלע לענדער איינגענומען, און ווי אַלט איז ער געוועזען ווען ער איז אַרויף אויף זיין קעניגליכען שטוהל?"

משה און אהרן האָבען געענטפערט:

„מיט דעם כח פון אונזער גאָט און זיין גבורה איז פול די וועלט. איידער עס האָט נאָך געלעבט יעדע בעשעפעניש איז ער שוין געוועזען, איז און וועט זיין ביז דעם סוף פון אַלע וועלטען. אויך דיך האָט ער בעשאַפען און אין דיר אַריינגעגעבען דעם גייסט פון לעבען!"

„און מיט וואָס בעשעפטיגט זיך אייער גאָט?" — האָט פּרעה ווייטער געפרעגט.

און משה און אהרן האָבען געענטפערט:

„אונזער גאָט בויגט די הימלען און בעפעסטיגט די ערד, פון זיין קול ברעכען אַרוים פלאַמען פייער, ער צוברעכט בערג און צושמעטערט פעלזען; זיין בויגען איז פייער, זיינע פיילען זיינען פלאַם, זיין שפּיז איז אַ פייער־צונג, זיין פּאַנצער וואָלקענס, זיין שווערד איז אַ בליץ, ער בעשאַפט בערג און טהאָלען, ער בעדעקט די בערג מיט גראַז, לאָזט אַרונטער רעגען און טהוי, זעצט אַרונטער קעניגע און הויבט זיי אויף!...“

„איהר זאָגט ליגען!“ — האָט פּרעה געשריען — „איך בין דאָך דאָס דער האַר פון דער וועלט און איך האָב זיך זעלבסט בעשאַפען, און מיין טייך נילוס, און קיין אַנדערער גאָט אויסער מיר איז ניטאָ!“

פּרעה האָט צוזאַמען גערופען אַלע זיינע געלעהרטע און זיי געזאָגט:

„זאָגט מיר איך בעט אייך: האָט איהר ווען געהערט וועגען דעם גאָט פון די דאָזיגע מענשען?“

די געלעהרטע האָבען פּרעה׳ן געענטפערט:

„וועגען דעם גאָט פון די דאָזיגע מענשען האָבען מיר געהערט, אַז ער איז אַ זוהן פון חכמים און אַ קינד פון די אַלטע קעניגע“.

ווען פּרעה האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט צו משה׳ן און אהרן׳ען:

„איך קען ניט דערמאָנען גאָט און איך וועל די אידען ניט אַרויסשיקען!“

און גאָט האָט געזאָגט:

„דערפאַר וואָס פּרעה האָט אַזוי גערעדט וועט קומען אַ טאָג ווען ער וועט זאָגען: גאָט איז גערעכט און איך האָב געגען איהם געזינדיגט, און צו משה׳ן און אהרן׳ען וועט ער זאָגען: געהט פערלאָזט מיין לאַנד צוזאַמען מיט אייער פאָלק ישראל!...“

97

ים און ערד

ווען די מצריים האבען געזונקען האט דער ים געזאגט:
„איך וועל אויסשפייען די דאזיגע פיילע מתים אויף דער יבשה כדי זיי זאלען ניט פעראונרייניגען מיין וואסער!"
ווען דער ים האט גענומען ארויסווארפען פון זיך די קערפערס פון די מצריים, האט די ערד פראטעסטירט און געזאגט:

„איך קען דידאזיגע מתים ניט צונעהמען! ווען איך האב צוגענומען הבל'ס בלוט האט מיר גאט געזאגט: „פערשאלטען זאל זיין די ערד!" — ווי זשע קען איך איצט צונעהמען דאס בלוט פון דידאזיגע פיילע מתים!"
און די ערד האט זיי צוריק אריינגעווארפען אין ים אריין!
גאט האט זיך אריינגעמישט און געזאגט:
„דערפאר וואס פרעה האט געזאגט: גאט איז דער גע־רעכטער און איך און מיין פאלק זיינען די רשעים, וועל איך געבען די מצריים א בעערדיגונג".
און גאט האט בעפעהלען די ערד: „נעהם אריין אין זיך די מתים און זאלען זיי האבען אין דיר א קבר!"

98

עוזא און מיכאל

ווען אלע אידען זיינען ארויס פון ים, זיינען אריין אהין די מצריים, טראכטענדיג זיך: אט האט משה געמאכט א וועג אין ים, לאמיר נאכלויפען די אידען און זיי כאפען!
און גאט האט געקוקט אויף דעם לאגער פון די מצריים דורך פייערדיגע און וואלקענדיגע זיילען. דער וואלקען־זייל האט פערוואנדעלט דאס וואסער אין ליים, און דער פייער־זייל

האט עס געמאכט זיערן, אזוי אז ביי די פערד זיינען די קלאנס ארונטערגעריסען געווארען, און די רעדער פון די וועגענס זיינען ארונטערגעפאלען און פערברענט געווארען; דאן האבען די וואסער וועלכע זיך גענומען צוזאמענגעהן און פערזינקען די מצריים.

און ווען עוזא, דער שר פון מצרים, האט דאס געזעהן איז ער אוועקגעלאפען צו גאט און געזאגט:

„האר פון דער וועלט! גערעכט און אמת ביסטו דאך אין דיין משפט, ניטא ביי דיר קיין עולה און קיין פערבלענדונג, פאר וואס זשע משפט'סטו היינט אזוי מיינע קינדער, ניט ווי זיי האבען זיך פערדיענט? האבען דען מיינע קינדער פערזונקען דיינע קינדער, אדער האבען זיי זיי אויסגע'הרג'עט אדער אויסגע'שחט'ען? זיי האבען דאך זיי גארניט געטאהן אויסער וואס זיי האבען געצוואונגען צו ארבייטען אין הויז און אין פעלד, און אפילו פאר דער דאזיגער ארבייט האבען דיינע קינדער געקראגען זייער לוין, ווייל די מצריים האבען זיי געליהען זעהר פיעל גאלדענע און זילבערנע כלים".

און גאט האט צוזאמענגערופען די שופטים פון הימעל און צו זיי געזאגט:

„משפט איהר צווישען מיר און עוזא'ן! אין אמאליגע יאהרען איז געווען א הונגער אין לאנד מצרים, און יוסף איז געקומען און געראטעוועט די מצריים פון טויט און ער האט איבער זיי געקעניגט, און אלע עגיפטער זיינען געווען זיינע קנעכט; נאר ווען מיינע קינדער זיינען געקומען נאך מצרים, האבען די מצריים שנעל פערגעסען די טובות און חסדים וואס מען האט זיי געטאהן, און זיי האבען פערשקלאפט יוסף'ס ברידער און זיי געמאטערט און געפייניגט אזוי לאנג ביז דאס געשריי פון מיינע קינדער איז צו מיר אנגעקומען. ווען איך האב דאס געזעהן, האב איך געשיקט משה'ן און אהרן'ען זיי צו העלפען. און זיי זיינען אוועק צו פרעהן און צו איהם גערעדט אין מיין נאמען ער זאל בעפרייען די קינדער

ישראל. ער האט ניט געוואלט פאלגען און איך האב איהם געשלאגען. ער האט נאך שווערער געמאכט זיין יאך איבער זיי און נאך מעהר פערביטערט זייער לעבען. און איצט יאגט ער נאך די קינדער מיינע און וויל זיי כאפען און פערטיליגען!"

און די מלאכים האבען געזאגט:

„גערעכט ביסטו גאט און אלע דיינע וועגען!"

און עוזא האט פארגעלייגט זיינע טענות:

„אמת, מיינע קינדער האבען שלעכטס געטאהן און זיי האבען געגען דיר פיעל געזינדיגט, אבער דו ביסט דאך א גנעדיגער גאט און א גוטער — האב רחמנות אויף מיינע קינדער און ראטעווע זיי פון טויט!"

אין דער סעקונדע איז דער מלאך מיכאל אוועקגעפלויגען נאך מצרים און ארויסגענומען פון איינער פון די געביידעס וואס די אידען האבען אויפגעבויט, א ציגעל און א שטיק ליים און דאס אידישע קינד וואס איז דערמיט געווען צו־געקלעפט. און ער האט זיך געשטעלט פאר גאט און געזאגט:

„ווערסטו, א גאט, טאהן חסד מיט די, וועלכע האבען אויסגע'הרג'עט אונשולדיגע קינדער?"

ווען עוזא האט דאס געזעהן איז ער שטיל געבליבען. דאן איז געקומען שפטיאל און זיך געשטעלט פאר גאט און געזאגט:

„ווערסטו אויף אזעלכע רחמנות האבען און ניט פערטי־ליגען די מצריים פון אונטער דיינע הימלען?"

אין יענער מינוט האט זיך דאס וואסער צושטורעמט. און די כוואליעס האבען געברויזט און געשוימט און דער גאנצער ים איז געווארען ווי א זידיגער קעסעל; שווארצע וואלקענס האבען זיך פערשפרייט איבערן גאנצען הימעל. און די שטערען זיינען פינסטער געווארען. א שטורעם־ווינט האט אויסגעבראכען און געברומט און געוויינט; די אפגרונ־דען זיינען געעפענט געווארען — און די מצריים האבען אנ־געהויבען צו זינקען.

און די צייט ווען די מלאכים זאָגען שירה צו גאָט איז געקומען — און זיי האָבען זיך פערזאַמעלט גאַנצע מחנות. אָבער אַזוי באַלד ווי זיי האָבען געעפענט זייער מויל צו זאָגען שירה, האָט גאָט געזאָגט:

„ניט זינגט היינט! — מאָרגען וועט איהר זינגען! ווי קען איך הערען געזאַנג, ווען מיינע בעשעפענישען זינקען אין ים!“

99

דער שטן איז מקטרג

ווען דער ים איז געשפּאָלטען געוואָרען און עס איז געמאַכט געוואָרען פּלאַץ פאַר די אידען צו אַריבערגעהן, איז דער מלאך גבריאל געגאַנגען פאַראויס און ער האָט געזאָגט צו דעם וואַסער אויף דער לינקער זייט:

„ניט אָנריהרען זאָלסטו די אידען און זיי ניט פערניכטען, וויל עס וועט קומען אַ צייט ווען זיי וועלען לייגען תפלין אויף דער לינקער האַנט“.

דאָס וואַסער האָט געפאָלגט גבריאל'ס בעפעהל און זיך אָפּגערוקט, דאַן האָט גבריאל געזאָגט צו דעם וואַסער אויף דער רעכטער זייט:

„היט זיך ניט אָנצוריהרען די אידען וועלכע געהן מקבל זיין גאָט'ס תורה, וואָס וועט זיי געגעבען ווערען מיט זיין הייליגער רעכטער האַנט!“

אין יענעם מאָמענט איז דער שטן געקומען פאַר גאָט און ער האָט געזאָגט:

„ריכטער פון דער גאַנצער וועלט! ווערסטו טאָהן אַזעלכע גרויסע נסים פאַר די קינדער ישראל וועלכע האָבען געדיענט אין מצרים פרעמדע געטער און זיך צו זיי געבוקט?“

און גאָט האָט דעם שטן געענטפערט:

„ניט אוים וואוילטאָג האָבען די אידען געדיענט די מצרי'שע אָפּגעטער, נאָר אוים פיעל שווערער ארבייט און גרויסע ליידען, אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען יענע אַלע יאהרען. דעריבער האָב איך זיי פערגעבען און וועל זיי פאַר יענע מעשים ניט משפט'ן, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז אונ־שולדיג!"

דאָס האָט פערמאַכט דעם שטן'ס מויל און ער האָט אויפגעהערט רעדען.

און גאָט האָט געמאַכט אַרויסוואַקסען בוימער פון אַלער־ליי פרוכטען אין די וואַסער־ווענט וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער לינקער און רעכטער זייט פון די אידען, און די אידישע פרויען, ווען זייערע קינדער האָבען זיך צעוויינט, האָבען אריינגעטאָהן די הענט אין ־ים אריין און אָפּגעריסען טייערע און זיסע עפּעל און מילגרוימען און געגעבען זייערע קינדער צו עסען און זיי האָבען אויפגעהערט וויינען.

100

די טעמים פון מן

דער מן וואָס אידען האָבען געגעסען אין מדבר האָט געהאַט דעם טעם פון מילך, האָניג, פיינע ברויט געשמאַלצען מיט אויל, און אַלערליי מאכלים, געטרענקע און זיסע זאַכען, וואָס יעדער איינער האָט נאָר געוואָלט. ווען אַ קינד האָט געגעסען דעם מן האָט ער געפיהלט דעם טעם פון גוטע מילך, און ווען אימעצער האָט געוואָלט האָבען האָניג, האָט ער געגעסען דעם מן און געהאַט דעם זיסעסטען האָניג; די זקנים און דאָס פאָלק האָבען אין דעם מן געפיהלט דעם טעם פון בעסטען ברויט וואָס זיי האָבען ווען געגעסען. אויך איז דער געשמאַק פון מן געווען ווי פון די טייערסטע בשמים.

ווען עס איז אָבער געקומען שבת איז דער ריח פון מן נאָך בעסער געוואָרען און האָט טויזענד מאָל שעהנער אויס־געזעהן ווי אין די אַנדערע זעקס טעג פון דער וואָך. און ווען איינער האָט געזאָגט: איך פויל זיך היינט אַביסעל אַרויס־צוגעהן אין פעלד אַריין קלייבען דעם מן, האָט ער געפונען דעם מן גלייך ביי זיין טיהר און געקענט אויפקלייבען וויפיעל זיין האַרץ האָט געגלוסט.

און פאַר די מענשען וועלכע האָבען זיך געפוילט אפילו אַרויסצוגעהן פאַר דער טיהר און זיינען געלעגען אין זייערע בעטען, איז דער מן געפאַלען גלייך אין זייערע הייזער אַריין און זיי האָבען בלויז געדאַרפט אויסשטרעקען זייערע הענט און עסען!

101

דער טעם ליגט אין דעם זעהן

ר׳ חנניה און ר׳ יונתן האָבען געפרעגט ביי נחום טלמיא: „איז דאָס דען מעגליך אַז פון דעם מן וועלכער האָט אין זיך געהאַט אַלערליי טעמים, זיינען די אידען נאָך אַלץ געבליבען הונגעריג?“

וואָס האָט מנחם טלמיא געטאָהן? ער האָט פאַר זיי געבראַכט צוויי מעלאָנען. איינער איז געוועזען אַ גאַנצער, דער אַנדערער אַ צופאַלענער. נאָכדעם האָט ער זיי געפרעגט: „וויפיעל איז ווערטה דער גאַנצער?“

„צוויי מנה“, האָבען זיי געענטפערט.

„און וויפיעל איז ווערטה דער צובראָכענער?“

„איין מנה“, האָבען זיי געענטפערט.

„וואָרום?“ האָט מנחם ווייטער געפרעגט. „דער גאַנצער איז ניט גרעסער פון דעם צובראָכענעם, און שפּעטער וועט

מען דאַך דעם גאַנצען אויך צושניידען. דאָס צייגט, דאָס אַזוי ווי דער מענש האָט הנאה פון דעם טעם, אַזוי האָט ער אויך הנאה פון זעהן די זאַך וואָס ער עסט".

102

איידער די תורה איז געגעבען געוואָרען

ווען עס זיינען געווען פאַריבער דריי מאָנאַטען זייט אידען זיינען אַרויס פון מצרים, האָט גאָט געזאָגט:

„איצט וועל איך געבען דעם פאָלק ישראל מיין תורה, ווייל זיי האָבען שוין פון זיך אָפּגעוואַשען די אונריינקייט פון מצרים, און האָבען זיך געריינינגט אין פערלויף פון די דריי מאָנאַטען וואָס איך האָב זיי געשפּייזט מיט דעם ברויט פון הימעל פאַר זיי געטאָהן גרויסע וואונדער. איך וועל אָבער פריהער געהן צו די פעלקער פון דער וועלט און זיי פרעגען: „ווילט איהר מקבל זיין מיין תורה, צי ניט?" און אויב עס וועט זיך געפינען אַ פאָלק וואָס וועט וועלען מיין תורה, וועט עס ווערען אַ טייל פון אידישען פאָלק און איך וועל איהם דערפאַר גוטעס טאָהן. זאָלען זיך די אַנדערע פעלקער שפּעטער ניט קענען בעקלאָגען, אַז ווען דער גאָט פון די אידען וואָלט געווען זיי אָנגעבאָטען די תורה וואָלטען זיי זי אויך געוועז אָנגענומען!..."

און גאָט האָט זיך בעוויזען צו די קינדער פון עשו און צו זיי געזאָגט:

„ווילט איהר אָננעהמען מיין תורה אום אַז איהר און אייערע קינדער זאָלט לאַנג לעבען?"

„וואָס שטעהט געשריבען אין דער תורה?" — האָבען עשו'ס קינדער געפרעגט ביי גאָט.

„אין מיין תורה שטעהט געשריבען: „לא תרצח, (זאָלסט ניט מאָרדען)“ — האָט גאָט געענטפערט.

„חלילה! — האָבען עשו'ס קינדער געענטפערט — מיר קענען דיין תורה ניט אַננעהמען. מיר זיינען קריעגס־מענשען און אויף אונזער שווערד לעבען מיר!“

און גאָט איז געקומען צו די קינדער פון ישמעאל און צו זיי געזאָגט:

„ווילט איהר אַננעהמען מיין תורה, וועלכע איז אַ קוואַל פון לעבען פאַר אַלע וואָס היטען זי אָפּ?“

„לאָמיר הערען וואָס עס שטעהט אין איהר געשריבען“ — האָבען די ישמעאלים געפאָדערט.

און אַזוי באַלד ווי גאָט האָט געזאָגט, אַז אין דער תורה שטעהט געשריבען „לא תגנוב (זאָלסט ניט גנב'ענען)“ האָבען די ישמעאלים געענטפערט:

„ניין, ניין! מיר קענען אַזאַ תורה ניט אַננעהמען!“

און אויך צו די איינוואוינער פון צור און צידון און אַלע פעלקער פון לאַנד כנען האָט זיך גאָט בעוויזען און אַנגע־באָטען:

„נעהמט אָן מיין תורה — און עס וועט אייך גוט זיין און איהר וועט לאַנג לעבען אין אייער לאַנד“.

די כנענים האָבען געפרעגט וואָס עס שטעהט אין דער תורה. גאָט האָט זיי געענטפערט:

„אין דער תורה שטעהט: זאָלסט האָבען אַן עהרליכע וואָג, אַ פולע געוויכט און אַ פולע מאָס!“

„מיר נויטיגען זיך ניט אין אַ תורה וועלכע האָט אַזעלכע געזעצען און פעראָרדנונגען!“ — האָבען די כנענים געענטפערט.

און ווען עס האָט זיך ניט געפונען אויף דער גאַנצער וועלט איין פאָלק וואָס זאָל וועלען אַננעהמען גאָט'ס תורה, איז גאָט געקומען צו די אידען און זיי געגעבען די תורה.

103

גאָט און זײַן משפּט איז גערעכט

ווען משה האָט צוגעזען די עוולות, גזלות און רויבערייען וואָס רייכע און שטאַרקע בעגעהן געגען די אָרימע און הילפּ־לאָזע, איז ער געוואָרען זעהר טרויעריג און ער האָט געזאָגט צו גאָט:

„אָ ריכטער פון דער גאַנצער וועלט! פאַר וואָס לאָזט שלעכטס טאָהן דעם גערעכטען און טוסט גוטעס דעם רשע? פאַר וואָס פערמאַכסטו דיינע אויגען פון זעהן דאָס שלעכטע — זעהסט די עוולות און האַלסט זיי ניט אָפּ? מאַך מיך פערשטעהן, אָ גאָט, די סודות פון דיינע משפּטים, כדי איך זאָל קענען דערצעהלען וועגען דיין גערעכטיגקייט צווישען די מאַסען פון פאָלק".

גאָט האָט געענטפערט משה'ן און געזאָגט:

„איך האָב געהערט דיין געבעט, און איך וועל דיר ווייזען מיינע וועגען פון משפּט. אָבער נאָר עטוואָס וועסטו זעהן, ווייל אין גאַנצען קען קיין מענשען־קינד ניט זעהן! עפען אויף דיינע אויגען און קוק אויף די בילדער וואָס וועלען זיך פאַר דיר שטעלען".

משה האָט די אויגען אויפגעהויבען און געזעהן אַ קליין טייכעל אונטער אַ באַרג. און לויטער ווי קריסטאַל. באַלד האָט משה דערזעהן ווי אַ קריעגס־מאַן רייטענדיג אויף אַ פערד דערנעהנטערט זיך צום טייכעל. דער מאַן איז אַרונטער פון פערד, האָט געטרונקען און האָט אויך געגעבען דעם פערד צו טרינקען. אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָהן איז אַרויסגעפאַלען אַ בייטעל געלט פון זיינע בגדים און ער האָט דאָס ניט בע־מערקט, ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן פערד און אוועק־געריטען.

נאָך איינינע מינוטען איז געקומען צום טייכעל אַ קליי־נער אינגעל, אַ פאַסטוך, און ער האָט אָנגעטרונקען זיין

סטאַרע. ווען ער האָט שוין גענומען אַוועקגעהן, האָט ער דערזעהן דאָס בייטעל געלט וואָס דער קריגס־מאַן האָט פער־לאָרען. ער האָט עס אויפגעהויבען פון דער ערד און בע־האַלטען אין קעשענע אַריין. דאָס אינגעל האָט זיך מיט דער מציאה זעהר דערפרעהט און אויסגעשריען: „היינט דאַנק איך דיר גאָט פאַר דעם גליק וואָס דו האָסט מיר בעשערט! איך וועל מעהר ניט צוריק געהן צו מיין בעל הבית וועלכער שלאָגט מיך יעדען טאָג מכות־רצח. נאָר זיך אומקערען אהיים צו מיין מאַמען, און זי וועט פאַר דעם געלט קויפען אַ הויז און אַ שטיקעל פעלד און מיר'ן וואוינען צוזאַמען!"

אַזוי באַלד ווי דאָס אינגעל איז אַוועק פונ'ם טייך, האָט משה געזעהן ווי אַן אַלטער מאַן קומט אָן, ער איז געווען מיעד און שוואַך פון דעם לאַנגען וועג און דער היץ און איז נעגאַנגען מיט געבויגענע קניהען און אַן איינגעבויגענעם רוקען, צוקוקענדיג צום טייכעל האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, האָט אַרויסגענומען פון זיין זעקעל שטיקלעך פערדאַרטע ברויט, זיי איינגעטונקען אין וואַסער און געגעסען און געטרונקען. האַבענדיג אָפּגעגעסען האָט ער זיך אַוועק־געלעגט אויף דער ערד, אַוועקגעלעגט דאָס זעקעל צוקאָפּענס און איז איינגעשלאָפען.

דער קריעגס־מאַן ווען ער איז שוין געווען אַוועק פון טיי־כעל אַ ווייטע שטרעקע, האָט גענומען זוכען אין זיינע קליידער און געזעהן אַז ער האָט ניט דאָס געלד. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט זיך אַרונטערגעבויגען ביים טייכעל טרינקען וואַסער, און ער האָט פערשטאַנען אַז דאָרט האָט דאָס געלט געמוזט אַרויספאַלען פון זיין קעשענע. ער איז שנעל אַוועקגעריטען מיט'ן פערד צום טייכעל. ער איז צו־געגאַנגען צו דעם אַלטען שלאָפענדען מאַן, און אויפגעוועקט און געשריען:

„גיב מיר אָפּ מיין געלט וואָס דו האָסט דאָ געפונען, אויב דו ווילסט לעבען!?"

דער אלטער האט אויפגעוואכט פון זיין געשמאקען שלאף און געפרעגט פערוואונדערט: „וואס איז, וואס שרייסטו?"

„מיין געלט וויל איך! — האט יענער געענטפערט מיט רציחה — דו האסט עס דא געפונען און עס דיר צוגענומען!"

„איך האב דיין געלט ניט געזעהן — האט דער אלטער מאן געזאגט — דו טראכסט אויף מיר אוים א בלבול!"

„עס איז דא אויסער דיר קיינער ניט געווען! — האט דער קריעגס־מאן געשריען — דו האסט געפונען מיין געלט און עס בעהאלטען. דעריבער זאג איך דיר: גיב מיר אפ דאס געלט אויב דיין לעבען איז דיר טייער!"

די דאזיגע ווערטער האבען דעם אלטען בייז געמאכט, און ער האט דעם מאן אויסגעזידעלט און זיך אויסגעדרעהט אוועקצוגעהן. דער קריעגס־מאן איז דאן אין זיין גרויסער רציחה איהם בעפאלען און האט איהם ערמארדעט.

ער האט געזוכט אין דעם טויטען זקן'ס קליידער, האט אויסגעליידיגט זיין זעקעל, ארומגעזוכט איבעראל, און ווען ער האט זיין געלט ניט געפונען, איז ער ארויף אויף זיין פערד און אוועקגעריטען.

ווען משה האט דאס צוגעזעהן האט ער געשריען צו גאט:

„א גאט! איך האב גערעכנט אז די בילדער וואס מיינע אויגען וועלען זעהן וועלען מיר טרייסטען, און זיי האבען נאך מיינע שמערצען און וועהטאג שטארקער געמאכט! איך האב דאך נאר וואס געזעהן ווי אן אלטער אונשולדיגער מענש שטארבט. מיט א טויט פון אן אויסוואורף, און א קליינער אינגעל איז אין א מינוט רייך און גליקליך געווארען!"

און גאט האט געענטפערט משה'ן:

„הויב אויף דיינע אויגען און קוק אויף די שטאפלען פון דער לייטער וואס שטעהט פאר דיר. איך וועל דיר ארויפ־ברענגען אויף יענעם שפאפעל, וואו קיין מענש אויסער דיר איז נאך ניט ארויפגעקומען. עס וועלען זיך עפענען דיינע

אויגען און דו ווערסט זעהן אַז אַלע מיינע משפּטים זיינען גערעכט!"

משה איז אַרויף אויפ'ן לייטער און ער האָט זיך גע־שטעלט אויף דעם שטאַפּעל וואָס גאָט האָט איהם געהייסען.

„וואָס זעהסטו משה?" — האָט גאָט געפרעגט.

משה האָט געענטפערט:

„איך זעה אַ הינקענדיגען פויער און נעבען איהם אַ קליין אינגעל. און אַן אַלטער מאַן דערנעהנטערט זיך צו דעם הינקענדיגען פויער... ער בעפאַלט איהם פּלוצים, נעהמט צו זיין געלט און ערמאָרדעט איהם... און דאָרט שטעהט אַ סאָל־דאַט, ער זעהט־צו דעם מאָרד און גזלה, און עס אַרט איהם ניט!..."

„האָסט ריכטיג געזעהן — האָט גאָט געזאָגט משה'ן — און איצט הער זיך צו און איך וועל פאַר דיר קלאָר מאַכען די ווענען פון מיין משפּט: דער אַלטער מאַן, וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרען ביים טייכעל, איז דערזעלבער אַלטער מאַן וועלכער האָט ערמאָרדעט דעם הינקענדיגען פויער און צוגענומען זיין געלט, וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזעהן. און דער סאָלדאַט וועלכער האָט איהם ערמאָרדעט, איז דער זעלבער מאַן וואָס דו האָסט איהם געזעהן שטעהן פון דער ווייטענס צוזעהענדיג דעם מאָרד און די גזלה און האָט זיך ניט אָפּגערופען. דער דאָזיגער סאָלדאַט האָט געפונען דאָס בייטעל געלט וואָס איז אַרויסגעפאַלען פון דער האַנט פון דעם אַלטען רוצח ווען ער האָט זיך געאיילט צו אַנטלויפען און ער האָט עס צוגענומען. און ווייל דאָס געלט איז ניט זיין, האָט ער עס פערלוירען ווען ער האָט אָנגעטרונקען זיין פערד ביים טייך. דאָס פאַסטוך־אינגעל האָט דאָס געלט געפונען, ווייל ער איז דער זוהן פון דעם הינקענדיגען פויער, און ער האָט גע'ירש'נט זיין פאָטער. און איצט מיין קנעכט משה! זעה ווי גערעכט עס זיינען מיינע משפּטים! דער וואָס האָט אומגעבראַכט אַ מענשען, האָט אַליין זיין לעבען פערלאָרען.

און דער סאָלדאַט וואָס האָט ניט געוואָלט טויטען דעם זקן ווען ער איז בעפאָלען דעם הינקענדיגען און איהם ערמאָרדעט — האָט איהם איצט געטויטעט ביים ברעג פון טייך. אויך דאָס גע'גזל'טע געלט האָב איך איבערגעגעבען אין דער האַנט פון דעם פּאַסטוך־איינגעל, ווייל ער איז דער איינציגער יורש פון זיין פאַטער, און איהם קומט די ירושה!...“

ווען משה האָט דאָס געהערט האָט ער אויסגערופען:

„גערעכט ביסטו, גאָט, דו ביסט יושר און גערעכטיגקייט און ביי דיר איז קיין עולה ניטאָ!“

104

די טויערען פון חסד

משה האָט געזאָגט צו גאָט:

„ווייז מיר דיין רייכטום!“

„עפען דיינע אויגען — האָט גאָט געזאָגט — און זעה!“

און ווען גאָט האָט דאָס געזאָגט, האָבען זיך געעפענט טויערען פון גרויסער שטראַהלענדער ליכט.

„וועמעס זיינען די דאָזיגע טויערען? — האָט משה גע־פרעגט.

„פאַר די וואָס לערנען מיין תורה“ — האָט גאָט גע־ענטפערט.

און יענע טויערען זיינען פערשלאָסען געוואָרען און עס האָבען זיך געעפענט די טויערען פון הילף און טרייסט.

„און וועמעס זיינען די טויערען?“ — האָט משה גע־פרעגט.

„די וואָס האָבען בטחון אין מיר ווען עס איז זיי שלעכט“ — האָט גאָט געזאָגט.

און ד י טויערן האָבן זיך געשלאָסען און עס האָבען זיך געעפענט אַנדערע, וואָס האָבען פערבלענדעט משה'ס אויגען מיט זייער פּראַכט. ער האָט זיך איינגעקוקט און געזעהן, אַז די טויערן זיינען פול מיט קרוינען, און אויף יעדער קרוין זיינען אויסגעקריצט מיט גאָט'ס פינגער די ווערטער „שם טוב", און משה האָט געפרעגט:

„וועמעס זיינען די דאָזיגע וואונדערבאַרע קרוינען?"

„זיי ווערען געגעבען — האָט גאָט געענטפערט — צו די וואָס טהוען צדקה און חסד, צו די וואָס שפּייזען יתומים און זייערע ערציהער, און צו אַלע מענשען וואָס העלפען און שיצען דעם אָרימאַן!"

ווען גאָט האָט געענדיגט די דאָזיגע רייד האָבען זיך יענע טויערן פערשלאָסען און עס האָבען זיך געעפענט טויערן, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט „חסד חנם" (אומזיסטער חסד).

„און וועמעס זיינען די טויערן?" — האָט משה געפרעגט און גאָט האָט איהם געענטפערט:

„די דאָזיגע טויערן זיינען מיינע. איך מיין רחמנות אויף מיינע בעשעפעני‌שען און איך מיין מיטלייד מיט זיי, טהו איך מיט זיי א ו מ ז י ס ט ע ן ח ס ד, ווייל וואָס קען דער מענש געבען גאָט, און וואָס קען גאָט פון איהם נעהמען?..."

105

קרח דער ליץ

קרח איז געווען א גרויסער ליץ. ער פלעגט צוזאַמענקלייבען די אידען און פלעגט פאַר זיי אָפּשפּעטען פון משה רבינו

און פון אהרן. וואס פלעגט ער זאגן? ער פלעגט דערצעהלען אזא מעשה:

„אין מיין נאכבארשאפט האט געוואוינט אן ארימע אלמנה מיט איהרע צוויי טעכטער די יתומות, און זי האט געהאט א פעלד וואס איז איהר געבליבען בירושה פון איהר מאן. האט זי געוואלט דאס פעלד בעארבייטען. ווען זי האט אנגעהויבען צו אקערען איז געקומען משה און האט צו איהר געזאגט:

„—זאלסט ניט ארבייטען מיט א פערד און אן אקס צוזאמען.

„ווען זי האט זיך גענומען צו זייהען, איז געקומען משה און האט צו איהר געזאגט:

„—אויף דיין פעלד זאלסטו ניט זייהען כלאים.

„ווען עס איז געקומען די צייט פון שניידען די תבואה און מאכען גארבען, איז משה ווידער געקומען און געזאגט:

„—דו דארפסט לאזען לקט, שכחה און פאה פאר די ארעמע לייט.

„ווען די אלמנה האט זיך גענומען גרייטען צו דרעשען די תבואה, האט משה איהר אנגעזאגט:

„—גיב תרומה, מעשר ראשון און מעשר שני.

„די ארעמע פרוי האט די אלע בעפעהלען אנגענומען אויף זיך מיט גוטען און האט משה'ן געגעבען אלעס וואס ער האט געפאדערט. אבער זעהענדיג אז זי האט גארניט פון איהר פעלד, האט זי דאס פעלד פערקויפט און פאר דעם געלד געקויפט א פאר שעפסען. אויף די שעפסען האט זי געלייגט גרויסע האפענונגען. פון זייער וואל וועט זי האבען קליידער און פון די קליינע שעפסעלעך וואס זיי וועלען געבוירען וועט זי האבען פלייש צו עסען.

„ווי נאר די שעפסען האבען געבוירען, איז געקומען אהרן הכהן און געפאדערט די בכורות. ווייל אזוי האט משה בעפוי־לען אז אלע ערשטלינגע געהערען צום כהן.

די אלמנה האט געפאלגט דעם דין און האט איהם אוועק־
געגעבען די ערשטלינגע.

„שפעטער איז געקומען די צייט פון שערען די שעפסען.
איז ווידער געקומען אהרן און האט געפאדערט ראשית הגז,
די ערשטע וואל וואס מען שערט, ווייל דאס געהער אויך צום
כהן.

„דא איז שוין די אלמנה ארויס פון געדולד און האט
אויסגערופען:

„—איך נעהם און שעכט זיי, עס זיי אויף, און א סוף!
ווי נאר זי האט די שעפסען געקוילעט, איז אהרן געקומען
און געפאדערט:

„—לויט דעם דין קומט מיר די האלז, די באקען און
דער מאגען.

„—וואס?—האט די אלמנה ווידער אויסגערופען—איך
בין נאך אלץ ניט פטור געווארען פון איהם? אויב אזוי,
איז מיר ניט, דיר ניט. איך לייג אויף די פלייש א חרם!

„—אויב א חרם האט אהרן געזאגט—דאן קומט עס מיר
אין גאנצען, ווייל אזוי איז דער דין, אז א איד איז עפעס
מחרים קומט עס דעם כהן.

„האט ער צוגענומען די געקוילעטע שעפסען אין גאנצען
און איז אוועקגעגאנגען, איבערלאזענדיג די אלמנה א וויי־
נענדיגע. נו פרעג איך אייך, איז דאס רעכט אזוי?"

106

גוטע קינדער פון א שלעכטען טאטען

ווען משה איז געקומען צו קרח'ן מיט איהם ריידען ווע־
גען שלום, און עס האבען איהם געזעהן קרח'ס דריי זיהן,
האבען זיי ארונטערגעלאזט די קעפ און געזאגט איינער צום
צווייטען:

„וואָס זאָלען מיר דאָ טאָהן? זאָלען מיר אויפשטעהן פאַר משה'ן וועט דאָס פערדריסען אונזער פאָטער, און ער וועט זיך דערפון זעהר קרענקען, און מיר האָבען דאָך געהערט גאָט'ס געבאָט, בכבוד צו האַלטען פאָטער און מוטער... זאָלען מיר פאַר איהם ניט אויפשטעהן — וועט דאָס געפעלען ווערען אין גאָט'ס אויגען, וועלכער האָט אונז געבאָטען אויפצושטעהן פאַר אַן עלטערען מענשען און איהם אָבגעבען כבוד?"

און איינער פון זיי האָט געענטפערט:

„מיינע ברידער! לאָמיר אויפשטעהן פאַר דעם מענשען, וועלכער קומט צוגונסטען שלום, און לאָמיר דאָס מאָל ניט אַכטען אונזער פאָטער, וועלכער העצט צו מחלוקת צווישען פאָלק!"

און גאָט האָט געזאָגט:

„דערפאַר וואָס ביי די קינדער פון קרח איז טייער דער שלום, וועל איך זיי בענשען מיט שלום, און ווען קרח וועט שטאַרבען, וועלען זיינען קינדער ניט שטאַרבען!"

107

העבער און העבער

ווען די טעכטער פון צלפחד האָבען געהערט פון משה'ס בעפעהל, איינצוטיילען דאָס לאַנד צווישען די אידישע שבטים, האָבען זיי געזאָגט איינע צו דער צווייטער:

„לאָמיר אָוועק צו משה'ן און איהם פרעגען: „פאַר וואָס זאָל דער נאָמען פון אונזער פאָטער אויסגעלאָזען ווערען פון דער משפחה דערפאַר וואָס ער האָט קיין זיהן ניט געהאַט — גיב אונז אַ נחלה צווישען די ברידער פון אונזער פאָטער!"

איינע האט זיך אבגערופען:

„מיר דארפען ניט געהן באלד צו משה'ן; לאמיר געהן ערשט צו די אויפזעהער פון די צעהנדליגע גרופעס, און אויב דאס וועט פאר זיי זיין שווער צו בעשליסען, וועלען זיי אונז אבשיקען צו די אויפזעהער פון די פופציגער גרופעס, און אויב אויך זיי וועלען ניט קענען בעשליסען, וועלען מיר קומען צו די אויפזעהער פון די הונדערטער־גרופעס."

דען אזוי זיינען די אויפזעהער געווען איינגעארדענט: שרי־עשרות, שרי־חמשים, שרי־מאות און שרי־אלפים.

די טעכטער פון צלפחד האבען אזוי געטאהן און זיי זיינען געקומען צו די אויפזעהער פון די „צעהנדליגע" און פאר זיי פארגעלעגט זייער טענה. די אויפזעהער האבען זיי געענטפערט:

„דאס איז א משפט װעגען נחלה, געהט צו די אויפזעהער פון די „פופציגער", וועלכע זיינען פערשטענדיגער פון אונז!"

די טעכטער פון צלפחד זיינען געקומען צו די אויפזעהער פון די „פופציגער" און זיי האבען געזאגט:

„אונזער פאטער איז געשטארבען ניט איבערלאזענדיג זיהן, און מיר ווילען א נחלה צווישען די ברידער פון אונזער פאטער!"

די אויפזעהער האבען געזאגט איינער צום צווייטען:

„דערפאר וואס די אויפזעהער פון די „צעהנדליגע" האבען אונז ארויסגעוויזען כבוד, לאמיר זשע אויך ניט פערגעסען, אז עס זיינען פאראן העכערע פון אונז, און לאמיר אבשיקען די מיידלעך צו די אויפזעהער פון די „הונדערטער".

און די טעכטער פון צלפחד זיינען געקומען צו די אויפזעהער פון די „הונדערטער" און דערצעהלט, אז די ערשטע און די צווייטע האבען זיי אבגעשיקט צו די העכערע בעאמטע.

און זיי ווילען זייער ענטשיידונג. די אויפזועהער פון די הונדערטער האבען געזאגט:

„די אויפזועהער פון די „פופציגער“ האבען אונז בכבוד געהאלטען, דארף דער כבוד פון די „טויזענדער“־אויפזועהער ביי אונז נאך גרעסער זיין — מיר קענען די זאך ניט בעשליסען. געהט צו די אויפזועהער פון די „טויזענדער“!“

ווען די טעכטער פון צלפחד זיינען געקומען צו די אויפזעהער פון „טויזענדער“ און זיי וועגען אלץ דערצעהלט, האבען יענע געזאגט:

„ניט דערפאר וואס זיי ווייסען ניט דעם פסק האבען די אויפזועהער פון „הונדערטע“ געשיקט די מיידלעך צו אונז, נאר אוים כבוד און רעספעקט צו אונז — דערפאר לאמיר אויך געהן אין זייער וועג און לאמיר אבשיקען די מיידלאך צו די נשיאים“.

ווען די טעכטער פון צלפחד זיינען געקומען צו די נשיאים און פארנעלעגט זייער טענה, האבען די נשיאים געענטפערט:

„עס איז ניטא אזא קלוגער און פערשטענדיגער ווי משה בן עמרם, געהט צו איהם און ער וועט ערפילען אייער פער־לאנג!“

ווען זיי זיינען געקומען צו משה׳ן, האט מחלה גע־זאגט:

„אונזער פאטער איז געשטארבען אין מדבר!“

און נועה האט זיך אבגערופען:

„און ער איז ניט געווען צווישען די וואס האבען זיך געבונטעוועט נעגען גאט אין קרח׳ס באנדע!“

און חגלה האט געזאגט:

„ער איז געשטארבען פאר זיין זינד — ער האט צונויפ־געקליבען האלץ אין שבת!“

„און קיין זיהן האט ער ניט געלאזט!“ — האט זיך מלכה אבגערופען.

„און פאר וואס זאל אונזער פאטער׳ס נאמען אויסגע־שלאסען ווערען פון דער משפחה?“ — האט תרצה זיך גע־בייזערט.

משה האט געזאגט:

„פאר וואס האט איהר ניט געבראכט אייער משפט פאר די עלטסטע פון פאלק?“

„מיר האבען יא געבראכט אונזער משפט פאר זיי — האבען צלפחד׳ס טעכטער געענטפערט — און אויך ביי די נשיאים זיינען מיר געווען, און זיי האבען אונז אבגעשיקט צו דיר.“

משה האט זיך געטראכט: דערפאר וואס די עלטסטע פון פאלק האבען אזוי געהאנדעלט אוים כבוד פון איינעם צום צווייטען און ווייזענדיג אז עס זיינען דא העכערע, וועל איך זיי אויך בכבוד האלטען און זיי צייגען, אז עס איז פאראן א העכערער אויך פון מיר!

און משה האט געבראכט דעם משפט פון צלפחד׳ס טעכ־טער פאר גאט.